STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06561

DI BIME

Y. L. Lazerov

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די בימה

גאנצע רעדעס אויף יעדען שבת

פון יעדער פרשה, פונקט ווי עס איז גערעדט
געווארען פון דעם מחבר אליין, מאמרים,
משלים, אפילו די „שיחת חולין".

יעדער ספר — א רעדע

נאך דעם דרוש קומען משלים, ציצים ופרחים

פון דעם מחבר הרב הדרשן והמטיף המפורסם
יהודה ליב לאזעראוו
מחבר פון דברי יהודה, דגל יהודה, קול יהודה,
מטה יהודה, בית יהודה, אידישען רעדנער, ועוד.

חוברות:
כ"ה, כ"ו, כ"ז, כ"ח, כ"ט, ל', ל"א, ל"ב

RABBI L. LAZEROW
1541—78th Street, Brooklyn, N. Y.

ניו־יורק — תרפ"ד

געדרוקט אין לעוואנט פרעס,
138 צוויטע סטריט,
ניו יארק.

פרשה ויקרא

(דרוש א)

דרוש לתשובה

נעשה אדם בצלמנו (בראשית ב׳)
זה ספר תולדות אדם (שם)
ויקרא את שמם אדם (שם)
והוא יהיה פרא אדם (לך)
אדם כי יקריב מכם קרבן לה׳ (ויקרא א׳)
אדם כי יהיה בעור בשרו שאת או ספחת (תזריע)
אדם כי ימות באוהל (מצורע)
אדם ובהמה תושיע ה׳ (תהלים)

איך מוז בעמערקען צו די לעזער, דאס אין דעם ענין פון קרבנות וויל איך גאר ניט שרייבען, ווייל איך מוז אייך מודה זיין, אז איך פערשטעה זעהר וויניג די בעדייטונג פון דעם, און וואס מיר דוכט זיך אז איך פערשטעה, קען אויך זיין גיכער ניט ריכטיג. דארום האב איך בעסער געשטעלט אלס יסוד פון מיין דרוש אויף פרשה ויקרא, די „מסורה״, וואס עס וועט בעהאנדעלט ווערען, דעם מוסר פון די קרבנות.

די וועלט איז א ים הגדול, דעם מענשענס לעבען איז א שיף, גאט האלט דעם רודער, דעם בלאזט א גוטער ווינד, דעם — א שטורעם, אבער צו איין ברעג מוזען אלע קומען.

די בעדייטונג דערפון מעהר ארום צו ריידען, די וועלט, דער ים הגדול, רוישט, שטורעמט, רוהט ניט קיין רגע, די כוואליעס ווארפען זיך אין דער לייננ און אין דער ברייט, זיי ווילען אומ־

ווארפען די שיף, דעם מענשענס לעבען, אבער גאט האלט דעם רודער... און ער היט די שיף אויף ניט צו פערשלונגען ווערען אין דעם רוישענדען ים. — אבער טאקע גאט האלט דעם רודער. דאס איז אלץ גערעדט, אז דער מענש פאלגט אוים די רולס וואס ער דארף היטען... פאהרענדיג אויף דעם ים — דאן געהט די שיף, דער מענש, רעגעלמעסיג אויף דעם רוישענדען ים — די וועלט, וייל גאט היט איהם און זיין לעבען איז ניט אין געפאהר. אבער ח"ו ווען דער מענש פאלגט ניט אוים דעם קאנסטיטוציאן, ער לויפט, און פליהט, און שפרינגט, ווען מען טאר ניט, ווען מען דארף ניט, דאן העלפט ניט דער רודערען פון גאט ב"ה, און ער בלייבט אהן כחות, און ווערט יונגערהייט פערשלונגען פון די כוואליעס צום טיעפען אבגרונד. אמת, צו איין ברעג, צום פינס־טערען קבר, מוזען אלע קומען... אבער נאכהער בלייבען ניט אלע אויף איין פלאץ.

איך וועל אייך דערצעהלען א סיפור, וואס מיר אליין האט פאסירט. קומענדיג אין שיקאגא דעם ערשטען מאל, אלס גרינער, מיט דרייסיג יאהר בעפאר, „את חטאי אני מזכיר היום", אז איך האב ניט געוואלט זיין קיין רב און קיין דרשן, איך האב עס גע־האסט, ניט ח"ו די תורה, נאר דעם מאכען א לעבען פון דער תורה... מיין אומגליק איז געווען, אז איך פלעג נאר אבזאגען א דרוש שבת, און א דרוש זונטאג, פלעגט מען מיר דערלאנגען צופיעל געלד, אבער דאך איז מיר עס ניט געפעלען געוועזען. מילא די רבנות האב איך אין גאנצען פערלייקענט. אין יעדען דרוש האב איך זיך פארגעשטעלט אלס דרשן, אבער ניט קיין רב...

אזוי! האסענדיג מיין טאלאנט, האב איך געזוכט מיטלען, ווי צוצוקומען צו ביזנעס, און אזוי ארומגעהענדיג אין די סטריטען, האב איך זיך בעקענט מיט א ביזנעסמאן, דער וועלכער געהט ארום איינקויפען רעגס (איך האב איהם דאן געהאלטען פאר א גרויסען נעשעפטסמאן). קורץ איך האב זיך איינגעבעטען ביי איהם, אז איך זאל זיין ארויסהעלפער ווערען...

מיט דעם מאן האב איך אנגעהויבען געהן. דעם זאק האט

ער מיר „מכבד" געווען מיט „הגבה". מען האט אונז ארויפגערופען אין א רייכער הויז, די ליידי האט אונז אנגעוויזען אויף א בארג רעגס, און האט צוגעטראגען, דערצו צוגעלייגט צוויי גוטע סוטס, וועלכע זיינען אין מיינע אויגען ווערט געווען אן ערד פון פופציג דאלערביידע. ער האט איהר געגעבען דערפאר איין דאלאר, און ער הייסט מיר פאקען אין זאק. איך נעם די רעגס און פאק... און די סוטס לייג איך אן א זייט. געהט ער צו און זאגט מיר איין אויער: „שוטה", פאק די סוטס אריין מיט די רעגס צוזאמען. איך האב ניט געפרעגט גאר ניט. איך האב מורא געהאט פאר איהם... און אביסל דרך ארץ אויך...

אז מיר זיינען שוין געווען אין סטריט, פרעג איך איהם, ווי אזוי הייסט ער מיר טהאן אזא זאך, נעמען אזעלכע גוטע סוטס און פאקען מיט רעגס צוזאמען? קוק און שווייג! איז געווען זיין ענטפער, מיט נאך א פאר ווערטער „דברי כבושין" און ער האט זיך צוהיצט און צושריגען: ווילסטו ווערען א מענש, זאלסטו קיין קשיות ניט פרעגען!

צוזאמענגעדרעהט אין דרייען האב איך דעם זאק געשלעפט, ביז מיר זיינען געקומען אין א רעגס שאפ. דאן האט ער מיר בע־פוילען אויסצושאקלען דעם זאק, און ער האט גענומען פארטעווען, וואלענס צו וואלענס, קאטען צו קאטען, און די סוטס האט ער אויפגעהויבען און אבגעטרייסעלט, און זאגט צו מיר: דו זעהסט, אמת מיר האבען געפאקט צוזאמען. אבער יעצט, זעהסטו, איז דא א פיקער, ער פיקט אויס יעדען סארט בעזונדער, יעדע זאך ווערט געוואויגען, יעדע זאך נאך זיין ווערדע, און דעם סוט, קום, וועלען מיר אריינטראגען אים צו א קלינער, ער וועט עס אויס־קלינען און וועט עס פרעסען, און נאכהער וועלען מיר עס אריינ־טראגן צום סעקאנד הענד ביזנעסמאן, און מיר וועלען אבנעהמען א פינף און צוואנציגער.

אמת! דער וואס האט פאהרענדיג אויפ'ן שיף ניט נאכגע־פאלגט די רולס, וועלכע עס איז איהם פארגעזאגט געווארען, די תרי"ג מצות, חוץ דעם וואס ער ווערט דערטרונקען אין דעם רוי־

שענדען ים, די וועלט, און אז ער לעבט, און געהט נאך די תאות העולם הזה, לאכט ער נאך פון די וואס היטען דעם קאנסטיטו־ציאן, און ער לאכט נאך פון זיי, אז נאכ'ן טויט מהוט מען אריין אין איין זאק, אין זעלבען קבר, דעם צדיק, דעם רשע, דעם סוט, און די רעגם, אלעם אין איין זאק...

יא, ברודער לעבען, דו ביסט גערעכט. טאקע אין איין זאק. אלעמען צו גלייך. אבער נאך דעם, ווען מען קומט אהין, איז דא א פיקער, און געוויס עטליכע, רעגם בלייבט רעגם... און א סוט איז טאקע א סוט. מען נעמט דעם סוט (דעם צדיק), ער האט דאך פלעקען, דארף מען עס וואשען און טאקע פרעסען, אבער עס בלייבט א שעהנער סוט. ודו"ק.

יא! צו איין ברעג קומען אלע. אבער דאך... ווי איך האב דערקלעהרט, וואס זאגט אבער אונזער קאנסטיטוציאן, אז דער יעניגער, וואס פאהרט אויף דער שיף, און איז ניט אבגעהיט, ווי עס בעדארף צו זיין, האט ער יעדע צייט, יעדען טאג, יעדע שעה, רעכט צו אומקעהרען זיך פון זיין שלעכטען וועג, „ושבת עד ה' אלקיך" זאגט די תורה, — „שובה ישראל", זאגט דער נביא, און נאך זעהר פיעל פסוקים כדומה.

די חכמים זאגען אונז: „אם רואה אדם שיסורין באין עליו יפשפש במעשיו" (ברכות ח') „מי כתיב חוטאים וכו' בעי רחמים דליהדרי בתשובה" (שם יו"ד) „אל תהי ככסילים שחוטאים וכו' ואין עושין תשובה" (שם כ"ג), „מקום שבעלי תשובה עומדין וכו'" (שם ל"ד) פרקליטים של אדם תשובה ומעשים טובים" (שבת ל"ב) „תשובה נבראה קודם העולם" (פסחים נ"ד) „ידו של הקב"ה פרושה לקבל בעלי תשובה" (שם קי"ט) „גדולה תשובה שמגעת עד כסא הכבוד" (יומא פ"ו) „אשרי מי שלא חטא ומשחטא ישוב" (סוכה נ"ג). איך דיינק אז עס איז גענוג...

דער ירושלמי (מכות פ"ב הל"ו) זאגט: „שאלו לחכמה חוטא מהו עונשו, א"ל חטאים תרדף רעה, שאלו לנבואה — נפש החוטאת תמות, שאלו להקב"ה — יעשה תשובה". מיט דעם מאמר, דאס ווען מען האט געפרעגט צו די חכמה, וואס קומט דעם מענשען,

די נבואה האט געזאגט, טויט קומט איהם, און גאט ב"ה האט דער וואס זינדיגט, האט די חכמה געענטפערט, יסורים קומט איהם. געענטפערט, ניט קיין יסורים וויל איך דעם מענשען פערשאפען, ניט קיין טויט, נאר תשובה. אין מדרש ווערט געזאגט פון נאך א פראגע: „שאלו לתורה — יעשה תשובה ויתכפר„.

יעצט וועלען מיר אנפאנגען קומען צו אונזער „מסורה". לעזט און פערשטעהט, אז עס וועט ניט זיין קיין איבעריגע זילבע.

ווען דער בעשעפער אונזערער האט שוין געהאט בעשאפען די וועלטעלע, דעם גרויסען, שטורעמדיגען רוישענדען ים... האט ער געזאגט צו די מלאכים, זייט וויסען, אז אויף דעם שטורעמדיגען ים — די וועלטעלע מיינע, דארף איך האבען א שיף, א מענשען, דער וועלכער זאל קענען בעהערשען דעם רוישענדען ים, מיט די כוואליעס. דער מענשעלע זאל זיין אזא סארט, וואס ער וועט האבען א קאנסטיטוציאן, א תורה מיט תרי"ג מצות, ער זאל זיך אויס־צייכענען מיט דער תורה זיינער, און אריבער שווימען בשלום. ער זאל זיין אזא מין בריאה, מיט געטליכע כחות, און אויך מיט ערדישע כוחות. „נעשה אדם בצלמנו", מיר זאלען בעשאפען א מענשען אויף דעם ים צו פאהרען, „בצלמנו" אין אונזער בילד, אין אונזער געטליכען געשטאלט, ער זאל האבען א נייגונג צו געט־ליכקייט, אז ער זאל שטרעבען צו גוטעס. „זה ספר תולדות אדם", אז זיין היסטאריע זאל זיין נאר דער ספר, דער ספר און דער מענש זאלען זיין איינס, פאהרענדיג אויף דעם ים, זאל ער האבען נאר דעם ספר אין זינען. און אז ער שטארבט אב — זאל מען קענען אויף איהם זאגען, „זה ספר תולדות אדם", זיין גאנצע בע־געבענהייט איז נאר געווען דער ספר. מען נעמט אן „ארון" א פראסטען, פון האלץ, און מען שטעלט אין איהם אריין „ספרי תורות", קריגט ער א צונאמען „ארון קודש", וואס עס געפינט זיך אין איהם ניט מעהר ווי א ספר תורה, די „חמשה חומשי תורה", דאס אלעס. דער מענש, זיין קערפער, איז נאר א קעסטעלע, וואו עס האלט זיך אויף אין דעם קעסטעלע תורה, נביאים וכתובים, משנה וגמרא און נאך און נאך, איז דאך געווים „זה ספר תולדות

אדם". דער מענש קען זיין הייליג ווי דער ספר אליין. דאס ווענדעט זיך אן איהם. ווען קען זיין ריכטיג דער „נעשה אדם בצלמנו" — אז „זה ספר תולדות אדם".

דער מענש ווערט געבארען ווילד („כעיר פרא אדם יולד") און שוואך, שוואכער פאר אלע ברואים. דער עקסעלע, ווי ער ווערט געבארען, רופט מען איהם שוין אקס, ווייל ער איז שוין פארטיג, ער געהט אליין זייגען, ער שפרינגט, ער לויפט, אזוי ווי דער גרויסער אקס. דער מענש, ווען ער ווערט געבארען, ווייסט ער אפילו ניט צו זוכען און צו געפינען די ברוסט פון זיין מוטער, ער קען ניט געהן, ניט שטעהן, ניט זיצען, ניט לאכען, ניט פערשטעהן גאר ניט.

דערפאר אבער, אז ער צייכענט זיך שפעטער אויס, ווערט ער א מענש, און שטארבט מיט'ן טיטול מענש. אבער דער אקס בלייבט אימער אן אקס. דער מענש ווערט געבארען ווילד און קריגט דעם נאמען מענש, אויב ער וויל קריגען דעם נאמען. און מיט וואס קען ער אזא נאמען קריגען, דורך „זה ספר תולדות אדם" — דאדורך „ויקרא את שמם אדם"...

עס זיינען אבער דא א סך, די וועלכע ווילען ניט לעזען די קאנסטיטוציע, אדער זיי לעזען און ווילען ניט היטען די מצות פון איהם, אזא מענש קריגט ניט דעם נאמען מענש, נאר בלייבט מיט א נאמען „והוא יהיה פרא אדם".

אבער דער „פרא אדם", די בריאה וואס איז א צווייפיסיגע, „אדם" — אבער „פרא", אז מען מוז איהם רופען „פרא אדם". זאל ער זיך ניט לאזען איינריידען פון דעם יצר הרע אז ער קען שוין ניט ווערען קיין „אדם", נאר ער מוז בלייבען א „פרא אדם" — ניין! עס איז פאלש. מען וויל דיך פערפיהרען, אז דו זאלסט דער־טרונקען ווערען אין די רוישענדע כוואליעס פון דעם ים. ניין, מיין „פרא אדם", קער זיך אום צו השי"ת און זעה צו היטען זיינע פערזאג. קום צו געהן צו דיין גוטען גאט, דער וואס האט אימער גערודערט דיין שיפעלע, און האט דיך נעהיט ניט דערטרונקען צו ווערען. זיי וויסען, ווי גאט דיין קאפיטאן פון דיין שיף איז גוט

צו דיר. אז מען האט געפרעגט די תורה, וואס קומט דעם מענשען, דער וועלכער האט געזינדיגט, האט זי געזאגט, אין אמת, קומט איהם מיתה. נאר וואס זאל מען מיט איהם טהאן, מיט דעם „פרא אדם" — „אדם כי יקריב מכם", דער מענש האט זיך אליין גע־דארפט מקריב זיין, אבער איך וועל איהם ניט לאזען, זאל ער ברייגנען א קרבן און עס וועט איהם פערגעבען ווערען. „קרבן לה'". —„אדם כי יקריב מכם קרבן לה'"—אז „והוא יהיה פרא אדם"— זאל ער קענען מתקן זיין דעם „אדם כי יקריב מכם קרבן לה'", און ער זאל תשובה טהאן און טראכטען, אז אלעס וואס מען טהוט די בהמה האט מען אים גערארפט טהאן...

די „חכמה" האט געזאגט, אז קוים איז ער א „פרא אדם". אזא „אדם" קומט, „אדם כי יהיה בעור בשרו שאת או ספחת". ער דארף קריגען יסורים, אלערהאנט יסורים...

די „נבואה" האט געזאגט, ניין, מיט יסורים אליין איז נאך ניט גענוג דעם „פרא אדם" אבצוקומען. נאר וואס דען, „אדם כי ימות באוהל". ער דארף שטארבען אט דער „פרא אדם". — זאגט דער רבש"ע: אמת טאקע, מיין כוונה איז געוועזן, אז „נעשה אדם בצלמנו", אין געטליכען געשטאלט, מיט אלעם גוטען מוז ער און דארף זיין געטליך, מיט דעם „זה ספר תולדות אדם". אבער אויב ח"ו אז „והוא יהיה פרא אדם", געפעלט מיר ניט דאס וואס די „חכמה" האט געזאגט, „אדם כי יהיה בעור בשרו" — יסורים, ניין, מיר געפעלט דאס ניט. מיר געפעלט ניט געווים די נבואה, וואס זי וויל האבען אז „אדם כי ימות באוהל", אפילו די תורה וואס זי הייסט „אדם כי יקריב מכם קרבן לה'" — איך זאג אנדערש. אז דער מענש זאל תשובה טהאן, וואס דארף איך קרבנות... צו וואס זאל ער טויטען א בהמה, נאר תשובה אליין, און דאס איז גענוג. דאדורך איז „אדם ובהמה תושיע ה'", דעם מענשען און די בהמה האט גאט געהאלפען... ודו"ק.

שלאף ניט, מענשעלע, ווער ניט דערטרונקען אין דעם רווישענ־דיגען ים. — אויב דו טרינקסט זיך שוין, כאפ זיך אז דעם „עץ

החיים" פון דער תורה הקדושה... חלום ניט, מענשעלע... דו וועסט צופיעל חלומ'ען, וועסטו דערטרונקען ווערען אין ים התאוה...

מען האט מיר געפרעגט, ווארום צו ברכת כהנים זאגט מען צוויי מאהל דעם רבש"ע אני שלך וחלומותי שלך וכו' — און דעם יהי רצון זאגט מען נאר איין מאל, ווארום איז דאס אזוי? האב איך אין וויץ יענעם געענטפערט, זיי וויסען, אז ווען ער זאגט דעם ערשטען מאל דעם רבש"ע, חלומ'ט ער ווייטער, דארף ער גלייך זאגען נאך אמאל, פאר'ן איצטיגען חלומ'ען. — שלאף ניט, חלום ניט, שטעה אויף ווען עס איז נאך צייט, דער ים זאל דיר ניט פארשלינגען. אויב דו האסט גע'חלומ'ט, כאפ זיך אויף און זעה אז דו האסט אבגע'חלומ'ט, און זיי זיך שויז פותר חלום... אייב דו קאנסט ניט אליין זיך פותר חלום זיין, געה צו א רב און צו גרויסע מענשען, וועלכע זאלען דיר פותר חלום זיין.

פרשה צו

(דרוש ב)

דרוש לצדקה

צו את אהרן ואת בניו לאמר, זאת תורת העולה היא העולה על מוקדה על המזבח כל הלילה עד הבקר ואש המזבח תוקד בו. — רש"י אין צו אלא לשון זירוז מיד ולדורות, אר"ש ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש חסרון כיס.

צו געבען צדקה, צו שעצען אן אורח, אבגעבען כבוד א פרעמדען ארימאן, איבערהויפט א תלמיד חכם, אפילו עס דוכט זיך אז ער איז קלענער פאר דיר... קענען מיר אבלערנען פון דעם „שבת קודש". דער שבת קודש שעצט זעהר אן אורח. ער גיט איהם א פלאץ נאך זיין עהרע נאך, אומגעפעהר, אז עס קומט א קלייגער אורח צום שבת קודש... ווי ראש חודש אום שבת, גיט דער שבת קודש איהם א פלאץ, מען זאל איהם דערמאנען „ביום השבת וביום החודש" און אין מיטען תפילה „יעלה ויבוא" און גיט איהם אוועק א גאנצע תפילה „מוסף". אז עס קומט א גרעסערער אורח, אזוי ווי א יום טוב פון „שלש רגלים", גיט דער שבת איהם גאר א הויכען פלאץ, אין גאנצען איז דער יום טוב אויבען אן, אפילו די תפילה איז פון יום טוב. אז עס קומט צום שבת קודש דער גרויסער גאסט, וואס הייסט „יום כפור", גיט דער שבת איהם אפ אפילו תענוג שבת, ניט עסען, ניט טרינקען, אלעס פאר'ן יום כפור.

מיר מענשען דארפען דערפון אליין זיך אראבנעהמען א מוסר

השכל, ווי צו בעהאנדלען אן אורח נאך זיין עהרע נאך, און צו געבען צדקה נאך זיינע קרעפטען נאך. און פילייכט איבער זיינע קרעפטען. דער איז גליקליך. דאס וועט ער מיטנעהמען מיט זיך. דאס וועט ער מיטנעהמען און דאס איז זיין פערמעגען, וועלכע קיינער וועט פון איהם נים קענען צונעהמען, און צוליעב דעם וועט ער ניצול ווערען פון אלע מיני פורעניות וועלכע קומען אויף דער וועלט.

איך האב א מאהל געזאגט דעם מאמר פון די גמרא (יבמות ס"ג) „המלוה לעני בשעת דוחקו עליו הכתוב אומר אז תקרא" וכו'. טייערע לעזער, וואס הייסט אז מען לייעט דעם ארימאן „בשעת דוחקו" — געוויס איז דאך אזוי, אז ער רופט איהם ארימאן, איז איהם דאך ענג, ווי הייסט „בשעת דוחקו", איז איהם נים ענג, איז ער דאך נים קיין ארימאן?

נאר, טייערע לעזער, דאס הייסט אזוי: אז ווען איינעם איז זעהר גוט, די געשעפטען געהן גוט, פרנסה האט ער גענוג, נאך אויף „מותרות" אויך, און אין דער צייט, גיט ער עפעס דעם ארימאן, אמת טאקע ער טהוט גוטעס, אבער דאך איז קיין גרויסע קונץ בעוויזט ער נים, ווייל ער איז דאך פערמעגליך. נאר ווען איהם איז נים אזוי גלענצענד, די געשעפטען געהן איהם נים אזוי גוט, און דאך זעהט ער מיט אלע מעגליכקייטען נים צו ענטזאגען זיך פון צדקה, אין דער צייט וואס איהם אליין איז ענג, „המלוה לעני", ווען? „בשעת דוחקו", ווען איהם אליין איז ענג, „עליו הכתוב אומר" וכו'.

איך האב געהערט א וואונדערליכען ספור, פון אן איש אמת, וואס ער האט אליין בייגעוואהנט. אין דייטשלאנד, אין דער שטאט ליביק, זיינען געווען צוויי אידען אורחים, ביזנעסלייט, אבער קיין פעסער האבען זיי נים געהאט. איז זיי אנטקעגען געקומען א פאליס־מאן, און זיי האבען שוין גוט פערשטאנען, וואס דאס מיינט, אז זיי וועלען מוזען שמאכטען איינינע וואכען אין פריזאן, און נאכ־העד ארויסגעשיקט צו ווערען אויסער דעם גרענעץ.

זיינען זיי ביידע אנטלאפען. איינער איז אריינגעלאפען אין א הויז. גראדע איז אין דער הויז קיינער פון די הויז מענשען ניט געווען. און ער האט זיך ארונטערגעווארפען אונטער א בעט. ליגענדיג אונטער'ן בעט, זאגט ער מיט א שטימע: ר' מאיר, איך גיב א טאלער אויף צדקה און רעטע מיך פון זיינע הענד. ער הערט ווי דער פאליסמאן איז אריין אין הויז, זאגט ער: ר' מאיר, איך גיב צוויי (דער לעזער פארשטייט, אז ער האט דאס געזאגט צו ר' מאיר בעל הנס). ער בעמערקט, אז דער פאליסמאן האט איהם שוין בעמערקט, זאגט ער: ר' מאיר, איך גיב דריי, ר' מאיר, איך גיב פינף. דער פאליסמאן, הערענדיג, אז ער זאגט ר' מאיר, איך גיב דריי, פינף, האט ער געמיינט, אז דער צווייטער אנטלאפענער איז אויך אונטערן בעט. האט ער זיך געפרייט, אז ער האט געכאפט ביידען...

דער פאליסמאן האט איהם ארויסגעשלעפט פון אונטער'ן בעט און ער האט צו איהם געזאגט: דו יודע, שטעה היער און איך וועל דעם צווייטען יודע ארויסשלעפען. אז דער פאליסמאן האט זיך אנידערגעלייגט קריכענדיג אונטער'ן בעט, איז ער דערווייל אנטלאפען...

איהר זעהט, אז דינגענדיג זיך מיט „ר' מאיר בעל הנס" איז ער דאדורך ניצול געווארען. צדקה ראטעוועט דעם מענשען פון אלע צרות.

עס טהוט מיר זעהר לייד צו זאגען, אז די היינטיגע, אפילו די ארטהאדאקסישע, קהלות, ווילען אפילו ניט אויסהאלטען זייער רב בדרך כבוד. אמת, „צדקה" גיבען זיי צו אלע סאסייעטיס, וואס אין די סאסייעטיס איז זנות און אלע צרות, טאנצען אין מקום קדוש פאר „צדקה", פארהיינגען דעם ארון קודש, די תורה זאל ניט זעהן וואס דארטען טהוט זיך, און ווילען פערבלענדען כביכול אפילו זיינע אויגען (אזוי דוכט זיך זיי) מיט זייערע דאלארס: גיבען אוועק פאר קעץ האספיטעלער, הינטישע „בקור חולים" און זא ווייטער. און א תלמיד חכם, און נאך דערצו זייער אייגענעם,

איהם וויל מען ניט אויסהאלטען. סטייטש? אט אזוי איז עס. נאך מעהר, האטש זיי גיבען איהם ניט, שאצען זיי זיין פערמעגען. איינער זאגט, אז ער איז ווערט צעהן טויזענדער, דער אנדערער זאגט, נאך אמאל אזוי פיעל, א. ז. וו.

נאך מעהר, אז דער רב האט קיין פרנסה ניט פון זיין שטאט, און ער מאכט קיין לעבען ניט פאר זיין פרוי און קינדער, און אז עס מאכט זיך עפעס א פארדינסטעל פאר'ן רב, ווי א „הספד", אדער א „גט", אדער א „הכשר", זאגט דער פרעזידענט, דער שעה־נער איד: אך, וואס דער רב טהוט! ער האט דאך חרפות פון רב! דער פרעזידענט, דער צאצקעדיגער שעהנער מענשעלע, ער האט דאך מספיד געווען א זארשע! אוי, וואס די רבנים זיינען! ער. דער שעהנער פרעזידענטעל, ער מעג אלעס, נאר דער רב טאר גאר ניט. היינט וואלט איהר בערעכענען דעם פרעזידענט זיינע עבירות. צו דעם תלמיד חכם זיינע „עבירות", וואלט איהר גאר אויסגע־פונען, אז אפילו ניט זיינע עבירות, נאר אפילו זיינע טריפה'נע „מצות" זיינען די גרעסטע עבירות... און דעם רב'ס „עבירות" זיינען גאר מצות... און צוזייטענס, מיינע ליעבע קהלות, צדיקים טהייערע, איהר ווייסט, אז דער רב, ווען ער טהוט אן „עבירה", איז דאס אייער שולד, ווייל איהר צווינגט איהם דערצו, ווייל איהר ניט איהם ניט גענוג פאר זיין פאמיליע. ער האט אויך ליעב זיין פרוי מיט זיינע קינדער. זיינע אן „עבירה" איז גאר אייערע. דער שולד איז ניט זיינער, נאר אייערער. איהר מיינט אז איך זאג דאס? דאס זאגט די תורה אין „ויקרא": „אם הכהן המשיח יחטא", אויב דער רב זינדיגט, איז ער געווים ניט שולדיג פאר'ן הכשר, א. ד. ג. „ים הכהן המשויה יחטא" איז דאס „לאשמת העם", ווערען אלע זיינע זינד צוגעשריבען אויף די שולד פון זיינע מעמבערס, איבער־הויפט אויף דעם פרעזידענט'ס קאפ.

ניין! איך בין נאך ניט יוצא, און מוז פאר אייך ברייגנען דעם גאנצען פסוק: „אם הכהן המשיח יחטא לאשמת העם והביא על חטאתו אשר חטא פר בן בקר תמים לה'". פרעגען די חכמים,

וואו זאל נעהמען דער כהן אפר? ענטפערען זיי: „מתוך הצבור", פון דעם עולם. זיין קאנגרעגיישאן דארף ברייינגען דעם פר פאר איהם. — פרעג איך: סטייטש, „טוביא חטא וגיזוד מינגיד? זאל די תורה איהם אומבייטען פאר א גרינגערען קרבן, אזוי ווי א „מנחה'לע"? — ניין! חברה מיינע, טייערע שעהנע מענשעלעך. אז דער „כהן המשיח יחטא", איז ער דאך גאר ניט שולדיג, נאר ווער זיינען שולדיג? די קהלה זיינע איז שולדיג, „לאשמת העם", זאלען זיי, די שעהנע מענשען, ברייינגען פאר איהם א „פר", זיי דארפען פאר איהם תשובה טהאן... ודו"ק.

געדיינקט די הקדמה, דאס וועט אונז נויטיג זיין אויף שפע־טער, פאר די רש"י וואס איז אנפאנג דרוש איז געשטעלט.

דער רמב"ן גיט צו ערקלעהרען ד,עם געדאנק פון קרבנות, חוץ פון דעם „דרך הנסתר", נאר אויף דעם וועג פון „נגלה", אז דער עיקר איז, דאס א מענש זאל זיך בעדענקען, דאס אלעס וואס עס ווערט געטהאן צום קרבן, האט מען געדארפט טהאן צו איהם, ווייל ער איז דער זינדיגער, און די תורה האט אומגעביטען די בהמה אנשטאט איהם, ווארום נאך דעם „מדת הדין" נאך האט ער אליין געדארפט שטארבען.

„זאת תורת העולה", דאס איז דער ריכטיגער דין פון דער „עולה", „היא העולה", זי, די נשמה, האט געדארפט זיין די „עולה". אדער ווי עס איז געשריבען „הוא העולה", ער אליין, דער קערפער. האט געדארפט זיין די „עולה", אזוי דארף ער טראכטען: „היא העולה על מוקדה על המזבח".

און דאס איז אלץ גערעדט, אז עס איז אנשטאט איהם גע־געבען געווארען א קרבן, ווען דער „בית המקדש" איז געשטאנען. און עס איז געווען דער „מזבח", און דאן איז אנגעגאנגען די קרבנות, אבער יעצט, ליידער, ליידער, אז עס ניטא דער מזבח, און ער קען ניט ברייינגען קיין קרבן, זיינען יר טאקע יעצט אליין די קרבנות, די צרות פון די בלוטיגע מלחמה האט זיך נאך ניט פערגעסען. און עס פעהלט ניט יעצט אויך. דער אידישער פאלק

ברענט אליין אומעטום, מען דארף נימ ווידערהאלען די צרות און ליידען פון דעם אידישען פאלק. ווען דער מזבח איז געווען, „היא העולה על מוקדה על המזבח". ווען דער מזבח איז געווען. אבער יעצט, „כל הלילה עד הבוקר", די גאנצע נעכטעלע, די פינסטערע, שוין קרוב צוויי טויזענד יאהר, „כל הלילה", דער גאנצער גלות, „עד הבוקר". ביז עס וועט ליכטיג ווערען דעם אידישען פאלק, ביז די גאולה וועט קומען, איז נעבעך, „ואש המזבח תוקד בו", דער פייער פון מזבח ברענט אין איהם אליין, „בו". ודוק.

יא! עס איז פאראן אזא רפואה, וואס קען זיין אין דעם שטעל פון קרבן, און אין דיעזער צייט, אין דעם שטעל פון איהם אליין, ער זאל ניט דארפען ברענען אין העלישען פייער, דער עם ישראל, מיט וואס? זאגט שלמה, דער „חכם מכל אדם", אין משלי (כ"א) „עשה משפט וצדקה נבחר לה' מזבח". צדקה איז בעסער און ליעבער פאר גאט ווי ברייננגען קרבנות, אפילו אין דער צייט וואס איז געווען דער מזבח, א „פשיטא דפשיטא" אז קיין מזבח איז ניטא, איז געווים זעהר טהייער פאר גאט, געבען צדקה און ער נעהמט עס אן ליבער, ווי אמאל די קרבנות.

געוועהנליך, ווען מען דארף מען אנזאגען מעהר און מעהר צו געבען צדקה? נאר די ארימע קלאסען. זיי ווילען זיך ארויסדרעהען פון צדקה געבען, מיט דעם אויסרייד, עס איז ניטא. ניין, עס איז קיין תירוץ, אז ארימאן וואס איז זיך מפרנס פון צדקה מוז אויך געבען.

איז נאך מעהר, וואס טהוען די ארטהאדאקסישע שוהלען און תלמוד תורות, און נאך און נאך אנשטאלטען, מאכען זיי אזעלכע שמוציגע ביזנעס, אום ארויסצוציהען פון די ארעמע קלאסען די פאר טאלער, טאנצען אנשים ונשים, בחורים ובתולות אין מקום קדוש, — אדער מיט בעהמען א חזן אויף שבת, ער זאל זינגען „ושמרו בני ישראל את השבת", און טראסטיעס אדער „בעסטיעס" זאלען שטעהן מיט טיקעטס און פארקויפען אום שבת...

יעצט, אז דער מזבח איז ניטא, קען מען דאך זיך אויסלייזען

מיט צדקה פאר דעם קרבן. קומט צוגעהן רש"י הקדוש און זאגט: „אין צו אלא לשון זירוז", דאס דארף מען אנזאגען און אנזאגען. גיט צדקה, ווי די משנה זאגט אין אנפאנג שקלים, „באחד באדר משמיעין על השקלים ועל הכלאים". וואס עפעס זאגט די משנה מיט דעם אויסדרוק: משמיעין", מען מאכט הערען, ניט „מכריזין", מען רופט אויס, ווי עס ווערט געזאגט אין אנדערע פלעצער? נאר דער לשון „משמיעין" שטימט זעהר ביי „שקלים" און ביי „כלאים", דאס העלפט ניט מיט'ן אויסרופען, נאר מען מוז גוט געבען קולות, מיט מאכען אפילם, איינינע מאהל „משמיעין על השקלים". ודו"ק. און ביי דעם ארימען קלאס, און דוקא וואס רופען זיך „ארטהאדאקסען", צו זיי דארף מען שרייען אויף די „שקלים" צו געבען, און אז זיי גיבען, זאל קיין „כלאים" ניט זיין, דאס הייסט, זיי זאלען זיך ניט פעראייניגען פארלעד אזעלכע... וואס בעלאנגט ניט צו זיי, נאר פרעמדע... בענדעט'ם ווייבעל זאל ניט טאנצען אין שוהל מיט יוסף, און ז. וו. „אין צו אלא לשון זירוז", גוט אנזאגען, ווייל דאס איז דאך „מיד ולדורות", אין דער צייט פון בית המקדש און „לדורות", ווען דער בית המקדש וועט ניט זיין.

קען מען דאך מיט צדקה אין שטעל פון קרבן האבען. „אר"ש ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש חסרון כים", ביי די שלעפערס, זיי דארף מען גוט אנזאגען. — ווייל עס איז ביי זיי די מאדע „שקלים" מיט „כלאים" אין איינעם... ודו"ק.

פרשה צו

(דרוש ג)

דרוש לברית מילה

אָדם כי יקריב מכם קרבן לה' (ויקרא)
צו את אהרן זאת תורת העולה (צו)
כל העוסק בתורה כאלו הקריב עולה (מנחות דף ק"י)
וימל אברהם את יצחק בנו בן שמונת ימים וגו (וירא)

אין דעם דרוש וועל איך בעזר השם גוט ארומריידען די גרויס־קייט פון „מצות מילה". כאטש, ווען מען דארף מען עס דערצעהלען? ד. ה. ווער ווייס עס ניט? אבער דערפון ווילען מיר האבען א מוסר השכל ווי אזוי די מצוה מקיים צו זיין. נאר א פאר פראגען וועל איך דאך פרעגען, אויסער מיין שטייגער, ניט צו פרעגען.

„אָדם כי יקריב מכם קרבן לה'", דער ווארט „מכם" איז איבעריג אזוי אויבען אויף. עס וואלט גענוג געווען, ווען די תורה זאגט „אָדם כי יקריב קרבן לה'"?

און וואס די חכמים זאגען אויף דעם פסוק „צו את אהרן וגו' זאת תורת העולה", „כל העוסק בתורה כאלו הקריב עולה", ווארום זאגען זיי ניט „הלומד", דער וואס לערענט תורה, אין דעם פלאץ פון „העוסק בתורה"?

אין דעם פסוק „וימל אברהם את יצחק בנו בן שמונת ימים". פאר וואס זאגט ניט די תורה „בן שמונה ימים", ווארום „שמונת"?

מיינע טהייערע לעזער, איך וועל דא ציטירען די גרויסקייט פון מצות מילה, זאגאר עס איז איבעריג צו שילדערען די מצוה.

ווייל ווען איז דאָס ניט בעוואוסט, און ווער האַלט ניט פון דער מצוה? דאַכט זיך, אַז ניין און ניינציג פּראָצענט פון דעם אידישען פאָלק זיינען מקיים די מצוה אויף זייערע ניי־געבוירענע קינדער? און נאָך מעהר, אין אַמעריקאַ, וועלכער איך עס איז נאָר עפּעס פּערמעגליך, אָרעם און מיטעל־קלאַס און רייך, מאַכען די גרעסטע סעודה ביי דער מצוה. מען עסט, מען טרינקט, מען הוליעט אַ גאַנצען טאָג. איז דאָך אַ פראַגע אויף מיר, וואָס דאַרף איך שיל־דערען די מצוה און איהר גרויסקייט?

נאָר דאָך וועל איך שילדערען, אום איך זאָל אייך באַלד אויפ־ווייזען ווי נידעריג, וויקליין, ווי גרינג עס איז אין די אויגען פון פיעלע אונזערע, אפילו ביי ריכטיגע אָרטהאָדאָקסען, די מצוה פון „בריתו של אברהם אבינו".

איינינע מאמרי חז"ל: „דברים שנפרעין בעוה"ז המפיר ברית" (ירושלמי פיאה פ"א), „מילה דוחה שבת" (שבת קל"ב), „תן חלק לשבעה וגם לשמונה אלו ח' ימי המילה" (עירובין מ'), „המפיר בריתו של אברהם אבינו אין לו חלק לעולם הבא" (אבות פ"ג).

דאָ האָט איר אין קורצען איינינע „מאמרים". איך קען ניט ברענגען נאָך, ווייל עס וועט צופיעל פאַרנעהמען פּלאַץ. עס זיינען דאָ הונדערטע „מאמרים" וועגען די גרויסקייט פון מצות מילה.

יעצט זאָלען מיר זעהן, דאָ אין אַמעריקאַ, ווי אַזוי די מצוה געהט פאָר, אפילו ביים מיטעלען קלאַס, מען רעדט ניט פון פרייהע, און פון גאַנץ אמת'ע פרומע. אַמעריקאַנער אידען האָבען אויס־געקליבען דעם טאָג זונטאָג פאַר רוהע און פאַר אַלע זייערע שמחות, פּאַרטיס, בעלער, אינטערטיינמענטס, אפילו „מצות מילה" ווילען זיי האָבען דוקא זונטאָג. וואָרום וואָס פאַר אַ „יום טוב" איז שבת, צו מאַכען אַזאַ „פּאַרטי", אָדער פרייטאָג און אַזוי אַ גאַנצע וואָך, מיט דער „טענה", ווער וועט זיין אויף דעם ברית? איך הער אימער פון „בעל ברית" ריידענדיג, וואָס קען איך אַנ־דערש טהאָן? איך וועל דעם ברית מאַכען פרייטאָג, ווי עס קומט אויס, וועל איך דאָך ניט האָבען קיין מנין אפילו. ניין, איך מוז

דעם ברית מאכען זונטאג. צוליעב נאך אן אורזאכע קען איך מאַכען דעם ברית שבת — ווייל איך וויל אז דער פארמאַן פון מיין שאָפּ זאָל זיין „סנדק" און דער בעל־הבית'ס זוהן „קוואַטער". דעם בעל־הבית וויל איך געבען „כסא של אליהו" א. ז. וו. און זיי קענען שבת ניט קומען. (איהר ווייסט דאך פאר וואָס...)

איהר זעהט, אין וועלכע הענט ער גיט איבער זיין קינד! מילא „אליהו הנביא", דער „בעל הברית", וועט שוין ניט קומען אויף דעם ברית. וואָס הייסט ער וועט זיצען מיט'ן פארמאַן האַנט ביי האַנט, זייט ביי זייט. ניין, דאָס טהוט ניט אליהו הנביא. ער האָט פיינט די „עובדי הבעל". דער „רך הנימול" דאַרף דאָך ניט זיין בעסער ווי זיין „סנדק" און אַלע וואָס ווערען געעהרט מיט די הויכע כבודים.

און איך דיינק, אז דער פאָטער אַליין וויל גאַר ניט אז זיין קינד זאָל זיין בעסער פאר זיי. און די געלאַדענע געסט ווינשען צו דעם פאָטער, „כשם שנכנס לברית", אט אזוי ווי אייער קינד איז אריין צום ברית, דורך אזעלכע „צדיקים" „כופרים", און א „סנדק" א מחלל שבת — און „כסא של אליהו" אויך אזא... אט אזוי „כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים", אט אזוי, אזא סאָרט זאָלען דעם קינד'ס מחותנים זיין... און אזוי ווי דער פארמאַן האָט „תורה", אזוי זאָל ער האָבען תורה, אזוי ווי זיין קוואַטער האָט „מעשים טובים", אזוי זאָל ער האָבען מעשים טובים. און דער טאַטע ענטפערט אָמן...

די גרעסטע מצוה, די טהייערסטע מצוה, און אַלע זיינען מקיים די מצוה — און צו אַלעם ענדע לייגט מען אָב דעם ברית אויף זונטאָג! שווידערליך, שרעקליך, וואָס פון אונז איז געוואָרען, אז מען זאָל א קינד ניט מל זיין ווי א איד, נאָר מען ברענגט איהם אריין „בבריתו של אברהם אבינו" ווי א גוי, ניט אין דער צייט. אפילו איין טאָג שפּעטער איז שוין ווי א גוי, ער איז שוין ניט אריין „בבריתו של אברהם אבינו" ווי א איד... נאָר ווי א גוי ווען ער איז זיך מגייר.

„כשם שנכנס לברית" ווי א גוי, „כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים" ווי א גוי. — זעהר טרויעריג. נאך טרויעריגער איז, וואס אין אזעלכע פעלע זיינען די „מוהלים" שולדיג א סך. פיעלע פון יארקער מוהלים זיינען „יד אחת" מיט'ן בעל הברית, אז דער ברית זאל ניט זיין „שבת קודש", ווייל עס וועט זיין ווייניגער „הכנסה". דער מוהל געפינט שוין זיין דרך, ווי אזוי אב־צוטהאן די שטיקעל אומגעלומפערטע לומפעריי. ער גיט שוין א קוק אויף דעם קינד, און ער זאגט: איהר זעהט אז די לינקע אוי־געלע איז עפעס ניט אזוי... מען מוזען אבלייגען דעם ברית אויף אן אנדער זונטאג... דער טאטע קוועלט...

מיינע טהייערע, איהר זאלט ניט דיינקען, אז אלע מוהלים זיינען אזעלכע „קלים שבקלים". ניין, עס זיינען דא א סך מוהלים און געוויס אין מעהרערען צאהל, יראים ושלמים. אבער מיינט אויך ניט, אז דאס וואס איך שרייב דא אויף די „קדשים קלים" איז ניט אמת.

לאמיר זעהן, ווען א מענש זאל וועלען זעהן דעם חלוק פון די ארבייט וואס ער דארף ארבייטען פאר זיך, און די ארבייט וואס ער דארף ארבייטען פאר גאט, וועלען מיר זעהן, אז אין זיינע ביזנעס און אין אלע ארבייטען וואס ער דארף פאר זיין בעדער־פעניש, וועט ער טראכטען טאג און נאכט, לויפען און פליהען, און ניט רוהען, וויפיעל נעכט ניט שלאפען. און לאמיר זיך פאר־שטעלען אז ער האט מורא פאר א מענשען, ער זאל איהם ניט בעשטראפען מיט געלד, אדער קערפערליכע שטראף, איז דער פחד אהן א שיעור, און ווער רעדט ווען זיין פרנסה איז פון א מענ־שען, האט ער געוויס מורא צו טהאן א זאך געגען יענעמס ווילען.

ליידער אבער, ווען ער ארבייט פאר גאט, ער טהוט עפעס א מצוה, ניט גענוג ער ארבייט ניט אפילו די העלפט, ווי פון זיינעט וועגען, נאר דאס וואס ער טהוט שוין יא פון גאטס וועגען, איז אויך ניט ווי עס בעדארף צו זיין. צום ביישפיל, ווען ער לע־רענט, אדער דאווענט, אדער ער טהוט א מצוה, איז עס ניט א

טויזענדס חלק מיט התלהבות, מיט אימפעט, מיט פרייד, ווי ער טהוט פאר זיך.

אומגעפעהר די גרעסטע מצוה וואס א מענש איז מקיים איין מאהל אדער צוויי מאהל אין זיין לעבען. דאס איז „מצות מילה" ביי זיין קינד. און דאס דארף זיין „ביום השמיני" דוקא. ניט פריהער, ניט שפעטער, נאר דעם אכטען טאג. (סיידען אז דער קינד איז ניט געזונט און א דאקטאר הייסט ניט מל זיין אין דער צייט) און עס איז „דוחת שבת" אפילו. ווי אזוי קען א מענש האַ־בען די חוצפה אבצולייגען דעם ברית... ווען ער דארף פערדינען מעהר ניט ווי הונדערט דאלאר, און דאס דארף ער דוקא טהאן פאר יענעם, די און די ארבייט און אין דעם און דעם טאג, וועט ער זאגען, אז ער וועט עס מאכען אין אן אנדער טאג... אז אין דעם אנדערען טאג טויג ניט.

דאס זאגט די תורה: „אדם כי יקריב", אז א מענש וויל גע־נעהנען צו גאט, דאס הייסט, אז ער וויל טהאן א מצוה, „מכם", פון אייך אליין זאלט איהר זיך לערנען, ווי איהר טהוט פאר זיך, אזוי זאלט איהר טהאן דעם „קרבן לה'", די מצוה צו גאט ב"ה.

דער וואס ליעבט די תורה, דער וואס ליעבט די מצות, דער וואס האט חשק צו טהאן א מצוה, דעם אפילו די מצות וואס ער קען יעצט ניט טהאן, איז גלייך, ווי ער האט זיי געטהאן שוין. אומגעפעהר, ער איז אלע מאל מקיים מצות „לולב". א מאנאט פריהער הייבט ער שוין אן צו קלעהרען וועגען דעם, ער פרעגט זיך שוין נאך, ווען וועט קומען אתרוגים, א. ז. וו. דער איז אפילו שוין מקיים די מצוה, איהם רעכענט זיך דער גאנצער מאנאט, וואס ער איז מקיים מצות לולב וכדומה.

צו אברהם אבינו, ווי עס איז געבארען געווארען זיין זוהן יצחק, האט ער שוין אנגעהויבען זיך מכין זיין צו דעם ברית וואס עס דארף זיין אין דעם טאג, און דוקא דעם אכטען, ווייל גאט האט אזוי אנגעזאגט, הייסט עס אז די גאנצע אכט טעג האט ער מקיים געוועזען די מצוה, „וימל אברהם את יצחק בנו בן שמונת ימים".

די גאנצע אכט טעג האט ער מקיים געווען די מצוה. דער ווארט „שמונת" האט צוויי בעדייטונגען — אלט אכט טעג, „בן שמונת ימים", אבער וואס ער זאגט ניט „בן שמונה ימים", ווי אומעטום ווערט געזאגט, ווייל דאס לערנט אונז די צווייטע בעדייטונג, „שמונת ימים" — די גאנצע אכט טעג, „וימל אברהם את יצחק בנו". ודו"ק.

דארום זאגט די גמרא ניט „כל הלומד תורה כאלו הקריב עולה", נאר „כל העוסק בתורה", ער בעשעפטיגט זיך מיט דער תורה, ד. ה. ער האט תמיד אין זינען די תורה, איז גלייך ווי ער לערנט תמיד תורה וכו'.

יעצט קען מען פערשטעהן פון „הן" „לאו" און פון „לאו" „הן". אז ער טהוט אזוי, ווי מיר האבען דא געשריבען, איז זיין שכר גרוים, אז ער איז זיך „מתעסק" די גאנצע אכט טעג, הייסט עס „שמונת ימים" האט ער מל געווען זיין קינד. יעצט ווי איז אז ער בעשעפטיגט זיך טאקע מל צו זיין זיין קינד אבער מיט אלע קונצען, מיט אלע דריידלעך זעהט ער צו מאכען אז דער ברית זאל ניט זיין אין דעם אכטען טאג, ארבייט אכט אדער צוועלף טעג עובר צו זיין אויף דער תורה, ווי די תורה האט אנגעזאגט, מל צו זיין אויף דעם אכטען טאג... פערשטייט מען זיין עונש... און אויב אזא מוהל איז וואו פאראן, מיט איהם וואלט אויך מיר ניט וויני־שען זיך צו טרעפען אויף יענער וועלט. ניין, ניין! זיין פלאץ וועט זיין מיט די „פושעי ישראל". אבער די יעניגע וועלכע זייי־נען טאקע „בני אברהם", און זיי טוהען ווי אברהם, וועט אויף איהם מקוים ווערען „כי ביצחק יקרא לך זרע", ווי זיין קינד'ס נאמען איז — איז קיין אונטערשיעד, נאר דאס איז זיין קינד, וואס עס וועט גערופען ווערען צו איהם קינדער... א ריכטיגער איד. ער איז ניט אריין „בבריתו של אברהם אבינו" ווי א גוי — און די עלטערען וועלען האבען נחת פון איהם, אמן.

פרשה צו

(דרוש ד)

צו את אהרן ואת בניו לאמר זאת תורת העולה. — רש"י, אין צו אל לשון זירוז מיד ולדורות. א"ר שמעון ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש חסרון כיס.

אומגליקליך איז דער אָרימאַן (נאָר אויף דער וועלט), גליקליך איז דער רייכער (נאָר אויף דער וועלט). דער אָרימאַן, וואו ער געהט, געהט מיט איהם מיט דער „שלים־מזל", אפילו אז דער אָרימאַן נעמט אַ טיקעט פון מינסק נאָך נויאָרק און ער דיינקט אז ער לאָזט איבער דעם „שלים־מזל" אין מינסק, האָט ער אַ טעות, דער „שלים־מזל" גנבה'ט זיך אריין אין שיף, אלס „בלינדער פּאַסאַזשיר" און ער פאָהרט מיט אוהם... אפילו זיין ווייבעל האָט פאַר איהם קיין רעספּעקט, אפילו ביי זיינע קינדער האָט ער ניט קיין חן... דער רייכער — ער איז דער „חכם", איהם גיט מען כבוד, איהם און נאָר איהם. דער אָרימאַן מעג זיין אַ תלמיד חכם און אַ קלוגער אין „מילי דעלמא", דאָס איז גאָר ניט, קיינעם אינטערעסירט ער ניט. דער רייכער מעג זיין אַ פּתי, אַ כסיל, אַ „בער וריק", אַ שוטה און דערצו נאָך אַ עם הארץ גמור און פול מיט חסרונות, „מכף רגלו ועד ראשו אין בו מתום", דורך און דורך חסרון, אָבער ער איז דער קלוגער, איהם גיט מען כבוד, איהם איז גוט בעולם הזה.

איך, דער מחבר פון דער „בימה" און פון מיינע אַלע ספרים, ווייס וואָס עס קומט פאַר אין די שוהלען, בעסער ווי די פּרעזידענטען פון די שוהלען. איך ווייס זייערע מדות טובות, פון די

מעמבערס, די וועלכע עס זיינען אזוי וויניג, אז אלע קענען עס וויסען, חוץ מיר אויך, אבער איך ווייס נאר אויך, און ווייניגע נאך ווייסען עס. זייערע חסרונות. פון „מזרח" ביז דעם לעצטען זיץ ביים טהיר. ווייס איך אלעמען און זייערע שעהנע אויפפיה־רונגען, וועל איך פאר אייך שלידערען איין זאך, וואס איהר ווייסט פיליייכט ניט.

אין שוהל איז פאראן אכציג מעמבערס, פופציג ארימע, דאס הייסט, זיי מאכען קוים א לעבען, צוואנציג „שעהנע בעלי־בתים", דאס הייסט, דאס זיי זיינען שוין רייכערע, קליינע ביזנעסלייט, ניט קיין עשירים, נאר „נישט־קשה" — זיי רופט מען שוין שעהנע בעלי־בתים, — ניט איך רוף זיי שעהנע, נאר זיי. צעהן זיינען פאר־ראן גרויסע עשירים, איינער העכער פאר'ן אנדערען. לאמיר אנ־הויבען פון פופציג טויזנד ביז צוויי הונדערט טויזענד דאלאר. איך קען ניט מאריך זיין און ארומריידען יעדען מעמבער באזונדער. נאר איך וועל ארויסנעמען איינעם פון די פופציג ארימע מעמבערס, און איינעם פון די „שעהנע בעלי־בתים", און איינעם פון די גבירים.

דעם ארימען מעמבער רוף איך אז מיסטער קאפלאן, א קאר־פענטער, ער מאכט א לעבען „ברוחק", אבער ער קומט זיך דורך, קיין בייז אויג זאל איהם ניט שאדען, מיט זיינע אכט קינדערלעך, און צוזאמען זיינען זיי צעהן מיילעכלעך, וואס בעטען קליידעלעך, סוטעלעך, שיכעלעך און שאקאלאטקעלעך. די דיוס איז שוהל איז צוועלף דאלאר א יאהר. אונזער קאפלאן צאהלט פינקטליך די דיוס. אונזער קאפלאן קומט אלע טאג דאווענען. עס קאסט איהם די באקס און סתם נדבות פאר פרעמדע. אונזער קאפלאן קריגט אלע זעקס וואכען אן „עליה", ער גיט א דאלאר די שוהל, א דאלאר דעם רב, א האלבען דאלאר דעם שמש, דאס איז צוזאמען צוויי און א האלבען דאלאר. ער קריגט ניין מאל דורכ'ן יאהר אן „עליה", ראש השנה זיץ געלדער מיט זיין פרוי און א פאר קינדער, סך הכל פיער זיץ, — צוועלף דאלאר. א טעקס דורכ'ן יאהר — צעהן דאלאר. קורץ דערפון, דעם ארימען קארפענטער קאסט דאס א זעכציג

דאָלאַר אַ יאָהר, און שפּייזט די שוהל מיט מנין, מיט תפילות ביי דעם עמוד. און עס איז אַנגעלייגט ביי אַלעמען ווי גאָר ניט. קיין כבוד האָט ער ניט, נאָר בזיונות האָט ער יאָ, מען וויצעלט זיך מיט איהם א. ז. וו.

מיר וועלען אָוועקלאָזען דעם מאָל דעם „שעהנעם בעל־הבית" שנעל... איך וויל מיט זיי ניט האַנדלען צופיעל. איך גלייך ניט די שעהנע מענשען... מיר וועלען מיט איהם מאַכען קורץ. ער קומט ניט אין שוהל ניט אין דער וואָכען און ניט אין שבת. נאָר ווען עס קומט צו א יום טוב, געהט איהם אַנטקעגען דער „פּוירסט טראַסטי", פיהרט איהם ארויף, דערלאַנגט איהם אַ סידור, ער קריגט אַן „עליה" — „שלישי" במקום הרב. ער גיט צעהן דאָלאַר פאַר דער שוהל, פינף — דעם רב, און דריי — דעם שמש. אַז איהר וועט יעצט אויסרעכענען וועט איהר זעהן, אַז ער גיט ניט מעהר ווי זעכציג דאָלאַר אַ יאָהר די שוהל און ער האָט שוין כבוד...

יעצט לאָמיר קומען צו דעם גאָר צאַצקעדיגען שעהנעם בכבוד'ן מאַן, מר. מעקס אַקסענפעל, אַ גביר פון איבער הונדערט טויזענד דאָלאַר. ער קומט נאָר יום כפור אין שוהל. אַ גאַנץ יאָהר האָט מען ניט אַנגעזעהן דעם שעהנעם מענשען, אַבער ווען ער קומט יום כפור אין שוהל אריין, שלעפּט מען איהם, טראָגט מען איהם, בלאָזט מען אויף איהם, מען בוקט זיך צו איהם. ער האָט טאַקע מנדר געווען פינף און צוואַנציג דאָלאַר פאַר דער שוהל, צעהן — דעם רב, פינף — דעם שמש, איז ערשט בסך הכל פערציג דאָלאַר. זאָל זיין אַז ער האָט אויך געקויפט נאָך עפּעס פאַר צוואַנציג דאָ־לאַר, די וועלכע ער האָט נאָך ניט בעצאָהלט, און ווער ווייס... נו, ווי זאָגט איהר: קומט דעם — — — כבוד? און דעם קאָר־פּענטער ניט? זאָגט מיר, איך בעט אייך, מיט וואָס איז ער טייערער פאַר מיסטער קאַפּלאַן? איך לאָז עס פאַר אייך צו דיס־קוטירען... זאָגט מיר, אַז אַ משולח קומט פון ערגעץ אַן אינסטי־טושאַן, געוויס ווי ווייניג פינף מאָל אַ יאָהר, פון פאַרשיעדענע אַנ־

שטאַלטען, איז אונזער אַקסעלנפעלד דאָ אין שוהל? גיט ער דען עפּעס? ווער דען גיט, ווען ניט מיסטער קאַפּלאַן מיט זיינע אַלע פּופּציג אַרימע ברידער? איך זאָג אייך בעשטימט, אַז מיסטער קאַפּלאַן וועט קיין מאָל ניט ווערען פּרעזידענט, נאָר יענער. יאָ! פאַר וואָס איז דאָס? דער רייכער, אפילו ער איז אַ קמצן, קריגט ער כבוד, און קאַפּלאַן ניט? איהר מוזט וויסען פאַר וואָס דאָס איז. איך וויים ניט.

איך וויים נאָר איין תירוץ, וואָס די חכמים זאָגען: „בתר עניא אזלא עניותא“, דאָס אַלעס וואָס איך וויים. דער רייכער וואָס איז פול מיט חסרונות פון קאָפּ ביז די פיס, ער קריגט כבוד... דער אַרימאַן וואָס האָט קיין חסרון ניט. ער איז פרום און גוט, און גיט אַוועק זיין לעצטע פּעני, יאָ! נאָר איין חסרון האָט ער. דאָס וואָס ער איז אַן אַרימאַן — אַ ליידיגען פּאַקעט־בוק האָט ער... און דאָס אַלעס... איז זיין חסרון.

דאָרום זאָגט רש"י, פון ר' שמעון וועגען, אַז גאָט ב"ה האָט אַנגעזאָגט די כהנים מקריב צו זיין קרבנות, זאָלען זיי ניט טהאָן ווי אין אַמעריקאַ ווערט געטהאָן: דעם גביר, דעם גרעסטען בעל חסרון, וואָס האָט אפילו ניט די מעלה צו געבען צדקה, איהם גיט מען כבוד, און איהר כהנים אָבער, אַז אַ גביר, דער בעל חסרון, קומט אייך ברייננען אַ קרבן, זאָלט איהר איהם ניט צונעהמען בעסער דעם קרבן, מיט מעהר כבוד ווי דעם אַרימאַנס קרבן. „ביותר צריך הכתוב לזרז“ מעהר און מעהר דאַרף דער פּסוק אַנזאָגען, ווייל „אין צו אלא לשון זירוז“ פאַר דעם אַרימאַן, אַז ער ברייננט אַ קרבן, וואָס האָט קיין חסרון ניט, נאָר דער חסרון איז וואָס ער איז ניט רייך. „ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש חסרון כיס“. אין אַזאַ פּלאַץ וואָס ער האָט יאָ אַ חסרון, נאָר איין חסרון. וואָס איז דער חסרון? „חסרון כיס“, אַ ליידיגען פּאַקעט, אָט דאָ דאַרף מען האָבען „זרוז“, מען זאָל דעם אַרימאַן ניט בעהאַנדלען ערגער ווי דעם רייכען. „אין צו אלא לשון זרוז מיד ולדורות“, אויף יעצט דאַרף מען אַנזאָגען. זאָגט די תורה צו אייך „כהנים“, איהר זאָלט

ח"ו ניט ערגער בעהאנדלען דעם „חסרון כיס", דאס איז „מיד", יעצט פאר אייך, „ולדורות", פאר אלע צייטען, אז עס וועט קיין בית המקדש ניט זיין, זאל מען דעם ארימאן ניט בעהאנדלען שלעכט, גראב, מיט שפאט, ווארום ווער דער ארימאן איז און וויפיעל חסרונות ער האט, איז ער נאך ניט גלייך צו דעם רייכען. „ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש חסרון — נאר איין חסרון, „חסרון כיס"...

פרשה שמיני

(דרוש ה)

אר"א כמין גולגולת של אש הראה לו הקב"ה מתחת כסא הכבוד שלו, ואמר לו אם ביקב קרום של מוח אפילו כל שהוא טריפה. (מדרש, ילקוט)

איך וועל דעם מאמר ערקלעהרען אין א „מוסר השכל" און לאגיש, מיט נאך א מאמר, וואס איך האב אמאל געזאגט ביי א פערזאמלונג פון ציוניסטען, שוין זעהר לאנג צוריק:

בעא מיניה פלימו מרבי, אדם שיש לו שני ראשין מהו להניח תפלין וכו', א"ל קום גלי או קום קבל עליך שמתא וכו'. (מנחות ל"ז)

א מאדנע פראגע האט געפרעגט פלימו פון רבינו הקדוש, א מענש וואס האט צוויי קעפ, וואו זאל ער לייגען תפלין, אויף איין קאפ, אדער אויףביידע קעפ? און רבי איז אויף איהם אין כעס געווארען, ווייל עס קען ניט זיין אזא טראפ, אז א מענש זאל קענען לעבען און דערגרייכען ביז נאך דרייצעהן יאהר, אז ער זאל דארפען תפלין לייגען. האט ער איהם געזאגט, געה האב גלות, אדער זיי אויף זיך מקבל חרם, דו האסט געלאכט פון מיר.

און טאקע וואס איז געווען די פראגע פון אזא מאן ווי פלימו, זיין תלמיד? עס איז, ווי איך דיינק, גאר אן אנדער געדאנק, און ער פרעגט איהם גאר אן אנדער פראגע.

א גרויסער אומגליק איז דא ביי דעם אידישען פאלק, מיט דעם וואס מיר האבען צוויי קעפ ביי אונז: א קאפ וואס לייגט תפלין, און א קאפ וואס לייגט ניט קיין תפלין. מיר וואלטען געווים

געוועז צופריעדען, אז די צווייטע קאפ, וואס לייגט ניט קיין תפלין, זאל אויך לייגען תפלין, וואלטען מיר גליקליך געווען, אז עס וואלט דאדורך געווען איין קאפ ביי אידען...

אבער ליידער זיינען אימער געווען אזעלכע, אזוי ווי היינט, און מיר זיינען א מענש מיט צוויי קעפ. מיר האבען אזעלכע אויך. דאדורך איז אימער מחלוקת ביי אידען, דורך די צוויי פארטייען: טהוען די קעפ וואס לייגען תפלין א זאך, ווילען עס די קעפ וואס לייגען ניט קיין תפלין ניט טהאן, און איבערהויפט פערקעהרט. די פרומע, וואס לייגען תפלין, וועלען ניט נאכטהאן די ניט פרומע, אפילו דעם בעסטען טהאט. זיינען די ניט פרומע, די ניט תפלין לייגער, ציוניסטען — זאגען די פרומע, אז מען טאר זיי ניט העלפען... דערוועיל איז ביטער צום אידישען פאלק, אז עס איז קיין אחדות ניטא.

תוספות זאגט אויף דעם מאמר, וואס פלימו פרעגט ביי רבי. „בזמן הזה ליבא", אין דער צייט טרעפט ניט אזא זאך, אז א מענש זאל לעבען מיט צוויי קעפ. אונטען ברענגט דער מ"ה אזוי: „בזמן הזה ליכא, אלא אשמדי הוציא וכו' וכו'", דער אשמדי מלך השדים האט ארויסגעצויגען אזא מענשען פון אונטער דער ערד און ער האט געפרעגט צו שלמה המלך, אט דער מענש האט צוויי קעפ, זאג מיר, גרויסער קעניג, וויפיעל פאר תפלין דארף ער לייגען, איין פאר, אדער צוויי פאר?

שלמה, דער „חכם מכל אדם" האט איהם אזוי געענטפערט: הער זיך איין, נעם מאך היים א קעסעל וואסער, און טהו אזוי: גיס די הייסע וואסער אויף איין קאפ, וועט דער אנדערער קאפ אויך שרייען, איז א סימן אז עס איז איין קאפ, דארף ער לייגען איין פאר תפלין, אבער אז די אנדערע קאפ וועט שווייגען, איז דאס גאר א בעזונדער מענש, דארף ער לייגען צוויי פאר.

וואס זאגט איהר, מיינע טהייערע, געפעלט אייך דער משפט פון שלמה המלך? פרומע אידען, איהר האלט געווים פון שלמה „מלך ישראל", וואס מאכט איהר זיך נאריש, אז אידען האבען צוויי

קעפּ. עס הייבט זיך גאָר ניט אָן. אידען האָבען איין קאָפּ, נאָר איינעם, ניט צוויי. איהר זעהט ליידער צוויי, וואָס דער אשמדאי האָט ארויסגעצויגען, די טומאה, וואָס ווערט פון יצר הרע, מיט'ן גלות אויף אונז, איז טאַקע צוליעב דעם דאָ צוויי קעפּ, אָבער עס איז איינע. אַט לאָמיר קומען צו שלמה המלך און זיין משפּט. אשמדאי, דו מאַכסט שוין אַז מיר זאָלען האָבען צוויי קעפּ, דו מאַכסט עס פון אונטער דער ערד, אָבער, עס איז אַלץ איין קאָפּ. אַט בעטראַכט, אַז אלכסנדר דער דריטער, דער גרויסער רשע, איז צואווילדעט געוואָרען און האָט אַנגעשיקט פּאָגראָמען אויף די אידען אין באַלטא און קיעוו, אין יאָהר איין און אַכציג, און מען האָט געגאָסען הייסע וואסער אויף אונזערע קעפּ, געברענטע ליי־דען אַנגעטהאָן די אידען וואָס לייגען תפלין, האָבען גאָר אָנגע־פאַנגען צו שרייען די קעפּ אין אויסלאַנד: דייטשלאַנד, עסטרייך און פראַנקרייך... די קעפּ וואָס לייגען ניט קיין תפלין... נו, זאָגט מיר, איז עס צוויי קעפּ? האָבען מיר צוויי קעפּ?... ניין, עס איז איין קאָפּ! און זיי מיט זייער שרייען האָבען אויפגעוויזען, אַז עס איז ביי אונז איין קאָפּ... אמת, עס איז דאָ צוויי... אָבער עס איז איינע...

זיי האָבען אונז געוויזען, אַז עס דאַרף ניט זיין קיין פּירוד לבבות, כאָטש עס זעהט זיך צוויי קעפּ. אָבער עס איז איינע. וואָס מען טהוט איין קאָפּ, דערפיהלט באַלד די אַנדערע... (איך וויל עס ניט פערברייטערען, צוליעב מיינעם אַ טעם...). פרומע קעפּ, וואָס לייגען טאַקע תפלין, און זיי זיינען טאַקע פרום, ווילען ניט העלפען פאַר דעם צוועק, ווייל עס טוהען אין דעם אַזעלכע וואָס לייגען ניט קיין תפלין...

איך דיינק, אַז דאָס פרעגט פּלימו: הער זיך איין, רבי, „אדם שיש לו שני ראשין", ער רעדט צו איהם אַביסעל פערשטעלט. דעם גאַנצען פאָלק רופט ער „אדם", אַזוי ווי איין מענש... „אדם שיש לו שני ראשין", דער אידישער פאָלק, וואָס האָט צוויי קעפּ, אַ קאָפּ וואָס לייגט ניט תפלין און אַ קאָפּ וואָס לייגט יאָ תפלין.

ווי איז דאס, דארף מען צושטעהן צו זייערע אידעען אדער ניט? וואס זאגסטו, ווי דיינקסטו? „מהו להניח תפלין" ווי דארפען זיי טהאן, די וואס לייגען תפלין?... געהן מיט זיי צוזאמען אדער ניט?... רבינו הקדוש האט ניט געהאלטען פון אזעלכע, מיט זייערע גאנצע אויפטהואונגען. אבער פלימו דיינקט, אז מען דארף זיי ניט אבשטויסען.

מיר זיינען געקומען צו דעם באשלוס, אז עס זיינען פאראן פערשיעדענע זינדיגע. איין סארט „חטאתים", די זיינען די „פושעי ישראל בגופן", „בעלי תאוה", זיי טהוען אב אלעס, אלעס שלעכטעס נאר וואס זייער הארץ גלוסט, קיין אבהאלט איז ניט פאראן. די זיינען פונקט ווי בהמות, זיי האבען קיין צוים ניט פאר זיך, נאר וואס די תאוה פאדערט פון זיי, דאס ערפילען זיי. די דארף מען ניט אבשטויסען, זיי וועלען זיך גוט ארומקוקען שפעטער ווען עס וועלען געמינערט ווערען זייער כוחות, דאן וועלען זיי געוויס תשובה טהאן מיט זייער גאנצען הארצען. ווארום ווי לאנג א מענש איז שטארק און געזונד ברענט אין איהם זיין תאוה ווי א העלישער פייער. נאכהער, אז עס ווערען זיינע כחות שוואכער, בעזיעגט ער זיך, וואס ער האט געטהאן און ער טהוט תשובה מיט זיין גאנצען הארצען.

און דאס מיינט דער מדרש, „גולגולת של אש", הגם ער איז פול מיט פייער פון תאוה, „הראה לו הקב"ה מתחת כסא כבודו". האט איהם גאט בעוויזען, אז דער וועט נאך זיין אונטער'ן כסא הכבוד. מען דארף איהם ניט אבשטויסען פון קהל, ער וועט נאך זיין א „מורה הוראה"... ער וועט נאך ווייזען די בעלי תאוות דעם אמת'ן וועג, ווי אזוי צו דיענען גאט באמת, מיט גאנצען הארצען. און וואס עס ווערט פון אלע תאוות העולם הזה, אז דאך מוז מען אמאל חרטה האבען אויף זיי. טא זיינען זיי דאך גאר ניט מיט גאר ניט. דאס איז איינער, דעם וועלכען איך האב פארגעשטעלט, און ער איז ניט קיין געעפהרליכער, ער הייסט ניט נאך א קאפ אויף דעם אידישען פאלק. נאר א חסרון א גרויסער איז עס.

וואס עס זעהט זיך נאך א קאפ, אבער אין אמת איז נאר דא איין קאפ...

א געפעהרליכער „חטאת" איז דער, וועלכען איך וועל יעצט פארשטעלען. מיט דעם טאר מען שוין ניט צופיעל זיך פארנעמען. און דאס איז דער, וואס זיין חולאת קומט פון קאפ, דאס הייסט, מיט זיין מוח האט ער ערקלעהרט אז עס איז חלילה קיין גאט ניטא... איז דאך קיין תורה געווים ניט. „לית דין ולית דיין" ח"ו. א „כופר בעיקר". אט דער איז טריפה, טמא ומטמא אחרים, דער הייטעל פון זיין מארך איז געלעכערט, דער איז טמא — „ואמר לי אם ניקב קרום של מוח אפילו כלשהו טריפה", אויב עס איז געלעכערט דער הייטל פון מוח שוין, דער איז טריפה, מיט איהם טאר מען זיך ניט מתחבר זיין, דאס איז שוין א צווייטע קאפ, דער שרייט ניט אז מען גיסט הייסע וואסער אויף דעם ערשטען קאפ, די וואס לייגט תפלין, אדרבה, די חברה שטעהען פון ווייטען און לאכען גאר, און מעהרער מאל גיסען זיי אליין די הייסע וואסער, ווי די חברה אין רוסלאנד, ווי עס איז בעוואוסט, אבער אין אלגעמיין, אז דער קרום של מוח איז נאך ניט געלעכערט, נאר סתם בעלי תאוות, זיי דארף מען ניט אבשטויסען פון זיך.

השי"ת זאל געבען, אז עס זאל זיי געעפענט ווערען די אויגען זייערע, און זיי זאלען שוין זעהן די גאטהייט מיט זייערע אויגען אין גיכען. הוא ישלח את משיחנו, את פודנו, את גואלנו, את משיח צדקנו במהרה בימינו אמן.

פרשה שמיני

(דרוש ו)

דרוש לברית מילה

וידום אחרן, מה הוה ליה לומר, וביום השמיני ימול בשר ערלתו. (מדרש פליאה)

קיינע פראגעס דארף מען נים פרעגען אויף דעם מאמר, מען זעהט אז עס איז א „מדרש פליאה", אהרן האט געשוויגען, פרעגט דער מדרש, וואס האט ער דען געקענט זאגען? ענטפערט דער מדרש: ער האט געקענט זאגען, די תורה זאגט דאך אז אויף דעם אכטען טאג זאל ער בעשניידען די פלייש פון זיין ערלה. וואס פאר א שייכות האט דער אנטווארט צום ענין?

אין דעם דרוש, כאטש ער וועט זיין זעהר קורץ, דאך וועל איך שרייבען א „חדוד". איך דיינק אז איך אליין האב דאס גע־הערט, נאר איך געדיינק נים פון וועמען. אדער איך האב עס געזעהן, נאר איך וויים נים וואו. דארום זאל מיך קיינער נים חושד זיין, אז איך האב עס בכיון מעתיק געווען פון ערגעץ. איך האב דאך אין מיין לעבען זעהר פיעל ספרים געלערענט, נים גע־קוקט... אבער פון צופיעל, קען איך נים געדיינקען וואו.

די ספרים פרעגען, די תורה האט דאך געדארפט שרייבען „בשר הערלה" און אזוי האט געדארפט זיין דער פסוק: „וביום השמיני ימול בשר הערלה"? ווידער פרעגען די ספרים: ער שרייבט דאך נים ווער עס זאל בעשניידען? דער רמ"א זאגט, „דאם האב יכול למול אסור לכבד לאחרים", אויב דער פאטער קען

אליין בעשניידען די ערלה פון זיין קינד, טאר ער נישט מכבד זיין אַן אנדערען. זאָגען די מפרשים, הגם דער כלל איז אין דער גאַנצער תורה „שלוחו של אדם כמותו", איז דאָך אַלץ איינס, אַז דער פאָ־טער, אפילו ער קען אליין מל זיין, דאַרף ער דאָך מעגען מכבד זיין אַן אנדערען, ווייל דער שליח איז דאָך ווי ער אליין, נאָר דאָך, זאָגען זיי, איז עס נישט גלייך, אַז דער פאָטער אליין טהוט עס צו פערגיסען זיין קינדס בלוט פון גאָטס וועגען, ווי אַז אנדערער טהוט עס פאַר איהם. דען „ברא כרעא דאבוה... און פלייש פון זיינע פלייש, איז עס איהם פונקט ווי ער וואָלט פערגיסען זיינע בלוט, ווי ער וואָלט שניידען זיינע פלייש... דעריבער זאָגט די תורה „ערלתו", זיין ערלה... און ממילא פערשטעהען מיר אַז דאָס געהט אויף דעם פאָטער...

די מפרשים פרעגען וועגען דעם וואָס ער זאָגט „בקרובי אקדש", זאָגט רש"י, „כשהקב"ה עושה דין בצדיקים, הוא מתעלה", ווען גאָט טהוט אַ משפט, אַ שטראָף צו צדיקים, ווערט ער דער־הויבען. סטייטש, אדרבה, מיר געפינען ביי עשו הרשע אַז ער האָט געזאָגט ווען אברהם איז געשטאָרבען, „גם באותו צדיק פגע מדת הדין, אם כן לית דין לית דיין", און עשו איז צוליעב דעם טויט פון אברהם, זיין זיידע, ארויסגעטרעטען אין גאַנצען פון דער אמונה. אלזאָ איז דאָך פונקט פערקעהרט, אַז השי"ת שטראָפט דעם צדיק, געפינען זיך רשעים וועלכע זאָגען „לית דין ולית דיין"?

נאָר דאָ איז אנדערש. ווען קענען זיי זאָגען אַזוי, אַז זיי זעהען נישט אויף דעם צדיק קיין עבירה, און פרעגען, פאַר וואָס? היתכן? אַזאַ צדיק, וואָס קיינער האָט נישט געזעהען איהם טהוענדיג אַן עבירה, פאַר וואָס קומט עס איהם? אבער דאָ האָבען דאָך אַלע געזעהען, און די וואָס האָבען נישט געזעהען, האָבען געהערט, וואָס זיי האָבען געטהאָן, און אַלע זעהען אַז זיי האָבן זיך אליין גורם געוועזען. און נאָך מעהר, זיי זעהען אַז עס איז דאָ אַ „דין ודיין" און זיי זעהען אַז השי"ת שיינקט נישט, אפילו צו זיינע מענשען, די הייליגע, זיינע געליעבטע, האָבען זיי דערפון אַ מוסר, און פיעלע זיינען חוזר בתשובה. אָט איז שוין פאַראַן „בקרובי אקדש"...

אבער, פרעגט זיך יעצט, דאס וואלט אלץ גערעדט געווען, אז עס איז טאקע א „קידוש השם", „בקרובי אקדש", אז דער שטראף וואלט געווען נאר פאר זיי אליין, און זיי אליין איז דער שטראף נוגע... אבער אהרן איז דאך צוליעב זיי אריין אין אזא עצבות, דער אומגליק איז דאך פאר איהם געווען זעהר גרויס, אז מען ווערט אן אזעלכע צוויי זיהן צדיקים, איז דאך דאס זיין צער. און וואס האט דאס יעצט אהרן געטהאן? קענען זיי דאך זאגען, „גם באותו צדיק פגע מדת הדין".

דאס איז וואס דער מדרש זאגט, „וידום אהרן". מאי הו"ל למימר?" וואס האט ער דען געקענט זאגען? ענטפערט דער מדרש, אז ער האט געקענט זאגען, „ביום השמיני ימול בשר ערלתו", וואס זאגט עפעס די תורה „ערלתו"? איז דאך געדרונגען דערפון, אז „ברא כרעא דאבוה", איז דאך דאס מיינע יסורים, איז וואו איז דא דער קידוש השם? עס איז דאך א חילול השם, וואס האט מען צו מיר? וואס האט אהרן געטהאן, ער האט מקבל געווען מיט שמחה, גליקליך בין איך, אז איך האב אזא זאך זוכה געווען, אז מיינע קינדער זאלען אויפווייזען אז „בקרובי אקדש", און ער האט געשוויגען, ניט געוויזען קיין צער. דערצעהלט דא די תורה זיין גרויסקייט, ער שווייגט און רעדט גאר ניט, און ער זאגט „חסד ומשפט אשירה", אויב דו רבש"ע טהוסט מיט מיר „חסד", זינג איך, טאנץ איך, לויב איך דיך, און אויב „משפט", איז אויך די זעלבע „אשירה", עס איז גאר פון רבש"ע קיין שלעכטס ניטא, די שלעכטעס איז גוטעס, ניטא קיין שלעכטעס, און דאס אליין איז אויך א „קידוש השם", די וואס האבען עס בעטראכט, ער האט ניט גערעדט אווארט. ודו"ק.

דעם תוכן האבען מיר דערפון, ווי גרויס דארף זיין ביי דעם פאטער די שמחה, די גדולה, ווען ער איז זוכה צו האבען א קינד, א בן זכר, און ער איז מקיים אזא מצוה, און עס ווערט גערעכענט ווי עס וואלט פערגאסען געווארען זיינע אייגענע בלוט... יא! אבער ווען איז דאס גערעכענט, און פון וואנען ווייסען מיר דעם דעכענונג, פון „וביום השמיני ימול בשר ערלתו", ווייל די תורה

זאגט „ערלתו", ניט „בשר הערלה", אלזא זאל דער טאטע, דער מוהל, דער סנדק וויסען, איבערהויבט דער טאטע, אז דער פסוק זאגט „וביום השמיני ימול בשר ערלתו", אויף דעם אכטען טאג. אבער אז ניט דעם אכטען טאג, מעג ער אפילו אליין מל זיין. איז דאס גאר אן אנדער זאך, א מצוה, פונקט ווי א גוי איז זיך מגייר, „מילה שלא בזמנה", איז שוין אראפ דער גאנצער גלאנץ פון דער מצוה. יא, מען מוז איהם מל זיין, אבער שוין ניט אום שבת ויום טוב. איהר זעהט, בעפאר איז די מצוה אזוי גרויס, אז עס איז דוחה אפילו שבת. ביי שופר, לולב און אפילו סוכה, ווען מען זאל דארפען טראגען אום שבת, קען ער אין סוכה ניט געהן עסען. אבער די מצוה פון מילה איז דוחה שבת. אבער יעצט, מילה שלא בזמנה איז ניט דוחה שבת. און איך זאג אייך, אז עס הייסט שוין ניט דא אזוי ווי „ערלתו", דאס איז גאר אבגעשטופט געווארען דער „וביום השמיני ימול" צוליעב דעם טריפה'נעם פאר־מאן, איהם קומט דער קרעדיט יעצט פונם ברית, ניט דיר, טאטעלע זיסער.

אז די מוהלים וואלטען ניט געווען אזוי קאלט אין דעם היג־זיכט, וואלט עס ניט געקומען דערצו. זיי וואלטען שוין געפונען א מיטעל. איך האב מיטלען. נאר שרייבען וועל איך ניט... וויל איך וויים ניט אויב די חברה געלט מאכער וועלען זיי אננעהמען אפילו איינעם. איך רייד ניט פון די קלים, נאר איך קען מוהלים אין ניו יארק, וועלכע זיינען תלמידי חכמים, און טאקע א סך רבנים זיינען מוהלים. נו, טהייערע, א יהוהן קוילענען, טאמער איז עס ניט אזוי גוט, וועט איהר מאכען קולות (און עס קומט אייך קרעדיט טאקע דערפאר), און א מענשען קוילענען ניט ווי מען דארף, איז גאר ניט אייערע ביזנעס...

גענוג פאר מיר. השי"ת וויים ווי ערנסט איך רייד און שרייב פאר דער וועלט. איך ווארען יעדען. וואס קען איך מעהר טהאן. טאקע גאר ניט. השי"ת זאל אייך עפענען אייערע אויגען, מוהלים, טאטעס... וואס דען נאך פאר א מצות זיינען געבליבען אין אמע־ריקא. שבת? תפלין? ציצית? סוכה? יום טוב? אט די איינע

מצוה וואס נייז און ניינציג פראצענט זיינען מקיים, זאל מען כאטש דאס ריכטיג מקיים זיין. דאס איז דער אגרימענט, וועלכען גאט ב"ה האט מיט אונזער פאטער געמאכט און איהם געזאגט, אז מיר וועלען היטען דעם אגרימענט, וואס ער גיט אונז, וואס איז אנבעלאנגט צו אונז צו היטען. „והקימותי את בריתי ביני ובינך ובין זרעך אחריך" וגו' און דאן „ונתתי לך ולזרעך אחריך את ארץ מגורך" וגו'. אמן ואמן.

(דרוש ז)

דרוש לברית מילה

ר"מ אמר המול ימול מכאן למוהל שיתית מהול.

(מדרש רבה)

דער מדרש האט מיט די איינינע ווערטער אנגעוואונקען זעהר טיעפזיניג ווער דער מוהל דארף זיין, וואס פאר א סארט איד עס דארף זיין דער שליח, וואס דער פאטער מאכט איהם, אויף זיין פלאץ, מקיים צו זיין אויף זיין קינד די גרעסטע מצוה. מען זאל זיך ניט האלטען פאר גרינג, וואס איז דער אונטערשיעד ווער דער שליח איז, אבי זיין קינד ווערט בעשניטען. ניין, מיינע טהייערע, זייט ווימען, אז וואס איד וועל דא פארשטעלען, איז חוץ וואס דאס איז אמת, איז עס קודש קדשים.

אז איין א שוהל זאל זיין א רב, א תלמיד חכם, א איד א צדיק, מוזט איהר צוגעבען, אז זיינע שוהל מענשען זיינען עהרליכע אי־דען. זיינע דרשות ווערען געהערט מיט אן אמת, און ער וועט ניט צולאזען צו הפקרות. אבער אז דער רב איז א קל שבקלים, ער טהוט אזעלכע שעהנע „מעשים אשר לא יעשו", וועלען זיין געמיינדע, אויב זיי זיינען עס נאך ניט, ווערען קלים, אדער זיי זיינען שוין קלים, אז זיי האבן אזא חברה מאן אויסגעקליבען, נאר פאר זיין שעהנעם ריידען.

אויב דער פרעזידענט פון שוהל איז אזא מענשעלע, אזוי ווי „חמור“ אין יעקב'ס צייטען, און ער האט א זוהן „שכם“, און איהם פאסט צו כאפען א „דינה“ און פייניגען איהר... זיינען די געמיינדע געוויס „חמורים“, און די קינדער אזוי ווי יענער „שכם“... און אז זיי זיינען מקיים מצות מילה, איז אזוי ווי עס האבען מקיים געווען חמור און שכם, ניט צו אכט טאג...

ווען דער טאטע לייגט ניט קיין תפלין, איז היתכן אז דער זוהנעלע זיינער וועט לייגען תפלין. ווען די מאמע מאכט דעם אוי־ווען שבת... און צינדט אז די געז און קאכט, היתכן אז דער זוהנעלע איהרער וועט ניט רויכערען אום שבת, היתכן?

מיינט איהר, מיינע טהייערע, אז דאס מיינט מען נאר דעם רב, דעם טאטען, דעם פרעזידענט, מיט וועמען מען האט צו טהאן שטענדיג. זיי קענען נאר גורם זיין, צו גוטען אדער צו שלעכטען. ניין! אפילו זיך איין מאל זעהען מיט א רשע, האבען מיט איהם א מגע ומשא, איז ער גורם ניט קיין גוטעס פאר דעם וואס האנ־דעלט מיט איהם אפילו נאר איין מאל.

ביי ניט קיין בעלעזענע פון אונזערע הייליגע ספרים איז דאס א רעטעניש. סטייטש, וואס זאגט דא דער מחבר? וואס קען דען מיר שאדען יענער מענש, אז ער איז אפילו א רשע? די וואס ווייסען אונזערע ספרי קודש, איבערהויבט די ספרי קבלה, וועלען גלייך מודה זיין, אז עס איז אזוי, און זיי ווייסען געוויס, וואס עס הייסט אין די „קבלה“ ספרים א „ניצוץ טומאה“ און א „ניצוץ קדושה“.

אבער אויך אפילו ניט געהן אזוי וויים, צו די „בעלי קבלה“. וועל איך פאר אייך איבערשרייבען וואס דער געטליכער הייליגער פילאזאף און בעל מקובל, דער ליכט פון דעם אידישען פאלק אין זיין צייט, דער רמב״ן, זאגט, ווי קומט עס צו משה רבינו צו זאגען „למה הרעות לעם הזה“. שוין זשע ווייסט ניט משה, אז פון גאט ב״ה געהט ניט ארוים קיין שלעכטעס, און אז דער „קושי השעבוד“ האט משלים געווען די צייט פון די פיער הונדערט יאהר? נאר הערט, וואס אזא „מלאך אלקים“ זאגט, אז משה האט גערעדט

מיט פרעה, וואס ער איז א טמא און ער איז ארויסגעגאנגען און אנגעטראפען דתן און אבירם, רשעים גמורים, און ער האט זייער פנים געזעהען, איז איז משה רבינו אריין עטוואס פון זייער טומאה, און ניט ווילענדיג האט ער זיך אויסגערעדט אזאווארט. ער, דער „מלאך אלקים", וואס עס ווערט אויף איהם געשריעבען „לא קם עוד בישראל כמשה".

יעצט זעהט, וואס זיינען מיר? ווער זיינען מיר? „זוחלי עפר". אז דוד האט געזאגט „ואנכי תולעת ולא איש", טא וואס זיינען מיר? אפילו מיר זיינען אידען וואס געהען אין גוטען וועג, נאך אונזער יעצמיגען שטאנד. אבער מיר מוזען זאגען, אז מיר זיינען מיליאנען, מיליאנען מאהל קלענער פאר זיי, אז עס איז גאר קיין צאהל ניטא צו אונזער קליינקייט. טא ווי קענען מיר זאגען אז עס מאכט ניט אוים צו באגעגנען זיך מיט א רשע. מיר זעהען דאך דערפון, אז אפילו אויף א וויילע זיך באגעגענען מיט זיי שאדעט אויך.

יעצט זאלען מיר זעהען. אז דער פאטער נעהמט א מוהל פאר זיין קינד, אום אריין צו ברייננען איהם אין דעם ארדען „ברית אברהם", אז זיין קינד זאל ווערען א מיטגליעד פון דעם גרויסען, הייליגען ארדען, וועלכע אברהם האט געגרינדעט, אין דעם ארדען. איז וועלכע עס איז פאראן אזא קאנסטיטוציע פאר מעמבער, תרי"ג מצות, וועלכע פיעלע פון זיי, אז מען היט זיי ניט אב ווערט מען ניט גערעכענט פאר קיין מעמבער (איך וויל ניט אויסרעכענען וועלכע, ווייל איהר ווייסט עס אליין). און דער אריינברייננער, דער מוהל, וואס דער פאטער האט איהם גענומען, אז ער זאל זיין קינד אריינגעמען אין דעם גרויסען הייליגען ארדען, אויב ער איז אליין א כופר אין דער קאנסטיטוציע, און דעם קינדם נשמ'הלע בעגעגענט זיך, יעצט שוין, מיט דעם „עוכר ישראל", — זאגט מיר, בעקלעהרט אייך, קען שוין דער קינד זיין אן אבהיטער פון דער קאנסטיטוציע? פערשטעהט איהר דען ניט דאס אליין? „כי לא אלמן ישראל", מיר האבען נאך עהרליכע

פרומע, גוטע, שעהנע אידען, פיעלע מוהלים צדיקים, וואס ביי זיי איז ניט דער תכלית אין גאנצען די פאר דאלאר...

איהר ווייסט געוויס, אז „ערל" ווערט ניט גערופען דוקא נאר דער וואס איז ניט גע'מל'ט, נאר אויך די יעניגע וואס פאלגען ניט אויס אונזער תורה. זיי ווערען אויך גערופען „ערלי לב", ווי די תורה זאגט, „אז יכנע לבבם הערל" (בחוקותי כ"ו מ"א), און אין ירמיה (ט' כ"ה) „בית ישראל ערלי לב", און אין יחזקאל (מ"ד ז') „ערלי לב".

און דאס זאגט אונז ר"מ, „המול ימול. מכאן למוהל שיהיה מהול, תני' ישראל ערל אינו מוהל". ר"מ זאגט, ווייל די תורה זאגט „המול ימול", איז דערפון געדרונגען, אז „המול", ער איז אליין בע־שניטען, „ימול", דער דארף בעשניידען. וואלטען מיר שוין מיינען, אז דער אנזאג איז, אז א גוי, אדער א ניט בעשניטענער איד, וואס מען האט איהם ניט געקענט מל זיין, דער זאל קיין מוהל ניט זיין. דאס פערשטעהען מיר ממילא, „תניא ישראל ערל אינו מוהל", א „ישראל" איז ער, נאר ער איז אן „ערל", „ערלת לב". „ערלת אוזן". ניט ער הערט די תורה, ניט ער וויל פערשטעהן. דעם דארף דער פאטער ניט נעהמען צו מל זיין זיין קינד. „אינו מוהל"...

אזוי איז אויך וועגען א רב. איז ער א צדיק, קענען נאך זיינע רייד טראגען פרוכט. און אויב דאס וואס ער רעדט איז נאר פאר'ן פאלק, און אליין איז ער וואס ער איז... קענען זיינע רייד קיין פרוכט ניט טראגען. איבערהויפט דער מוהל, דער וואס ברייננגט אריין דעם קינד „תחת כנפי השכינה", און ער איז אליין אבגע־טרעטען פון דער שכינה, קוילעט ער אב זיין קינד.

נעהמט מיינע רייד. עס רעדט און שרייבט צו אייך א גאנץ קליינער מענשעלע, אבער אן ערפאהרענער, און האט אין קאפ א סך ספרים, פון עטליכע און צוואנציג יאהר שטעהן אויף דעם הייליגען פלאטפארם, און דער מחבר פון א סך ספרים בזמן הזה. וואס האט זוכה געווען בחייו, אז אלע זיינע ספרים ווערען געהאל־טען און גערעדט פון זיי, דהיינו — אפילו איהר זייט פון די

קנאים, וואס איהר ווילט ניט צוגעבען, רייד איך צו אייך אז קיי־
נער זאל ניט הערען. ווער פון די היינטיגע האט געמאכט א בע־
סערען ספר פון „דברי יהודה“, „דגל יהודה“, „מטה יהודה“, „קול
יהודה“, „דברי יהודה“ (זשארגאן), „קהלת יהודה“ (זשארגאן),
„בית יהודה“ (זשארגאן), „אידישער רעדנער“ (זשארגאן) און
„די בימה“ יעצט? אלזא איהר מעגט זיך איינהערען און פאלגען.
איך ווינש אייך, איהר זאלט האבען דעם אמת'ן נחת פון אייערע
קינדער, אמן.

פרשה תזריע

(דרוש ח)

דרוש לצדקה

אָדם כי יהיה בעור בשרו וגו׳ (תזריע)

פיעלע ספרים פרעגן, די חכמים זאגן דאך „אין בעל הרחמים פוגע בנפשות תחלה״, האט דאך בעפאר געדארפט צו זיין אזוי, פריהער „נגעי בגדים״, „נגעי בתים״ און דערנאך, אז ער זעהט זיך נאך אלץ ניט ארום און ער טהוט קיין תשובה ניט, האט ערשט יעצט געדארפט זיין „נגעי עצמו״?

ווען איינער איז ניט געזונד, און מען ברייננט צו איהם א דאקטאר, איז די ערשטע זאך, בעטראכט ער איהם דעם פולס, ווי ער קלאפט, און דער דאקטאר פערשטעהט פון פולס זיין שוואכ־קייט. אונזער „רופא חולים״, ער בעטראכט אויך דעם מענשעלע, זיין הענטעלע. עס קען זיין אז זיין לינקע האנט לייגט תפלין און די רעכטע האנד איז קראנק: ער גיט ניט דעם ארימאן, ער עפענט ניט אויף זיין האנד צו געבען צדקה. א קראנקער איד ביזטו, באטש דו לייגסט אויפ׳ן קאפ תפלין! זעהר גוט און זעהר שעהן. אבער דיין אויער איז א פערמאכטער. דיין אויער הערט נאר צו נעהמען, אבער ניט צו געבען. א געפעהרליכער קראנקער ביזטו! דיין פולס איז שוואך, דיין אויער איז טויב. וואס טויגסטו, ווי פרום דו זאלסט אפילו זיין, ביזטו ניט קיין „צדיק גמור״.

אלעס וואס דו טהוסט אין אידישקייט איז גוט, טייער. אבער זיי וויסען, מיין טהייערער, אז די צדקה וואס דו גיסט, אט דאס איז דער עיקר, וואס געהט דיר אנטקעגען נאך דיין לעבען. אז

איינער פאהרט אוועק אין א ווייטען וועג, ווערט זיין באגאזש אוועקגעשיקט בעפאר איהם. און ווייסטו, מיין טהייערער, וואס דיין באגאזש איז, וועז דו פאהרסט שוין אוועק אין דעם ווייטען וועג, פון וועלכען דו קומסט שוין ניט צוריק,, דאס איז צדקה, „צדק לפניו יהלך" — די צדקה, זיין באגאזש, געהט פאר איהם, „וישם לדרך פעמיו", און עס מאכט איהם א גוטען וועג, א לייכטען וועג, אהן שטערונגען, צו קומען מיט זיינע טריט אויף דעם ריכ־טיגען פלאץ.

מיין טהייערער, וואס איז דיין קלעהרען, וואס קלעהרסטו? וואס וועט ארויסקומען פון דיין גאנצע מאטערניש און פלאגען זיך אויף דער וועלט? קום מיט מיר, איך וועל אבלערנען מיט דיר צוזאמען א קליינעם פסוק אין קהלות, און נעם זיך א מוסר. איך וועל דיר ח"ו ניט פערדרייהען דיין קאפ מיט א פשט'ל, נאר פשוט אבטייטשען.

„מה יתרון לאדם בכל עמלו שיעמול תחת השמש". עס האט געדארפט שטעהן „שעמל תחת השמש". יא! דו גיסט צו אז אזוי האט געדארפט שטעהן. וואס פאר א יתרון קומט ארויס צו דעם מענשען מיט גאנצע מאטערניש, וואס ער האט זיך אבגעמאטערט אין זיין גאנצען לעבען, אז דאס בלייבט אונטער דער זון, אבער אין דער הויך געהט עס מיט איהם ניט מיט. אבער ניט וואס ער וועט זיך מאטערען?

איך האב געהערט דערצעהלען, אז א גביר, אין די מיטעלע יאהרען, פלעגט קומען איין מאל א יאהר צו זיין רבי'ן, וועלכער איז טאקע געווען א צדיק תמים. דער רבי פרעגט איהם: זאגט מיר, ר' ישראל, ווי לאנג איז דער שיעור אזוי זיך צו מאטערען אויף דער וועלט? זאגט מיר, וואלט דען ניט שוין זיין צייט אנפאנגען זיך אנצוגרייטען פאר דארטען?

רבי לעבען, מען מוז דאך זעהען א תכלית פאר מיינע קינ־דער. איך בין שוין טאקע אין די יאהרען. אבער איך מוז נאך ארבייטען, ביז איך וועל האבען אויפגעטהאן א „תכלית" פאר זיי. אין פערלויף פון פופצעהן יאהר איז דער גביר געשטארבען,

און זיין זוהן האט אנגעפאנגען צו פאהרען צום רבי'ן. ער איז שוין אויך געווען א בן ארבעים. פרעגט איהם דער רבי: נו, מיין טהייערער, דו האסט דאך אזא פערמעגען, וואלט ניט זיין צייט אנצוהויבען מעהר טראכטען זיך אנצוגרייטען א פערמעגען פאר דער קומענדער וועלט?

יא, רבי לעבען, איהר זייט גערעכט. אבער מען מוז פערזארגען די קינדער צו א תכלית. דער זוהן פון גביר איז אזוי אבגעפאהרען צום רבי'ן א יאהר צוואנציג, און אלע מאל האט איהם דער רבי געפרעגט די זעלבע פראגע, און ער האט געענטפערט דעם זעלבען תירוץ: איך מוז זעהען א תכלית פאר מיינע קינדער. דער רבי האט דערלעבט, אז ער, דער גביר, דער זוהן פון יענעם גביר, איז שוין אויך געשטארבען.

עס איז שוין געקומען זיין זוהן, דעם ערשטען גביר'ס אייני־קעל, און דער רבי האט איהם א פרעג געטהאן די זעלבע פראגע. און ער, דער אייניקעל, האט דעם זעלבען תירוץ געענטפערט: מען דארף זוכען א תכלית פאר די קינדער.

אך, גאט אין הימעל! האט אויסגעשריען דער רבי. דיין זיידע ר' ישראל איז צו מיר געפאהרען, און איך האב איהם יעדען מאהל געפרעגט: וואס וועט זיין, ר' ישראל, מיט אייך? ווען וועט איהר שוין עפעס טהאן מעהר אביסעל פאר דער נשמה? ניט אימער פאר'ן גוף. איהר זייט דאך א גביר ב"ה! האט ער מיר אימער געענטפערט: מען מוז זעהן א תכלית פאר די קינ־דער. האט ער זיך פערשאפט א גרויסען פערמעגען, ביז א האלבען מיליאן דאלאר, און ער איז געשטארבען. האב איך געמיינט, אז ער האט שוין איבערגעלאזען דעם תכלית צו זיינע קינדער, כאטש ער איז אליין אוועק אז א „תכלית" פאר זיך. צום סוף, אז זיין זוהן איז געקומען צו מיר און איך האב איהם געפרעגט די זעלבע פראגע, האט ער מיר געזאגט, ער מוז זעהען א תכלית פאר די קינדער. גאט אין הימעל! וואו איז זיין תכלית פון זיין טאטען געבליבען. ער האט דאך אלץ ווייטער געזוכט דעם תכלית. צום סוף איז ער, זיין זוהן, דאס איז דיין טאטע, אוועק פון דער וועלט.

מיט א קליינעם „תכלית" פאר זיך, נאך ווייניגער ווי זיין טאטע...
אבער איך האב געמיינט, אז ער האט איבערגעלאזען שוין פאר
דיר דעם „תכלית", ווייל ער האט שוין איבערגעלאזען פאר דיר
א פאר מיליאן דאלאר — יעצט זאגסטו מיר אויך אזוי. געוואלד געשריען, וואו איז דער תכלית? אט אזוי כסדר, אלץ תכלית, אויף
ווייטער און ווייטער, אויף אייביג, לאזט איהר איינעם דעם אנדערען און איהר קומט ניט צום תכלית. טא קום אהער, מיין טהייערער גביר! דו געהסט אויך זוכען דעם תכלית פאר דיינע קינדער, און אזוי וועט זיין אלץ כסדר, טא קום צו מיר, וועל איך
דיר זאגען א פסוק „קהלת": „מה יתרון לאדם", וואס בלייבט
עפעס א „יתרון" צום מענשען, פון דיין זיידען, פון דיין טאטען,
„בכל עמלו", מיט זיין גאנצען מאטערניש, וואס וועט בלייבען
פאר איהם אליין, פון זיין מאטערניש? וואלט ער כאטש געקומען
צו זיין „תכלית". ניין, ער איז נאך ניט געקומען צום „תכלית".
נאר ער זאגט, ער דארף ערשט נאך מאטערען זיך צו לאזען דעם
„תכלית" פאר זיינע קינדער, „שיעמול", וואס ער וועט זיך אלץ
ווייטער מאטערען. און דער זוהן אויך אזוי, און דער אייניקעל
אויך אזוי, „שיעמול", ער וועט זיך מאטערען, און צום תכלית
קומט קיינער ניט. טא וואס בלייבט צו איהם „תחת השמש"?
קיין עולם הזה האט ער ניט געהאט, „שיעמול", ער וועט זיך אלץ
מאטערען, פאר'ן זוהן, און דער זוהן פאר זיין זוהן א. ז. וו.

נו, מיין פריינד, האסטו כאטש דערפון א מוסר? איין זאך
איז דא, וואס דאס ברייננט דעם תכלית צו דיר, און דאס איז
די צדקה וואס די גיסט. דאס בלייבט פאר דיר דער תכלית. דו
זוכסט פאר דיינע קינדער א תכלית — געלד! איז דען א מענש
געקומען צום תכלית? און וואס וועלען זיי טהאן מיט דיין געלד?
זיי וועלען הולטאיעווען, נאכגעבען זיך אלע שמוציגע תאוות, חלול
שבת און נאך און נאך, אלעס פאר דיין געלד. זעה, מיין טהייערער,
זעה, מיין ליעבער, זיי ניט קיין נאר... דעם גיהנם וואס מען וועט
דיר געבען וועט זיין, מען וועט דיר לעבעדיג מאכען, און צופיהרען
צו דיין הויז, און ווייזען דיין ווייבעלע, ווי זי זיצט מיט'ן צוויי-

טען מאן. און דיר האט זי אין דער ערד... ווייל דו האסט געמאכט פאר איהר א פארמעגען, האט זי געקריגען א שעהנערען פון דיר... און מען וועט דיר ווייזען דיינע בנים ובנות, וואס זיי טוהען פאר דיין געלד. וועסטו פאלען אין חלשות, און אז מען וועט דיר אב־מינטערען, וועסטו בעסער וועלען געהן אין גיהנם, איידער צו זעהען די יסורים...

מיין טהייערער, וואס דיינקסטו רופען די חכמים אזא חברה־מאן און נאך אזעלכע ווי דו, וואס דו ליגסט אויף דיין געלט: „הני עכברי דשכבי אדינרי", די מייז וואס ליגען אויף געלד. ווילסטו וויסען, קמצן, ווארום רופען די חכמים דעם קמצן, עכבר? וואס איז די מליצה „דשכבי אדינרי"? וועל איך דיר זאגען, מיין טהייערער. מיר דוכט זיך, אז איך האב דעם בעדייטונג שוין גע־שריעבען אין מיינעם א ספר, נאר צוליעב דיר, ווייל איך האב דיר ליעב, דערום וועל איך זיך ניט פוילען און פאר דיין כבוד וועגען שרייבען נאך אמאל. נאר הער זיך איין מיט א גוטען קאפ, הער זיך איין און פארנעהם, כאטש עס וועט דיר ניט שמעקען, אבער אין זיך וועסטו מודה זיין, אז דאס איז ריכטיג.

אז עכבר, א מויז, וואס קריכט אריין אין אן אוצר פון תבואה, ווייץ אדער קארן, גערשטען אדער האבער, האט ער א מעלה מיט א חסרון, א מעלה וואס ער האט צו עסען, אבער א חסרון וואס עס איז איהם הארט צו ליגען.

אז עכבר וואס קריכט אריין אין א זאק מעהל, האט קיין חסרון, נאר דורכאוים מעלה. עס איז איהם ווייך צו ליגען און גוט צו עסען.

אז עכבר וואס קריכט אריין אין אן אוצר פון געלד, האט קיין מעלה ניט, דורכאוים חסרון. קריינק האט ער צו עסען און עס איז איהם הארט צו ליגען...

נו, איז דאס ניט ריכטיג? ז

יעצט הער דעם נמשל פון די חכמים אונזערע, וואס זיי האב־בען אזעלכע און אנדערע גבירים גוט געקענט. דער גביר וואס עסט כאטש אליין, ער לעבט בעולם הזה זעהר גוט, און גיט ניט קיין

צדקה — אום אויסצובעטען פאר זיך א גוטען געלעגער, דאס טהוט ער ניט — ער וועט ליגען הארט, זעהר הארט. אז ווען מען בעט זיך ניט אוים מיט א גוטע פעריגע אונטען, ליגט מען הארט... אבער כאטש פרעסען פרעסען זיי... א סוף כאטש גוט אריינגעגעסען...

דער גביר וואס עסט גוט און לעבט גוט, און ווייסט אז דער ארימאן דארף אויך לעבען, גיט ער איהם, ער גיט אין אלע אנ־שטאלטען, אין אלע תלמוד תורות, דער איז דער קליגסטער. ער האט ביידע מעלות, ער עסט גוט און ער וועט ליגען ווייך...

יעצט קום צו דיר אליין און צו נאך אזעלכע ווי דו, וואס עסען עסט איהר ניט, איהר זשאלעוועט פאר זיך מיט אייער ווייב און קינדער, איהר לעבט פינסטער און ביטער, און אויסצובעטען זיך א ווייכען געלעגער מיט צדקה דיינקט איהר אויך ניט, וועט איהר דאך ליגען הארט. נאר וואס דען איז אייער צוועק צו האלטען פעסט די געלד? זייט איהר דאך „הני עכברי", די מייז, „דשכבי אדנירי", וועלכע ליגען אויף די געלד, ניט זיי עסען, ניט זיי בעטען זיך ווייך צו שלאפען... פע, איך וויל מעהר ניט מיר דיר רעדען...

אזעלכע מענשען מוזען מיר אנרופען ווי די חכמים רופען איהם: „יש לך אדם שממונו חביב עליו יותר מגופו, לכך כתיב ובכל מאדך". דו מוזט זיך לאזען טויטען און ניט עובר זיין אויף די דריי עבירות. טא וואס זאגט די תורה „ובכל מאדך", מיט דיין געלד אויך? גיבען די חכמים צו ערקלעהרען, אז עס זיינען פאראן מענשען משוגעים אזעלכע, די וועלכע וועלען זיך בעסער לאזען טויטען, נאר די געלד ניט אוועקגעבען איז דאך זיי געלד טהייערער ביי זיי פון זייער לעבען...

מיט אזעלכע משוגעים פיהרט זיך דער „בעל הרחמים" אפילו גאר אנדערש. וואס האבען מיר אייך אנגעהויבען אין דעם דרוש פון היינטיגער סדרה, „אדם כי יהיה בעור בשרו וגו'", ער וועט ח"ו מצורע ווערען. פרעגען דאך די ספרים, סטייטש, „אין בעל הרחמים פוגע בנפשות תחלה", האט דאך געדארפט זיין פריהער „נגעי בגדים", „נגעי בתים", און אז ער טהוט ניט קיין תשובה, האט ערשט געדארפט צו זיין „נגעי עצמו"? יא, מיין טהייערער.

טאקע ביי אלעמען איז עס אזוי, אבער ניט ביי דיר. מיין טהייערער, וואס דיין געלד איז דיר ליעבער ווי דיין נשמה. קום מיט מיר, און מיר וועלען אבלערנען נאך א שטיקעל מדרש, און טאקע פון דער סדרה: פאר וואס ווערט צרעת ארויפגעשיקט אויף א מענשען? „ר' אבין אמר בשם ריו"ח, כתיב ואם לא תמצא ידה די שה, ומה כתיב בתריה, אדם כי יהיה בעור בשרו, וכי מה ענין זה אצל זה, אמר הקב"ה, אני אמרתי לך הבא קרבן לידה, ואתה לא עשית כך, חייך שאני מטריחך לבא אצל כהן, שנאמר והובא אל הכהן".

קומט יעצט אוים אזוי — אז ביי א קארגען, ער וויל ניט ברייגגען א קרבן, ער זשאלעוועט זיין געלד, און זיין געלד איז ביי איהם ליעבער ווי זיין גוף, איז דאך פאר איהם בעסער און גרינגער „נגעי גופו", א סך גרינגער פאר „נגעי ביתו", דארום האט די תורה בעפאר געשריבען „נגעי גופו". אבער פאר אנדערע מענשען, די מעהרערע אין צאהל, וואס זייער גוף איז זיי ליעבער פאר זייער געלד, ווי די וועלט זאגט, א כפרה די געלד, אבי ראטעווען דעם לעבען, איז ביי זיי דאך די געלד א קלענערע שטראף. איז טאקע פאר זיי בעפאר „נגעי בגדים", „נגעי בתים". אבער דא רעדט זיך, למה נסמכה גלייך נאך קרבן לידה, ואם לא תמצא ידה. ווייל ער וועט ניט געבען קיין קרבן, ווייל עס קאסט דאך געלד. און ממונם חביב עליהם יותר מגופם, ווערט די נגע אויף זיין קערפער, נאכהער „נגעי בתים", און „נגעי בגדים".

מיין טהייערער, דו האסט געקראגען דיין פארציע, דיין חלק, ריכטיג. וואס זאגסטו. עס איז ניט ריכטיג ח"ו — דו בלאפסט. דו פערשטעהסט אז עס איז ריכטיג, נאר דו ווילסט ניט צוגעבען. בעסער זיך, זעה אז דו זאלסט קיין חרטה ניט האבען אויף דיין פינסטערען לעבען, הויב אן צו געבען צדקה און זיי געזונד און האב אלדאס גוטס. אמן.

פרשה אחרי מות

(דרוש ט)

ונשא השעיר עליו את כל עונותם, אין שעיר אלא עשו, שנאמר הן עשו אחי איש שעיר, את כל עונותם, לעתיד לבא נוטל הקב"ה את כל עבירות ישראל ונותנן על עשו, אמר עשו, במה כח יש לו שאתה נותן עלי כל עונות יעקב אחי, והקב"ה נותנן על בגדיו ונעשו אדומים וכו'.
(ילקוט)

איך וועל צו דעם מאמר ברייננגען נאך איין מאמר פון ילקוט. „ר"ם בשם ריב"ל מפני מה אין כהן גדול משמש בבגדי זהב ביום הכפורים? אלא אין קטיגור נעשה סניגור, שלא ליתן פתחון פה לשטן לקטרג ולומר אתמול עשו להם אלהי זהב, והיום משמשים לפניך בבגדי זהב".

דאס הייסט, דייטליכער אביסעל צו פערשטעהן, מיר ווייסען שוין זעהר גוט, אז דער איצטיגער „עגל הזהב", דער דאלאר, איז פיעל ערגער און האט מעהר אראפגעפיהרט פון וועג אונזערע ברידער און שוועסטער, ווי דער „עגל" וואס איז געמאכט געווארען אין דער מדבר. נאך אלעמען, ווער האט געמאכט דעם עגל. אהרן איז דאך ניט שולדיג געווען, אז ער האט געהייסען אריינווארפען די גאלד אין פייער, ווי דער פסוק זאגט, „ויצא העגל הזה". פון די גלויבער אין דעם קאלב, און די גאנצע אנפיהרער, זיינען דאך געווען נאר דער ערב רב...

און וויפיעל אידעלעך האבען געדיענט, געבוקט זיך צו דעם עגל? דריי טויזענד, און דאס אלעס. היינטיגער „עגל", דער „עגל

הזהב", האָט דאָך אָראָבגעבראַכט דעם גאַנצן יודענטהום... ווע־
גען די קינדער איז דאָך אָבגערעדט. אַז אפילו די טאַטעס, די
מאַמעס און אַנדערע זיידעס זיינען מחלל שבת... צוליעב וואָס?
צוליעב דעם „עגל הזהב", די געלד, און זיי טוהען אָב אַלע צרות
צוליעב דעם „עגל הזהב"... די געלד... אפילו די פּרימערע, וואָס
האַלטען שבת און לייגען תפלין און קרעכצען נאָך כלומרשט אויף
די הפקרות פון זייערע קינדער, איז דאָס אויך נאָר „משפה ולחוץ".
און אַז זיי ווילען, מאַכען זיי זיך גרינגער און זאָגען, וואָס זאָל
מען טהאָן, אַז מען מוז, מען קען זיך ניט העלפען... מען קען בעסער
ניט מאַכען... און וויינען און קלאָגען...

עס קומט מיר אויס אייך צו דערצעהלען, אפילו נאָך אַמאָל,
איך האָב עס שוין איבערגעגעבען אין איינעם פון מיינע ספרים.
איך דיינק אַזוי. עס קען זיין איך מאַך אַ טעות. אַ ישוב'ניק, אַ
רייכער,, צוויי מייל פון מיין שטעדטעל וואו איך בין געבאָרען.
האָט ער געוואָהנט. אויף ראש השנה פלעגט ער קומען אין אונזער
שטעדטעל. רייך איז ער געווען, האָט ער זיך געשטעלט אין מזרח
וואַנט, לעבען רב. ראש השנה אין דער פריה, דער רב איז שוין
געווען אין בית המדרש, און נאָך אַ האַלבער מנין. דער ישוב'ניק
איז אַריין, צוגעגאַנגען אין מזרח, זיך געשטעלט ביים זייט פון רב.
אַרויפגעלייגט דעם טלית איבער דעם קאָפּ, און האָט גענומען דעם
מחזור, זיך אַריבערגעבויגען, און האָט אָנגעפאַנגען וויינען מיט אַ
הויכען קול, האָט זיך מאָדנע שטאַרק פערכליפּעט, געפעהרליך.
די איינציגע מענשען וואָס זיינען שוין געווען אין בית המדרש,
האָבען זעהר שטאַרק אַרויפגעקוקט, וואָס איז דאָרט געשעהען
מיט דעם ישוב'ניק?

דעם רב האָט עס אויך זעהר פערדראָסען, נאָר ער האָט זיך
געדערבענט, אַ קשיא אויף אַ מעשה, עס קען זיין עס האָט זיך איהם
אויפגעמישט „ונתנה תוקף", האָט ער זיך דאָס צוזאָגט און צו־
וויינט. דער רב איז געקומען נעהנטער צו איהם און האָט איהם
געפרעגט: ר' דוד, וואָס שרייט איהר אַזוי שטאַרק און וואָס וויינט
איהר אַזוי פיעל? דער רב האָט אַ קוק געטהאָן אין זיין מחזור,

בעטראַכט וואו ר' דוד זאָגט, גיט ער אַ קוק — ער זאָגט „יגדל".
פרעגט ער איהם: ר' דוד, וואָס איז דער געווען ביי „יגדל"?
הערט אויף אַ ווײַלע, איך וועל פאַר אייך אָבטייטשען דעם גאַנצען „יגדל", וועט איהר זעהען, אַז עס איז ניטאָ וואָס צו וויינען.

„יגדל אלהים", גרויס איז אונזער גאָט. — און אַז מיר וואָלטען געהאַט אַ קלײנעם גאָט, וואָלט אונז בעסער געווען? „חי", אַ לעבעדיגער גאָט. — און ח"ו אַ טויטער גאָט, וואָלט אונז בעסער געווען? ר' דוד וויל ניט מפסיק זיין אין מיטען „יגדל" און גיט אַ ברום, אַ דרעה מיט'ן קאָפּ אויף „ניין", ניט פאַר דאָס וויינט ער. דער רב טייטשט איהם דעם גאַנצען „יגדל" און ער ברומט און שאָקעלט אויף „ניין", ניט צוליעב דעם וויינט ער. ביז עס איז געקומען צו דער לעצטער שורה „מתים יחיה אל ברוב חסדו", טייטשט איהם דער רב: די טויטע וועט גאָט מאַכען אויפלעבען מיט זיין גרויס גענאַד. דאָ האָט ער זיך נאָך שטאַרקער צואווײנט, אום־הו, אום־הו... ווי איינער זאָגט, דאָס איז עס, צוליעב דעם איז דאָס... פאַרוואונדערט זיך דער רב: סטייטש, ר' דוד, אַז עס זאָל ניט זיין „תחית המתים" וואָלט פאַר אייך בעסער געווען? וואָס איז מיט אייך ר' דוד?

ר' דוד האָט זיך נאָך שטאַרקער צואווײנט, און קוים געענ־דיגט „יגדל". דאַן זאָגט ער צום רב: הערט זיך איין, רבי, וואָס איך וועל אייך דערצעהלען. איך בין רייך. אַט יעצט ניט לאַנג האָב איך געקויפט אַ הויף פאַר צוואַנציג טויזענד רובעל. איז דאָך מיר גוט, רבי, האַ? אַזוי דוכט זיך אייך, און נאָך אַ כך מענשען. אָבער איך האָב צוויי זיהן, זיינען זיי אמת'ע אויסוואורפען. שפּי־לען טאָג און נאַכט אין קאַרטען. ווען איך זאָל זיי ניט איינהיטען מיט מיינע אַלע כחות, וואָלטען זיי מיר פערראומגליקט שוין פון לאַנג. איז אַלזאָ אַט דאָ, ביי „מתים יחיה אל ברוב חסדו", דאָ איז מיין אומגליק אין גאַנצען. ווייסט איהר פאַר וואָס? וועל איך אייך זאָגען. ווייל פאַר'ן טויט האָב איך גאַר קיין מורא ניט. שטאַרבען מוז מען. עס קען אַנדערש ניט זיין. פריהער—שפּעטער. אַלזאָ, פאַר'ן שטאַרבען האָב איך קיין מורא ניט. נאָר פאַר'ן אויפ־

שטעהן תחית המתים. אט דא בין איך אומגליקליך. אז ווי נאר איך וועל שטארבען, אין צייט פון דריי מאנטען, וועלען זיי שוין פון מיין פערמעגען א פרוטה ניט האבען. זיי וועלען דאס האבען פערשפיעלט אין קארטען. אז עס וואלט קיין תחית המתים ניט געווען, וואלט עס מיר גאר ניט געארט. אבער אז איך וועל אויפשטעהן און איך וועל אפילו מיין קאפ ניט האבען וואו אנצושפארען, דאס איז מיין אומגליק.

הערט זיך איין, ר' דוד, ענטפערט איהם דער רב, איהר דארפט גאר קיין מורא ניט צו האבען. ווייל, אז איהר האט אזעלכע דריי זיהנעלעך, וועט איהר שוין קיין תחית המתים ניט אויפשטעהן...

מיינע טהייערע פרומע ליעבע טאטע מאמע! טרייסט זיך ניט אזוי שטארק, פרעהט זיך ניט. אבער איהר זאגט, וואס זאל מען טהאן, אין דער צייט וואס איהר ווילט גאר ניט טהאן, און איהר מאכט קידוש אויף די שבת'דיגע ווײַדזשעס! אוי, איך האב מורא צו זאגען אז איהר דארפט וויינען אויף דעם „מתים יחיה אל"... וואס איז דאס יעצט געווארען מיט אונז, ווארום איז דאס געווארען אזא קאלטקייט ביי אונז? מיר קוקען אליין צו מיט אונזערע אויגען ווי אונזערע קינדער זיינען מחלל שבת, — מיט אזא קאלטקייט, ווי עס וואלט גאר ניט געווען צו אונז אנבעלאנגט די גאנצע געשיכטע, אזוי ווי מיר וואלטען גאר ניט געווען „מזרע אברהם". אזא סארט קאלטקייט איז צו בעוואונדערען. דער „עגל הזהב" האט צובראכען אונזערע „לוחות"... דער טאטע האלט נאך מיט זיין האנד צו א שטיקעל פון די לוחות, אבער פון די וואס ער האלט איז „אותיות פורחות", די בוכשטאבען ארויסגעפליגען, טויטע אותיות... א קאלטע האנד האלט עס נאך צו. קוקט זיך צו, אין די קאנטרי שטעדט, וואו עס געפינען זיך איינציגע טויזענד אידען, און זיי האבען פינף שוהלען. פיער זיינען אין גאנצען געשלאסען א גאנצע וואך. אין איינע איז דער „בית המדרש", דער בייסמענט, אפען אין דער פריה, און אמאל איז דא א מנין, אמאל ניט. דעם זעלבען שיקזאל פארנאכט. סיידען עס איז דא א יאהרצייט. —

דער הייליגער „עגל הזהב" האָט צוריסען דעם פּאַרמעט פון אונ־זער תורה, די אותיות זיינען ארויסגעפלויגען.

די מעמבערס פון די קאָנטרי שטעדט האַסען אַלעס וואָס הייליג איז. זיי האַסען אַ אידען וואָס זיי דיינקען אַז ער איז אַ שטיקעל בן תורה. נאָך מעהר האַסען זיי אַ תלמיד חכם, אפילו זייער רב. קוים איז ער אַ תלמיד חכם און אַן אמת'ער איד און שטריינג אַרטהאָדאָקסיש, נו, פעהלט איהם שוין ניט קיין צרות. ער האָט שוין זיינס אויף דער וועלט, דעם גיהנם וואָס די רשעים וועלען האָבען אויף יענער וועלט.

יעצט זאָלען מיר בעטראַכטען, וואָס האָט גורם געווען, אַז מען זאָל זיך אַזוי איבערגעבען צום „עגל הזהב", טאָג און נאַכט. אַרבייטען און האַנדלען, לויפען און פליהען, זיך לייגען מיט'ן „עגל הזהב" און אויפשטעהען מיט'ן „עגל הזהב". אַ גאַנצען טאָג מיט'ן „עגל הזהב"?

דאָס איז נאָר דער פערפלוכטער לוקסוס, דער לוקסוס לעבען. דער לוקסוס פון עסען, דער לוקסוס פון קליידונג, איינער טאַנצט נאָך דעם צווייטען, אַ בחור האָטם ורא צו הייראַטהען, פיליכט וועט ער ניט קענען סופּאָרטען זיין ווייבעלע מיט איהרע פערלאַנ־גען.

דאָס זאָגט ר"ם בשם ריב"ל: „מפני מה אין כהן גדול משמש בבגדי זהב ביום הכפורים", וואָרום האָט דער כהן גדול ניט אָנגע־טהאָן זיך מיט די גאָלדענע קליידער אום יום כפור, אריינצוגעהן אין „קודש הקדשים" מתפלל צו זיין פאַר'ן כלל ישראל? „שלא ליתן פתחון פה לשטן לקטרג ולומר, אתמול עשו להם אלהי זהב והיום משמשים לפניך בבגדי זהב", כדי ניט צו געבען דעם שטן מאַכט מקטרג צו זיין אויף די אידען, עפּענען איהם די מויל, ער זאָל האָבען וואָס צו זאָגען, רבש"ע, דו ווייסט דאָך, אַז נעכטען — דאָס הייסט, זייענדיג אין דער מדבר — האָבען זיי געמאַכט אַ גאָלדענעם קאַלב פאַר אַ גאָט, זאָל זיין אַ קאַלב אַ גאָט, אבי נאָר פון גאָלד, און זיי האָבען זיך געבוקט צו די גאָלד, און ווען דו מיר פרעגען, רבש"ע, וואָס איז דאָס צו דערמאָנען פערצייטיגע

אידען, מיט זייערע פערצייטיגע אויפטואונגען? ניין, רבש"ע, דאס מיין איך גאר פשוט דיר צו זאגען, אז דאס מיין איך דעם היינטי־גען עגל הזהב, זיי קומען נאר בעטען פאר גאלד, „והיום משמשים לפניך בבגדי זהב", און היינט, וואס בעטען זיי, וואס שטעהען זיי דא און שרייען. — נאר גאלד, היינט איז נאר דער „עגל הזהב", דאס גאלד. געלד גיב זיי. ווען ניט דאס וואלטען זיי גאר ניט גע־קומען, אפילו אין דעם טאג יום כפור אויך ניט, אין שוהל אריין. גיב א קוק, וויכנע דוואשע און ציפע גרינע שטעהען דא, איינע אין צפון זייט, און איינע אין דרום זייט. וואס איז דאס, — זאגט ציפע גרינע. — וואס וויכנע דוואשע האט אנגעטהאן דימענטענע אוירינגלעד וואס איז ווערט טויזענד דאלאר. רבש"ע, — זאגט זי. — ווארום קומט עס איהר און מיר ניט? און דאס זעלבע קוקט וויכנע דוואשע אויף ציפע גרינע'ס רינג: זעה נאר, זעה נאר, די דינסט, ווי לאנג איז דאס, אז זי איז געווען אין באלטרעמאנץ א דינסט ביי חיים חאצקיל! זעה נאר, וואס פאר א העט זי טראגט יעצט! וואס פאר א דרעס, וואס פאר א גרויסען דיימאנט רינג! „והיום משמשים לפניך בבגדי זהב", און אויך היינט, דאס וואס זיי דיענען דיר דעם היינטיגען טאג, איז נאר „בבגדי זהב", צו־ליעב די „בגדי זהב" שרייען זיי א גאנצען טאג הב הב — געזונד און לעבען און פרנסה, און גאלד און ווייטער גאלד! „אתמול עשו להם אלהי זהב", נעכטען, דעם גאנצען יאהר הייסט עס, האבען זיי די גאלדענע קאלב געדיענט, אבגעטהאן אלעס שלעכטעס צוליעב די גאלד און אפילו „היום משמשים לפניך בבגדי זהב", דאס הייסט ,אויך היינט איז זייער גאנצער געבעט נאר צוליעב די בגדי זהב, און מיט די בגדי זהב, וואס זיי האבען עובר געווען על כל התורה, מיט זיי שטעהען זיי יעצט און בעטען דו זאלסט זיי ווייטער געבען בגדי זהב! וואס טהוט דער רבש"ע, אז ער הערט אויס פון שטן אלע אונזערע עבירות, וואס מיר האבען אבגעטהאן א גאנץ יאהר און טאקע צוליעב די בגדי זהב? נעמט ער און פאקט ארויף די אלע זינד אויף עשו, אונזער ברודער, דעם טהייערען. „ונשא השעיר עליו את כל עונותם", „אין שעיר

אלא עשו" שנאמר וכו' — דאָס הייסט עשו האָט גורם געווען אַלעס אויף די אידעלעך, זיינע גזירות וואָס ער האָט געמאַכט אויף זיי. אמת טאַקע, איך האָב זיי אַרויסגעטריבען פון זייער לאַנד. אמת טאַקע, איך האָב זיי פערטריבען אין גלות צו עשו, זה אדום. אָבער זיי האָבען צופיעל געמאַטערט מיינע קינדער, צופיעל צרות זיי געגעבען, פּאַגראָמען, רויבערייען, מאָרדען, געיאָגט פון איין לאַנד אין דער צווייטער, געברענט, געבראָטען, ניט געלאָזען זיי מאַכען אַ לעבען, צוגענומען פון זיי אַלע פּרנסות, וואָס האָבען זיי געזאָלט טהאָן? זיינען זיי געוואָרען פּראָצענטניקעס, און ניט פערדיענט אמאָל עהרליך דעם דאָלאַר, געצוואונגען צו חלול שבת און חלול יום טוב, געצוואונגען צום שמד, גענומען קינדער אין ניקאָלאַי דעם ערשטענס צייטען און געברענט און געבראָטען זיי, געריסען זיי גליעד פאַר גליעד, זיי זאָלען זיך שמד'ען — „ונשא השעיר עליו את כל עונותם", „אין שעיר אלא עשו".

„לעתיד לבוא נוטל הקב"ה את כל עבירות ישראל ונותנן על עשו". — דו עשו, דו פערפלוכטער מערדער, דו ביסט שולדיג אין אַלע זייערע עבירות. נאָר דו, עשו. — ווי עשו הערט דאָס, „אמר עשו, כמה כח יש לי שאתה נותן כל עונות ישראל עלי", רבש"ע, עס איז טאַקע שעהן, אַז דו, זייער טאַטע, זאָלסט זוכען מיטלען. ווי אַזוי זיי ריין צו וואשען. אָבער איך מוז דיר זאָגען, אַז אַזוי פיעל כח האָב איך ניט צו טראָגען „כל עונות ישראל", אַלע זייערע עבירות. דעם אויסדרוק אַלע, קען ער ניט טראָגען, אָבער העלפט, אָדער עטוואָס מעהר ווי העלפט קען איך יאָ טראָגען. ווייזט עס אויס, אַז עשו איז מסכים, אַז ער איז טאַקע שולדיג, אָבער ניט אין „כל עונות ישראל".

אומגעפעהר, וויל איך דיר אָנזייגען, רבש"ע, אַז איך בין גאָר ניט שולדיג אין דעם. אין אַלע געוויס ניט. גראָדע פערקעהרט. אמת טאַקע, איך האָב זיי געטהאָן שלעכטעס, געברענט געמאַטערט, געטריבען צום שמד, געצוואונגען אָוועקצואוואַרפען מצות. אמת טאַקע, איך בין שולדיג. אָבער אין אַסך פעלע זיינען זיי בעסער געוואָרען אין זייערע מצות אָבצוהיטען. ווען איך האָב זיי ניט געלאָזען הי־

טען, האבען זיי דוקא געהיט. ווארום דאס איז די נאטור פון דעם אידען. אז מען לאזט איהם ניט, טהוט ער גראדע יא. אמת, פאר די וואס האבען זיך געטויפט, פאר זיי דארף איך ליידען, אבער מעהר ניט.

נאך א זאך מוז איך דיר זאגען, רבש"ע, זעה אין די לענדער וואו מען האט זיי געלאזען זיין אידען, פריי פאר יעדען צו האלטען די רעליגיאן. בעטראכט יענע צייטען. ווי האבען זיי זיך אויפגע־פיהרט? שרעקליך, שרעקליך. זיי האבען דאך אין גאנצען פער־געסען, אז זיי האבען א תורה מיט מצות. אין די לענדער פון פריי־הייט זיינען זיי אין גאנצען אראב פון וועג. אמת טאקע, רבש"ע, איך האב זיי פון פיעלע מצות מבטל געווען, אבער איך קען ניט פארטראגען „כל עונות ישראל". „כמה כח יש לי שאתה נותן עלי כל עונות יעקב אחי".

עשו האט גערעכטע טענות. ערשטענס איז ער גערעכט מיט זיין טענה, אז וואס מעהר צרות ער האט זיי געמאכט, אלץ מעהר פרום און גוט זיינען זיי געווען. און די טענה, אז איז די פרייע לענדער זיינען זיי נאך ערגער, אין גאנצען אויסגעטהאן פון מצות ומעשים טובים, און אז ער האט טאקע אביסעל אידען געשטערט, און פיעלע אידען האבען זיך געטויפט צוליעב זיינע גזירות, איז ער מסכים, און דאס נעמט ער אויף זיך. אבער „כמה כח יש לי שאתה נותן עלי כל עונות יעקב אחי", איז ער ווידער גערעכט, אז אין פרייהייט זיינען זיי נאך ערגער.

אויף די גערעכטע רייד פון עשו, נעמט מען בעטראכטען דארט אין הימעל, וואס איז די סיבה וואס אין די פרייע לענדער זיינען זיי טאקע נאקעט אהן מצות, ביז זיי האבען געפונען, אז די גאנצע סיבה איז דער לוקסוס, דער רייבער וואהנונג, די רייכע קליידונג, די קאנטרים, די בעלער, איינער טאנצט נאך דעם צווייטען. דארום איז מען פעריאגט טאג און נאכט, ניט שבת, ניט יום טוב, ניט טאג ניט נאכט, ער מוז צופרידען שטעלען זיין ווייבעלע מיט העמט און דרעסעס, פארניטשור און קאנטרי, טאנצען און בעלער, אפערע און טהעאטער, א. ז. וו. נאר צוליעב דעם איז מען אראב פון וועג.

און אז דעם מאנ'ס פערדיענסטען זיינען ניט גענוג, שיקט מען ארויס די קינדער אויך, און זיי ברייננען אויך די ווידזשעס שבת צוויי א זייגער.

דאן זאגט גאט: יאנקעלע, איך הייננ אז אלע דיינע שלעכטע טהאטען אויף דיינע קליידער. אין דיינע קליידער איז דא בלוט, מארד, רויב. און דאס מיין איך, איהר האט געמארדעט אייערע קינדער גייסטיג יונגערהייט, איהר האט זיי אפגעקוילעט אויף אייביג, אייביג. רויב איז גאר פשוט, מען רויבט, מען גיט פאלשע וואג, פאלשע מאס און נאך אזעלכע שעהנע זאכען, אום נאכצוקומען די סטייל. „והקב"ה נותנן על בגדיו", און גאט ב"ה גיט עס ארויף אויף זיינע קליידער, די אלע זינד, „ונעשו אדומים", ווערען זיי רויט, רויט פון פרעמדע בלוט, וויפיעל אנזעצען, וויפיעל אלמנות און יתומים און סתם די געלט פון ארימען ארבייטער, וואס פערדיענט מיט בלוט און שוויים און מען נעהמט עס צו פון זיי ביז די לעצטע פרוטה. וויפיעל מאכען זיך אז א מיתה צוליעב דעם, וואס מען האט צוגענומען זייער געלד, וואס זיי האבען יאהרען לאנג געשפארט פאר זיך, אדער פאר א קינד חתונה צו מאכען, מיידלעך זייער פערהארעוועטע פאר דאלאר פאר נדן, און די באנק האט זיי איין קוועטש געגעבען און בלוט פליסט... פאר וואס איז דאס דער אנזעץ? צוליעב דעם לוקסוס לעבען, די קליידער ווערען רויט, רויט פון פרעמדע בלוט, רויט פון גייסטיגען מארד, די אייגענע קינדער... זעהט וואס איז פון אונז געווארען דורך אונזער לוקסוס.

קורצע הספדים

הספד א

ויאסף אל עמיו.

ביי דעם טויט פון די צדיקים איז געזאגט אין דער תורה „ויאסף על עמיו“, דאס הייסט, רבותי, אזוי: ווען א צדיק שטארבט, מאכט מען איהם א הספד. עס קומען זיך צוזאמען פיעלע מענשען. ביי וועמען דער פערלוסט פון צדיק האט געגרייכט צו זייערע גע־פיהלען, און עס איז זיי שווער אויפ'ן הארצען, קומען זיי הערען דעם הספד און זיך אויסצואוויינען, עס זאל זיי ווערען לייכטער. דאס איז זעהר גוט און שעהן פון זייער זייט, אבער נאך ניט אין גאנצען. זיי זיינען נאך ניט יוצא מיט דעם. איך וועל באלד ערקלעה־רען פאר וואס. נאר איך וועל בעפאר פארשטעלען נאך א כתה, וואס קומען צו דער לויה פון א גרויסען נפטר און צו זיין הספד, נאר צו הערען די „הספדים“, זאגען א מיינונג אויף דעם לעבעדי־גען „ספדן“ אויב עס איז גוט שלעכט געזאגט דער הספד. זיי קלא־גען ניט אויף דער אבידה...

פערשטעהט זיך, אז די „כתה“, דער סארט ברואים, טויגען אין גאנצען ניט, ווייל די חכמים זאגען „כל המתעצל בהספדו של חכם ראוי לקוברו בחייו“ — פון זיי וועלען מיר גאר ניט מאריך זיין, ארויסווארפען פאר זיי רייד, ווייל עס איז ניטא פאר וועמען, עס איז איבעריג מיט זיי צו ריידען, ווייל איך וויים ניט אויב עס וועט זיי עפעס העלפען, ווייל אז זיי ארט ניט די אבידה, האל־טען זיי דאך גאר ניט פון דעם תלמיד חכם מיט זיין תורה, גאר וואס וועל איך העלפען מיט מיין ריידען צו זיי...

נאָר די ערשטע כתה, צו זיי ג'על איך ריידען און זאָגען זיי אַז ניט דער „כבוד" פאַר אַ גרויסען נפטר איז, דאָס וואָס זיי קומען הערען דעם „הספד" און וויינען זיך אויס. ניין, ניין! ניט דאָס איז דער עיקר. די הויפּט זאַך איז, אַז מען דאַרף מאַכען, אַז דער נפטר זאָל ניט הייסען געשטאָרבען, נאָר ער לעבט גאָר צווישען אונז. מיט וואָס קען מען דאָס מאַכען? מיט דעם וואָס מיר נעמען אַן זיינע מעשים. מיר קענען פיליייכט ניט איבערנעהמען זיין תורה. אָבער זיינע מעשים קען מען איבערנעהמען. יעדער קען דאָס. אויב ניט אין גאַנצען, איז עפּעס. יעדער קען איבערנעהמען אַ מדה פון איהם, דאַן בלייבט דער צדיק ביי אונז אַזוי ווי לעבעדיג. דען דער גרעסטער טהייל פונם צדיק בלייבט ביי אונז, און דאָס איז גלייך, ווי ער וואָלט גאָר ניט זיין אַוועק פון אונז.

אַט דאָס הייסט עס אין דער תורה ביי „מיתת צדיקים", „ויאסף אל עמיו", ער איז פערזאַמעלט צו זיין פאָלק. עס איז ביי יעדען גענומען געוואָרען זיינע מדות, זיין אויפפיהרונג, דאַן איז דאָך דאָ דער צדיק, טאַקע „ויגוע" — אָבער „ויאסף אל עמיו". ודו"ק.

הספד ב

איך האָב אַמאָל געזעהען אין אַ ספר, וואָס ער ברייננגט פון ערגעץ אַ מדרש, און איך וועל עס דאָ איבערגעבען אין זשאַרגאָן:

ווען בצלאל, דער גרויסער חכם, דער וואָס האָט געמאַכט דעם משכן, איז קראַנק געוואָרען אויף אַ קראַנקהייט פון וועלכען ער איז געשטאָרבען, איז געגאַנגען משה רבינו איהם מבקר חולה זיין.

ווי שוואַך בצלאל איז געווען, האָט ער זיך געשטאַרקט און אמגעגעבען כבוד צו משה, און האָט געזאָגט צו איהם: אַך, ווי שעהן, איז דער לעבען, אפילו פאַר דעם וואָס איז אין דער מדבר. און, ווי שרעקליך איז דער טויט!

האָט צו איהם משה רבינו געזאָגט: הער, בצלאל, איך וויל

דיר איין זאך פרעגן. אין יענער צייט, ווען איך האב צו דיר גע־זאגט, צו מאכן דעם משכן מיט אלע זיינע כלים, ווי גאט האט מיר געהייסען, ביזטו געגאנגען „מחוץ למחנה", ווייט פון מענ־שען, און דו האסט אין זאמד געמאכט צורות פון יעדער כלי און פון משכן. וואו זיינען די צורות?

זאגט בצלאל: וואס פרעגסטו מיר אזא זאך? דער זאמד איז פארטראגען געווארען פון ווינד אויף די צורות זאמד ארויף, און עס איז מעהר ניט געבליבען. זיי זיינען שוין לאנג ניטא.

פרעגט איהם משה רבינו: זאג מיר, בצלאל, פארדריסט עס דיר גאר ניט אויף דיינע שווערע ארבייט, וואס דו האסט געהאט, מאהלענדיג די צורות אויף דעם זאמד, און דאס האסטו ניט, עס איז פון דיר פערלוירען?

זאגט בצלאל: געוויס פארדריסט מיר ניט, און איך האב גאר קיין צער ניט דערפון. וואס דארף איך די צורות, אז איך האב דאך געמאכט דעם משכן, און דער משכן שטעהט, וואס דארף איך די זאמדיגע צורות. אז די צורות זיינען נאר געווען דער תכלית צו מאכען די הייליגע כלים, און דעם משכן, און דאס איז אלעס דא.

זאגט משה צו בצלאל: אט אזוי, זיי וויסען איז טאקע די וועלט אנטקעגען יענער וועלט. נאר ווי צורות וואס דער מאהלער מאהלט אין זאמד, דאס איז די וועלט, און יענער וועלט איז דער בנין אליין. דער משכן וואס דער מענש בויט זיך אויף דא אויף דער וועלט, איז נאר די צורות אין זאמד געמאהלען, וואס דער ווינד פערטראגט עס. דער תכלית איז דער בנין, די עולם הבא...

רבותי, מיר שטעהען ארום דעם ארון פון דעם נפטר, וואס ער איז געווען אויף דער וועלט נאר דער מאהלער פון די צורות הבנין פון יענער וועלט, און ער האט דארט אויסגעבויט א משכן מיט זיינע מעשים וכו'. (מען קען אין די רייד מאריך זיין, נאך די גרויסקייט פון נפטר).

הספד ג

(מסורה ג׳ עלית)

עלית משכבי אביך. מטרף בני עלית. עלית למרום שבית שבי.

ווי לאנג דער מענש לעבט, איז ער אימער אין א מלחמה, „מלחמת החיים", „מלחמת היצר", און אז דער מענש שטארבט, דאן איז זיין גוף אין קבר, אין דעם זעלבען געלעגער, וואס זיינע עלטערען ליגען. און אויב ער איז געוועזן א צדיק, דאן געהט זיין נשמה ארויף אין הימעל.

ווי לאנג דער מענש לעבט, פיהרט ער אן א שטענדיגע מלחמה, אבער אז ער שטארבט, הייסט עס אז ער געהט צוריק פון דער מלחמה. אנדערע געהן ארוים בעזיעגט. אבער די גרעסערע העלדען, די גבורים, „איזהו גבור, הכובש את יצרו", געהן אוועק פון דער מלחמה אלס זיעגער... איז ער אוועק יעצט דער זיעגער פון דער מלחמה, אין א לאנד פון דורכאוים שלום.

„עלית משכבי אביך", ווען דו — דיין קערפער הייסט עס — געהסט שוין אין קבר... דאן איז „מטרף בני עלית", ביזטו שוין אוועקגעגאנגען פון דער מלחמה, דאס איז נאר דער קערפער דיינער, וואס געפינט זיך אין קבר, :משכבי אביך", אבער ניט די נשמה דיינע זאל זיך געפינען „במשכבי אביך", נאר וואו זאל דיין נשמה זיך געפינען ? „עלית למרום" וכו׳. (דא קען מען מאריך זיין לויט די גרויסקייט פון נפטר).

פרשה קדושים

(דרוש יג)

והדרת פני זקן ויראת מאלהיך. (קדושים)

דיביידע — „והדרת פני זקן", „ויראת מאלהיך" — זיינען איין פסוק. און זיי זיינען טאקע אין איינעם אין גאנצען לעבען. זיי זיינען ביידע זאכען צוזאמען. איינע אהן די אנדערע געהט ניט. אז עס עקזיסטירט ביי א מענשען די ערשטע — איז אויך פאראן ביי איהם די אנדערע. אויב די אנדערע עקזיסטירט ביי איהם, איז אויך פאראן די ערשטע — ביידע זיינען צוזאמען. ווען מיר האבען אמאל (איך רוף דאס „אמאל" — עס איז אין אונזערע צייטען געווען), אז מען האט מורא געהאט פאר גאט, האט מען מורא געהאט פאר דעם זקן, דעם תלמיד חכם. מיר געדיינקען נאך ווי גרויס דער כבוד איז געווען פאר'ן תלמיד חכם.

דער רב פון שטאדט! דער „יראת הכבוד" וואס עס איז געווען פאר איהם... דאס איז געווען אז מען האט מורא געהאט פאר גאט, אז מען איז געקומען אין א שטאדט, האט מען באלד געקענט זעהען, וואס פאר א כבוד דער רב אדער אזוי א תלמיד חכם קריגט, האט מען געוואוסט ווי ליעב עס איז דארט די תורה און דער „נותן התורה".

היינט זעהט מען אין יעדער שוהל, ווי ליעב גאט איז דארט. דאס זעהט מען באלד, פון רב מיט די מעמבערס פון שוהל, ווי זיי האלטען דעם רב, מיט וואס פאר א רעספעקט דער רב איז דארט, ווייסט מען דעם רעספעקט וואס מען האט פאר גאט ב"ה. „והדרת פני זקן — זה שקנה חכמה", און אז דו וועסט איהם

בעשעהנעז. מיט גוטעז געהאַלט, מיט אַ גוטע דירה, מיט ריכטיגעז רעספּעקט, איז דאָז „ויראת מאלהיך". אָבער אויב דו, מייז ליעבער איד, אויב דו האָסט דעם רב, זאָג איך דיר, אַז עס איז ניטאָ ביי דיר „ויראת מאלהיך". דו מעגסט אויף מיר פּאַראיבעל האָבעז, דו מעגסט זייז ברוגז וויפיעל דו ווילסט, פּרעזידענט שעהנער, — „נשיא" אָהז אַ יו"ד... — דו האָסט פיינט דעם תלמיד חכם, האָסטו פיינט דעם רבש"ע, און דייז נאָמעז איז „אליפז בן עשו", כאָטש דייז טאַטע הייסט „יעקב", ביזטו ניט „בן עשו", אָבער דו ביסט „אליפז", ווייל דייז גאָט איז די געלד און גאָלד, „אלי־זהב־ופז". וואָרום אַז „והדרת פּני זקן" איז „ויראת מאלהיך" און דאָס אַלעס. ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגעז, פּרעזידענט שעהנער: ווער איז ביי דיר מעהר ליעב, דער חזז אָדער דער רב? ווער איז מעהר ביי דיר טהייער, דער וואָס מאַכט די סטים, אָדער להבדיל אלף הבדלות, דער רב? איך זאָג „להבדיל", ווייל איך מאַך „הבדלה" פון קודש ביז חול, פון ששת ימי המעשה ביז שבת קודש, אָבער דו מאַכסט קייז „הבדלה" פון שבת צו וואָך, פון טריפה ביז כשרה, פון מותר צו אָסור, אַז דו מאַכסט קייז „הבדלה" איז ביי דיר ניט דאָ דער להבדיל פון דיר מיט'ן חזז, מיט'ן שייגעץ, מיט'ן רב... ביי מיר איז „להבדיל" פון דיר ביז דעם רב... „והדרת פּני זקן ויראת מאלהיך"...

דרוש לנשואין

(דרוש יד)

גמלתהו טוב ולא רעה כל ימי חייה. (משלי ל"א)

חתן וכלה! איך וועל צו אייך רעדן אייניגע ווערטער, וועט עס אייך צונוץ קומען אין אייער גאנצען גליקליכען לעבען, ביז הונדערט און צוואנציג יאהר, און אויך וועל איך אייך געבען מיין ברכה, וואס זאל אנקומען צו אייך אין אייער לעבען, און איך בעט אייך, אז עס זאלען אבקלינגען מיינע ווערטער, וואס איך רייד צו אייך יעצט, אין אייער הייליגסטען מאמענט, אין דער צייט וואס איהר שטעהט אונטער דער חופה, איין מאהל אין אייער לעבען אלע אייערע גאהענטסטע, וואס זיי ווינשען אייך, זאל אנקומען און אייך בעגלייטען אין אייער גאנצען לעבען.

איך פון מיין זייט, ווינש אייך די גרעסטע ברכה. אזוי איז נאך מיין מיינונג. די גרעסטע ברכה איז דאס, ווען איהר וועט עס אימער דערמאנען, אז דאס האט צו אייך גערעדט דער יעניגער, וואס האט אייך פערבונדען אויף אייביג מיט'ן סדור קדושין.

און מיין ברכה איז, דאס וואס די תורה האט געזאגט ווענען אדם הראשון: זאגט גאט צו די מלאכים „אעשה לו עזר כנגדו", איך וועל פאר דעם מענשען בעשאפען א פרוי וואס זי זאל זיין צו איהם א הילף אנטקעגען איהם. זאגען די חכמים אין תלמוד: „זכה עזר, לא זכה כנגדו", אויב ער האט זוכה געווען, ער איז א פרומער, איז זי צו איהם א הילף, לא זכה, אז ער האט ניט זוכה געווען, אז ער איז ניט גוט און פרום, איז זי צו איהם קעגען זיינע געדאנקען, קעגען זיינע ווערטער.

מיר זעהען דאך אבער, ניט פרומע און זיי לעבען זיך מיט זייערע פרויען גליקליך? און מיר ווייסען פון פרומע, וואס זיינען ניט גליקליך. וואס ער זאגט, זאגט זי פערקעהרט? מיר געפינען אין יבמות ס"ד, אז דער גרויסער רב, האט געהאט א פרוי, וואס זי האט איהם נאר געטהאן צו „להכעיס", אז ער פלעגט הייסען קאכען לינזען, פלעגט זי קאכען ארבעס, לאקשען — פלעגט זי מאכען פארפעל. און דער תלמוד זאגט „זכה עזר, לא זכה כנגדו"?

מיין ברכה צו אייך איז, אז אייער לעבען זאל נאר זיין בשלום. איהר זאלט זיך קיינמאהל ניט איבערבייטען א ווארט פאר א ווארט. הייליג זאל זיין ביי אייך, כלה, די ווערטער וואס אייער מאן וועט אייך זאגען. ביי אייך, חתן, זאל זיין ליעב און הייליג די רייד וואס עס וועט אייך זאגען אייער פרוי. איהר זאלט פאלגען איינער דעם צווייטען, וועט פון דעם ארויסקומען גוטע פאלגען... אז גאט גיט רייכקייט, איז געוויס גוט. אבער נאר מיט שלום. „שלום בית" דאס איז די גרעסטע ברכה. יעדער פון אייך זאל האלטען הייליג דאס ווארט וואס איינער זאגט צום אנדערען. דאן איז דער בעכער פון לעבען זיס, ליעב, טהייער. דאס איז מיין ברכה, וואס דאס איז די בעסטע ברכה. אייערע נאהענטסטע פריינד ווינשען אייך רייכקייט... איך בין מסכים, אז גאט זאל עס אייך געבען, אפילו ראטשילד'ס פערמעגען. אייערע נאר נאהענטסטע ווינשען אייך לעבען. איך בין מסכים, אז גאט זאל אייך געבען מאנטו־פיארע'ס יאהרען. אבער דערצו דארף זיין מיין ברכה „שלום"... „אם אין שלום, אין כלום" (רש"י בחקותי).

וואס קען העלפען רייכקייט, אז מען פאלגט ניט איינער דעם צווייטען. ער וויל געהן צו א באל, זי וויל ניט געהן. זאגט זי, ער זאל ניט געהן, און ער געהט. שטעלט זיך פאהר אין וואס פאר א לאגע זי בלייבט דעם אווענד זיצען אין הויז, מיט טרעהרען אויף די באקען, און ח"ו מיט אייפערזוכט... אדער ח"ו פערקעהרט... נאר שלום, שלום.

אבער מיין ברכה זאל זיין נאר צום גוטען, אבער ניט צום שלעכטען. שלום איז טאקע גוט. אהן שלום טויג ניט. אבער נאר

אין גוטען וועג, איז גוט שלום. נאר אין גוטען וועג דארף פאלגען איינער דעם אנדערען. ווען אבער דער מאן וויל געהן דאווענען, און די פרוי זאגט ניין. דער מאן וויל געבען צדקה און די פרוי זאגט ניין. דער מאן וויל עסען כשר, און אלעם אלעם זאל זיין כשר... און די פרוי זאגט ניין... דאן דארף דער מאן, נאר ביי דיזע זאכען, זי איבערציינגען מיט גוטען און ניט פאלגען...

ווען די פרוי וויל האבען א כשרה קיך און אלעם אלעם וויל זי פיהרען כשר, און ער זאגט ניין, דארף זי דעם מאהל, נאר מיט גוטען, ניט פאלגען... דא דארף זי זיין געגען איהם.

דאס זאגט דער תלמוד: „זכה", אז דער מענש איז פרום, דארף זי זיין צו איהם אן „עזר", צו העלפען איהם... „לא זכה", אז ע' איז ניט פרום און וויל ניט זיין פרום, דאן דארף זי איהם ניט פאלגען און זי דארף זיין איהם „כנגדו", געגען איהם... „אעשה לו עזר", אבער אמאל דארף זיין „כנגדו"... מיט די מעלה לויבט שלמה זיין מוטער, „גמלתהו טוב", איהר בעצאהלונג איז נאר מיט גוטעס, וואס ער זאגט איהר איז זי מסכים, אבער נאר אויף „טוב". אויף גוטעס, „גמלתהו טוב", אבער „ולא רעה", ניט אויף א רעה... דא איז זי ניט מסכים... השי"ת זאל אייך געבען לאנג לעבען, דייכ־קייט און גדולה ושלום, אמן.

פרשה קדושים

(דרוש טו)

דרוש לנשואין

קדושים תהיו כי קדוש אני ה' אלקיכם.
איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמרו אני ה' א'.
אל תפנו אל האלילים וגו' אני ה' אלקיכם.

חתן וכלה און מחותנים, אויך אלע פריינדע! יעצט וועל איך ריידען א ווײַלע צו דער צייט. צו דעם הייליגען מאמענט, קען זיך גראדע געדיינקען, דאס וואס איך וועל צו אייך רעדען. אין פריי־דען זאלט איהר זיך דערמאנען, אז שטעהענדיג אונטער דער חופה האט צו אייך גערעדט א מאן, וועלכער האט שוין גערעדט פאר די גרעסטע עדות אידען. איהר וועט זיך אויך דערמאנען, דאס וואס איך האב גערעדט צו אייך.

ווען דער מאן נעהמט א פרוי, און ער וועט פון יעצט ניט האבען קיין שלעכטע געדאנקען, זאגען די „ספרי קודש", אז פון דער הייראטה אן, ווען זיי פיהרען זיך גוט, ווערט יעדער גערופען קדוש, הייליג.

ניט ווי די קאטהאליקען. זייערע גייסטליכע נעמען ניט קיין פרויען, ווייל... זיי זיינען „הייליגע"... זאגען זיי. ביי אונז אידען איז אין געגנטהייל. ווען קען מען גערופען ווערען „הייליגער", נאר דאן ווען מען הייראטה. און דאס גלייבען זי.

נאר איינער איז דא וואס ווערט אנגערופען קדוש, און ער בלייבט אימער אליין, ניט געהייראטה, דאס איז אונזער בעשעפער.

און דאס זאגט אונז די תורה, „קדושים תהיו" (בלשון רבים), איהר זאלט זיין היילינ. דר מאן מיט זיין פרוי,ביידע צוזאמען, ווערען גערופען הייליגע, „קדושים". דארום זאגט ער בלשון רבים. — איהר קענט אנדערש נים האבען דעם טיטול „קדושים", נאר דורך היראטהען, „קדושים תהיו", איהר ביידע, „כי קדוש", דען איך ווער גערופען „קדוש", איין הייליגער, אפילו אליין, דאס איז נאר „אני ה' אלהיכם", נאר איך אייער גאט.

געוועהנליך פערשטעהט איהר אליין, און דאס קען פערשטעהן יעדער, אז איהר ווערט גערופען „קדושים" דורך אייער הייראטה. ווייל יעדער פון אייך וועט מעהר קיין שלעכטע געדאנקען נים האבען. דער מאן וועט נאר אימער טראכטען פון זיין פרוי, און די פרוי פון איהר מאן. דאן זייט איהר „קדושים". דאס איז אלץ גערעדט, אז איהר וועט אזוי זיך פיהרען און איהר וועט לעבען ווי די תורה הייסט, וואס אנבעלאנגט צו מאן און פרוי. אויב אבער ח"ו נים, איז איין נעגענטהייל, הייסט מען גאר „טמאים" ח"ו.

לעבט זיך אייך גליקליך, נאר על פי דת התורה, וועט איהר זיין נאך מעהר גליקליך מיט דעם נאמען „קדושים תהיו". אבער דא איז פאראן איין אנזאג פון גאט צו אייך. טאקע, מיינע קינ־דער, איך גיב אייך דעם נאמען „קדושים", דאס הייסט אז איהר הייראטה און לעבט זיך בשלום און דער מאן זאל ליעבען זיין פרוי. און דאס איז דאך די טהייערסטע זאך אין מענשענ'ס לעבען, ווען מאן און פרוי ליעבען זיך, און איהר געהט אוועק פון אייערע עלטערען, קען מען דאך זאגען אזוי — יעצט דארפען מיר מעהר נים זארגען פאר די עלטערען. די גאנצע זאך, וואס מיר דארפען זעהען, איז נאר אונזער לעבען צו פארזיסען. זאגט אן די תורה: קינדערלעך מיינע, אמת „קדושים תהיו", אבער „איש אמו ואביו תיראו", יעדער זאל מורא האבען פאר די עלטערען, דער מאן טאר נים שטערען די פרוי צו שעצען און ליעבען און העלפען, אויב נויטיג ח"ו, איהרע עלטערען. דאס זעלבע די פרוי טאר נים שטע־רען איהר מאן אין זיינע גוטע בעציהונגען צו זיינע עלטערען. — „איש", יעדער פון אייך, „אמו ואביו תיראו", ווייל אויב איהר זאגט

זיך אב פון זיי ח״ו, האב איך מורא, אז איהר וועט זיך אויך אב־זאגען פון מיר, אייער דריטען פארטנער... „אני ה׳ אלהיכם״.

און ווייל דער מענש נאכ׳ן הייראטהען הויבט ער אן צו זארגען מיט „דאגת פרנסה״, וועט איהר ח״ו זאגען, יעצט דארף מען ניט קוקען אויף קיין הייליגקייטען, שבת, יום טוב און זא ווייטער. אבי נאר צו פערדיענען געלד, צו מאכען א לעבען, זאג איך אייך אן, מיינע טהייערע, „ואת שבתותי תשמורו אני ה׳״, איך קען אייך געבען, אז איהר וועט אבהיטען דעם שבת און איך קען אייך ח״ו ניט געבען, אז מען איז מחלל שבת. דער קדוש, דער אמת׳ער זאל אייך געבען גליק און זעגען און אריכות ימים, און איהר זאלט לעבען גליקליך. אמן.

פרשה קדושים

(דרוש טז)

דרוש לצדקה

וכרמך לא תעולל ופרט כרמך לא תלקט לעני ולגר תעזוב אותם אני ה' אלהיכם. (קדושים)

מיר וועלען אין דעם דרוש ארומריידען די מעלות פון צדקה. די גרויסקייט פון דער מצוה, דעם חוב וואס ליגט אויף יעדען מענ־שען צו געבען צדקה, מיט א סך מאמרים, וואס צייגען אן ווי גרוים די מצוה פון צדקה איז.

„אגרא דתעניתא צדקתא" (ברכות ו'). — דעם גאנצען שכר וואס מען קריגט פון פאסטען איז ניט פאר'ן פאסטען אליין, וואס דער מענש האט זיך געפייניגט, ניין! דאס געפעלט גאר ניט דעם רבש"ע, אז א מענש זאל זיך פלאגען, ניט עסען, ניט טרינקען. נאר צוליעב וואס איז דאך דא ביי אונז תעניתים? דאס איז נאר, אום דער וואס האט צו עסען, און ער פאסט א געבאטענעם תענית, זאל ער וויסען, ווי שלעכט עס איז דעם ארימאן, דער וואס האט ניט צו עסען. דורך דעם תענית וועט ער פיהלען יענעמס הונגער, וועט ער זיך ערוועקען צו געבען צדקה. איהר הערט ווי גרוים צדקה איז!

„אין ירושלים נפדית אלא בצדקה" (שבת קל"ח), מיר זאלען אפילו פרום זיין אויף דעם העכסטען גראד, קען דאס אלץ ניט מאכען אז ירושלים זאל אויסגעלייזט ווערען פון זייערע הענד. נאר דורך צדקה קען זי אויסגעלייזט ווערען.

„סלע זו לצדקה בשביל שיחיה בני, הרי זה צדיק גמור"

(פסחים ח'). איהר הערט, אלע מצות דארפען זיין נאר לשמה, אבער צדקה, אפילו אז מען גיט עס ניט „לשמה", נאר פון זיין טובה וועגען, איז ער א „צדיק גמור".

„ד' דברים מקרעין גזר דינו של אדם, צדקה וכו'" (ראש השנה ט"ז). ווי גרויס די מצוה פון צדקה איז, אז אויב אפילו ח"ו עס איז נגזר געווארען אויף איהם א גזירה, דאס ער זאל קראנק זיין, אדער נאך ערגער ח"ו, איז אז מען גיט צדקה, צורייסט מען דעם גזר דין.

„המעלים עין מן הצדקה כאלו עוע"ז" (כתובות ס"ח), דער יעניגער וואס מאכט זיך ניט זעהנדיג אויף די, וועלכע מען דארף געבען צדקה, און ער גיט ניט, איז גלייך ווי ער וואלט דיענען אן עברוה זרה, א פרעמדען גאט, ווי ער וואלט דיענען צו געבען.

„אם רואה אדם שמזונותיו מצומצמין יעשה לצדקה" (גיטין ז'). איהר זעהט וואס דער מאמר רעדט, עס איז דאך דאכט זיך מאדנע. ווארום, ווי טוהען מיר, פונקט פערקעהרט. אז ווען די ביזנעס געהן עפעס ניט אמבעסטען, פון וואס קארגט מען אב צום ערשטען? ניט פון זיך ח"ו, ניט פון רענט, ניט פון קליידונג, ניט פון עסען, נאר פון צדקה, מיט דעם אויסרייד און פערטהיידיגונג, וואס זאל איך טהאן, אז די ביזנעס געהען ניט. אבער דער מאמר לערענט אונז פונקט פערקעהרט, ווי מיר טוהען. ווען דער מענש זעהט, אז די ביזנעס זיינע ווערען „בזיונות", עס געהט איהם מיט דער פוטער אראפ, און ער וויל דאך אז די ביזנעס זאלען ווערען גוט, זאל ער טהאן צדקה, וועלען די ביזנעס ווערען בעסער.

„אין זריעה אלא צדקה" (קדושין יז). צדקה ווערט גערופען „זריעה", זייען, ווייל דער שכר איז אזוי גרויס, אז ער קריגט כמה וכמה מאהל אזוי פיעל באצאהלט, ווי די פאר דאלאר וואס ער האט געגעבען. אזוי ווי מען פערזייעט איין ווייץ און עס וואקסט אויף א גרויסער זאנג און אויף דעם זאנג איז פאראן א סך ווייץ, אזוי איז אויך צדקה, עס וואקסט דער שכר.

אבער פיעלע פון אונזערע ברידער, וואס האבען אין דער אל-טער היים, אין רוסלאנד, פוילען, גאליציען, רומעניען, געמאכט

א לעבען, געהאט ברויט פון א סך הייזער (ער איז געגאנגען איבער די הייזער...), און דא האט ער זיך ארויפגעארבייט און געמאכט זיך גאר א גרויסע הויז, און מאכט א לעבען גאר פון איין הויז. פון דער גרויסער הויז האט ער יעצט ברויט, — זיי פערגעסען אין גאנצען די נויט פון דעם ארימאן.

איז דען ניט דער ארימאן אזא מענש ווי דער לענדלארד? קען ער דען ווייניגער פאר דיר לערנען און שרייבען? ביזטו אין אל-געמיין מעהר מענש פאר איהם? יא, איך האב פערגעסען, איין זאך קען טאקע דער ארימאן ניט, און דו קענסט עס יא, און דאס איז א טשעק אויסשרייבען, ד. ה. שרייבען קען ער טאקע בעסער פאר דיר, נאר א טשעק קען ער ניט שרייבען. לענדלארד! בע-טראכט זיך, בעטראכט דעם ארימאן. דו דארפסט זיך שעצען גליק-ליך, וואס דער ארימאן קומט צו דיר. דו דארפסט איהם אנטקעג-גען לויפען, ניט צו פערמאכען פאר איהם די טהיר... נאר איהם אריינגעהמען צו זיך. ווייל די תורה זאגט, „כי בגלל הדבר הזה יברכך ה'"...

יא, מיין ליעבער, טהייערער בעל הבית! איך מוז דיר זאגען, אז דער ארימאן איז פיינער פאר דיר. כאטש יעצט, אז דו ביזט רייך, זיינען פערדעקט דיינע פעהלערען, ווייל געלד איז די פוץ-פאמאדע, וואס רייניגט אב דעם מענשען זיינע חסרונות... אבער איז אלגעמיין דארפסטו פערשטעהן, אז דער ארימאן איז אויך א מענש ווי דו.

זעה, מיין טהייערער, פון דיינעטוועגען זאג איך דיר, אז דו זאלסט זיך בעקענען בעסער מיט דעם ארימאן, און דאן וועסטו שוין עפעס טהאן פאר איהם, ווייל דו וועסט פערשטעהן וויפיעל ער איז אויידעלער פאר דיר. לערען דיינע „בהמה'לעך" (דיינע קינדער) זיי זאלען כאטש געבן צדקה, און דערמיט וועלען זיי כאטש זיין „כשרה בהמה'לעך"... ווארום רוף איך זיי אזא נאמען? ווייל, זאלסטו אויף מיר קיין פאראיבעל ניט האבען, זיי ווייסען מעהר ניט ווי עסען און טרינקען, און שפרינגען און לויפען, און שטעכען זיך איינע די אנדערע, און זיינען אויך „מעלה גרה"...

מיט טשואינג גאם. קייעט ניט דיין זוהנעלע ווי א בהמה'לע, א ציגעלע? אבער קייען און „מעלה גרה" זיין, דאס טהוט דאך א בהמה טמאה אויך, אזוי ווי דער קעמעל. אז דו וועסט צו דעם זיי באטש אויסלערנען זיי זאלען האבען צושפאלטענע הענטעלעך, דאס הייסט צדקה געבען, וועלען זיי ווערען „כשרה בהמה'לעך" — „מעלה גרה" און צושפאלטענע לאפקעלעך... א געזונד אין דיר. שעהנער טאטעלע, דו האסט דען בעסערס געמאכט פון זיי?... מאך באטש זיי זאלען זיין כשרה שעפסעלעך...

דו ווייסט, מיין טהייערער, וואס דיינע קינדער זיינען; דו ווייסט דאך, מיין ליעבער, וואס דיינע קינדער טוהען. פלאנץ באטש אין זיי איין די מדה פון גוטהערציגקייט. זעה, מיין ליבער, פאלג נאך באטש מיט דער זאך פון צדקה. דו ווייסט דאך, אז דיינע קינדער זיינען „היינטיגע", ווי זיי רופען זיך. און איך דיינק טאקע, אז זיי זיינען היינטיגע. עפעס זיינען זיי ניט ווי די פערצייטיגע. ווייל א פערצייטיג קינד האט אין דער פריה געדאווענט, אום ער זאל קענען דעם גאנצען טאג עסען, ווען ער וועט נאר וועלען. און דו, מיין טהייערער, האסט ניט געלערענט דיינע קינדער אזוי. — נאר גאר אנדערש, אז באלד אין דער פריה זאל ער עסען, אום ער זאל קענען ארומגעהן א גאנצען טאג ניט געדאווענט.

„צדקה" איז די גרעסטע זאך וואס דו קענסט אליין טהאן און אויך איינגעוואהנען דיינע קינדער צו געבען צדקה. קוק זיך איין, מיין טהייערער, אין מיין ספר „מטה יהודה", תהלים, אויף דעם פסוק „אשרי משכיל אל דל", וועסטו זעהן דארט א משל, אז ווען איך האב דאס געזאגט פאר טשארטים, האט עס אימער געווירקט, אז עס פלעגט אנהויבען רעגענען געלד, פשוט מען פלעגט אנהויבען ווארפען געלד פון גאלעריע, און אפילו די שטיינערנע הערצער פלעגען ווייך ווערען, ווייל דער משל איז אזוי ריכטיג, אז קיינער קען עס ניט אבווענדען. איך וועל ניט מאריך זיין אין דעם דרוש מיט משלים, און פאר אזא וויכטיגע זאך ווי צדקה, דארף מען גאר ניט אזוי פיעל זיך מאטערען.

דער רבש"ע בעט זיך ביי אונז: קינדערלעך, „בחנוני נא

בזאת", פרובירט נאר מיט דעם, און איהר וועט זעהן, אויב איך וועל ניט עפענען פאר אייך אלע טויערען פון הימעל, פון ברכה און הצלחה. איינער פון די „אבירי לב" האט מיר אמאל געפרעגט: ווארום זאל דער רבש"ע בעטען ביי אונז אז מיר זאלען געבען צדקה אפילו ווען מיר קענען ניט, זאל ער אונז נאר געבען, וועלען מיר אויך געבען?

איך האב מיט איהם געמאכט זעהר א גרויסען געשפרעד. איך וועל דא ניט מאריך זיין און וועל נאר איבערגעבען די וויכ־טיגסטע רייד. אלס הניפט רייד האב איך גענומען דעם פסוק פון משלי (י"ט כ"ב) „תאות אדם חסדו וטוב ראש מאיש כזב", אז ער וואלט זאגען „וטוב ראש מאיש עשיר" פערשטעהט זיך, אבער וואס האט „ראש", דער ארימאן, צו „מאיש כזב". די רייכע זיינען ניכער ליגנער פאר די ארימעלייט. יעצט הער מיין תירוץ אויף דעם פסוק. איך האב עס אפילו אמאל געהערט פון איינעם, נאר איך געדיינק ניט פון וועמען. בעפאר אלעם וועל איך דערצעהלען א שעהנעם וויץ, וואס קלינגט ווי אן אמת: א איד האט געקויפט א לאטערי צעטעל און גראדע איז ער געווען אן ארימאן. איז ער אריין צום רב פון שטעדטעל און צו איהם געזאגט בזה הלשון: זייט וויסען, רבי, אז איך האב איינגעהאנדעלט א לאטערי צעטעל. דער גרויסער געווינס אויף דעם צעטעל איז פינף און צוואנציג טויזענד. בעט איך ביי אייך, אז איהר זאלט מתפלל זיין, אז איך זאל געווינען, דאן וועל איך אייך געבען פינף טויזענד, און אויך אויף אלע אנשטאלטען פון שטאדט וועל איך געבען די זעלבע סומע. דער רב האט איהם צוגעוואונשען. ער האט אבער נאר געוואונען דעם קרן, אבער קיין איבעריגען סענט.

האט ער גענומען נאך אמאל דעם צעטעל, און איז אוועקגע־גאנגען צום גלח פונם שטעטעל, און האט איהם געזאגט דאס זעלבע: ער גיט פינף טויזענד פאר איהם, פינף טויזענד פאר זיין טשוירטש, אז ער זאל „מתפלל" זיין ער זאל געווינען דעם גרויסען געווינס. און ער האט דעם מאהל געוואונען. דער גלח האט געווארט א פאר טעג, — עס פאסט דאך ניט געהן צו איהם, פילייכט וועט ער

אליין ברייננען. ער האט אבגעווארט א וואך און צוויי און ער איז אלץ ניט געקומען. פוילט זיך שוין ניט דער גלח און געהט אליין אריין צו איהם און ווינשט איהם צו. זעהענדיג אז דער איד מאכט זיך גאר ניט וויסענדיג, זאגט ער צו איהם: נו, וואס הערט זיך מיט די צעהן טויזענד, וואס דו האסט צוגעזאגט? זעהסט דאך, דיין רב האט ניט אויסגעבעטען ביי דיין גאט, אבער איך האב דאך יא אויסגעבעטען, מוזט דו דאך האלטען דייןווארט.

הער זיך איין, גלח, און אפילו איין סענט וועל איך דיר דען געבען פאר דיין גאט? סטייטש פאר אזא גאט וועל איך געבען געלד? און דיר וועל איך געבען איין סענט, ווייל דו דיענסט צו אזא גאט, וואס מען קען איהם אבנארען. זעהסטו, מיין גאט קען מען ניט נארען. אונזער רב האט געבעטען ביי אונזער גאט, ער זאל מיר געבען דעם גרויסען געווינס, וועט ער אליין קריגען פינף טויזענד, און די אנשטאלטען וועלען קריגען די זעלבע סומע. אבער אונזער גאט וויים, אז איך וואלט אפילו א פעני ניט געגעבען, האט ער טאקע מיר ניט געגעבען צו געווינען. אבער דיין גאט קען מען בלאפען, אזא שוטה איז ער. ער ווייסט ניט די מחשבה פון מענ־שען. נו, זאל איך פאר אזא גאט געבען איין סענט! געה דיר גע־זונדערהייט.

דאס זעלבע איז מיט דיר מיין טייערער, מיין ליבער בלאפער, דו ווילסט אז גאט זאל דיר געבען א פאר מאל הונדערט טויזענט דאלאר, וועסטו איהם געבען. ער קען דיר, מיין שעהנער מענשעלע, וואס זאל ער דיר געבען און דו זאלסט בלייבען נאך צו דיין שטיי־נערנע הארץ, א ליגנער אויך ווערען רייך און בלייבען א ליגנער. בעסער גיט ער דיר ניט, און אז דו ביזט ארעם טראכסטו זיך, אז דו וואלסט זיין רייך, וואלסטו געגעבען צדקה טויזענדער. און „מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה", ביזטו דאך א גרויסער „בעל צדקה" און אז ער וועט דיך רייך מאכען וועסטו א פעני ניט געבען, מאז זיי בעסער איין „ראש" א שלעפער — איידער „מאיש כזב" — א מענש א ליגנער, א בלאפער, נאך אמאל, וטוב ראש — צו בלייבען אן ארימאן, מאיש כזב... ודו"ק.

ניין, מיין ליבער, דו הויב אן געבען און געוואוין זיך איין צו געבען. דאן וועט ער דיר געבען, ווייל דו וועסט שוין דאן אויך גע־בען. און דו מוסט אנפאנגען. ניט גאט זאל דיר געבען. איצט וועל איך נאר פשוט אויסטייטשען פאר דיר א מאמר חזל, וואס הלל האט געזאגט „אם אני כאן מכל כאן" וכ"ו. איך האב געשריבען אויף דעם מאמר זעהר פיעל, נאר איצט וועל איך נאר פשוט טייטשען, און דען איז עס א נייעס. עס פארשטעהט זיך, אז הלל דער עניו, אז דער הלל, וואס ווערט אויף איהם דערצעהלט אזוי פיעל היסטאריעס פון זיינע ענוית, ער זאל זאגען אויף זיך אליין, אז איך בין דא פאראן, איז אלעס און אלע זיינען דא פאראן, און אויב איך בין ניט דא אין דעם פלאץ, מעגען זיין ווער עס וויל זיך, איז קיינער ניטא.

נאר דאס האט ער געמיינט, די ספרים מקובלים זאגען אלע, אז א מענש מוז אליין פריהער ערוועקען, אנפאנגען צו טהאן, און דאן העלפט מען איהם פון הימעל. ניט בעטען, אז פון הימעל זאל מען בעפאר אנפאנגען, זיי רופען עס „אתערותא דלתתא".

דארום זאגט הלל „אם אני כאן", אויב מיין איך איז דא פאראן, דאס הייסט, מיין אנפאנג, אז מיין איך איז פריהער דא פאראן, דאן „הכל כאן". וועט אלעס דא זיין. אביסעלע טיעפער, דאן וועט דער „הכל יכול" זיין כאן. אבער אויב „אם אין אני כאן", מיין איך פאנגט ניט אן, און איך קום גאר ניט דא, „מי כאן", וועט קיינער זיין, וועט מען מיר גאר ניט העלפען, פון הימעל אויך ניט.

דאס זאגט אונז די תורה הקדושה, מיין ליעבער פריינד, „וכרמך לא תעולל ופרט כרמך לא תלקט". איך ווייס אז דיר איז שווער דאס צו טהאן. זאג איך דיר אז „לעני ולגר תעזוב אותם", דו לאז דאס נאר איבער פאר די ארימע און טאמער איז דיר שווער, זאג איך דיר, אז דו וועסט נאר אנפאנגען, דאן „אני ד' אלקים", וועל איך אייך העלפען, ווי איך קען קען אייער גאט אייך העלפען. אבערווארט ניט מיין טייערער, אז איך זאל דיר געבען, וועסטו מיר גע־בען, גיב דו, וועל איך דיר געבען אלעס, אלעס.

פרשה קדושים

דבר אל כל עדת בני ישראל ואמרת אליהם קדושים תהיו כי קדוש אני ה' אלהיכם. (קדושים)

צו דעם וועל איך ארומריידען א גמרא וואס איז וואונדערליך:

אם מזרע היהודים מרדכי אשר החלות לנפול לפניו לא תוכל לו נפול תפול לפניו. — אמרה אומה זו נמשלו לכוכבים ולעפר, כשהם יורדים, יורדים עד לעפר, וכשהם עולים, עולים עד לרקיע ועד הכוכבים. (מגילת ט"ז)

מען דארף טאקע פארשטעהן ווארום האט אונזער פאטער פון הימעל אזוי אונז געטהאן, אז מיר זאלען דארפען לעבען מהיפך אל ההיפך, אדער אויפצוגעהן ביז'ן הימעל, אדער אראפצוגעהן ביז דער ערד. וואלט ניט בעסער געווען, אז מיר זאלען ניט געהן אזוי הויך און נים פאלן אזוי נידריג. פון הויך נידריג איז נאך ערגער... און ליידער, ליידער, מוזען מיר זאגען, אז זייער הויך זיינען מיר קיין מאהל ניט געווען, פילייכט איין קורצע צייט פאר „שלמה, מלך ישראל", אבער נידעריג זיינען מיר אלע מאל. נידעריג, א מין ני־דעריג, טאקע רבש"ע. ווארום האסטו אזוי אונז באשאפען אויף דער וועלט? בעסער וואלט זיין א מיטעל פונקט, וואלטען מיר גע־וועזען מיט אלעמען צוגלייך? ניט מאכען הויך. אז דער פאל זאל זיין אזוי שטארק, „מאיגרא רמא לבירא עמיקתא"?

אמת טאקע, אז „שלמים קדשים קלים" דער איד איז וואס מאכט שלום אין דער גאנצע בריאה, אזוי זאגען „מקובלים" איז דעם דומם, צומח, חי, דער מדבר, און איבערהויפט דער איד, ברענגט זיי צו איין תכלית, מיט זיין תורה, מיט זיין אמונה, אז דער

איד מאכט א ברכה אויף דעם פרוכט, איז ער „מתקן" דעם „דומם" מיט'ן „צומח", און אז דער איד עסט די „בהמה" מיט „שחיטה", מיט'ן „כשרות", מיט א „ברכה", איז ער מתקן דעם חי — **דער חי, וואס האט געגעסען פון דעם צומח—דער צומח וואס איז גע־וואקסען אויף דעם דומם, איז אלעם אין תיקון, הייסט דער איד** „שלמים", — ער מאכט שלום אין דער גאנצער בריאה — און שלמים איז הייליק, און אז דער „שלמים" איז „ישראל", ווערט „קדשים קלים" איז „שחיטתן בכל מקום", קוילעט מען זיי אומע־טום. אמת טאקע, אבער דאך די פראגע ווארום? „מאיגרא רמא לבירא עמיקתא" קיין מיטעל פונקט גיטא? זיינען מיר דען ערגער פאר'ן פאליאק? פאר'ן קאצאפ? פאר דעם רומעניער. און פאר די געצענדיענער? ווארום זיינען זיי אויף דעם מיטעל פונקט, און אונז איז „כשהן עולין עולין עד לרקיע ועד הכוכבים, וכשהם יורדים, יורדים עד לעפר". בעסער וואלט ער אונז ניט אויפגעהויבען „עד לרקיע" און ווארפען עד לעפר?

יא! אמת, מיר זיינען געגליכען צו „בשמים", צו „שמן אפרסמון". ווי השי"ת האט געזאגט צו אברהם אבינו „לך לך" משל „לצלוחית של אפרסמון" (קוקט אין אנפאנג פ' לך, חוברת ג'. בימה — דארט איז פאראן דער גאנצער מאמר) און בשמים. שמעקט בעסער דורך שאקלען, דורך רייבען, הייבט עס אן, גיט צו שמעקען און ישראל הייבט אן טאקע זינגען מיט זיין קול „הקול קול יעקב" און ווי צו שטויסען דעם בשמים, זאגט טאקע די גמרא אין זבחים „כשהוא שוחק", אז ער רייבט די בשמים, „אומר", זאגט ער „הדק היטב" רייב גוט דין, „היטב הדק" גוט דין, „מפני שהקול יפה לבשמים", דאן איז די גוט צו די בשמים, הקול קול יעקב...

יא, אמת! אבער רבש"ע, צופיעל „הדק", צופיעל „היטב"? אזוי נידעריג, אזא „בירא עמיקתא" איז נאך ניט געגראבען גע־ווארען פאר קיינעם ווי פאר אונז. מיר זיינען שוין באלד אין גאנ־צען באגראבען און באשאטען ר"ל — די לעצטע מלחמה — די אי־בערקערעניש פון דער וועלט האט אונז שוין אין „תהום" אריינ־

געווארפען. וואלט כאטש דער קול געוועזן פון „היטב הדק", וואלט נאך געוועזן א האפנונג, אז עס זאל זיין פון הקול קול יעקב — „אין הידים ידי עשו". אבער אז די איבערקערעניש אין רוסלאנד האט געמאכט, אז די ישראל האבען אין גאנצען אנגעוואוירען זייער קול, מען לערענט ניט די קינדער, מען לאזט ניט, די באלשעוויקעס האבען פארמאכט די חדרים, מען פארשיקט אין פריזאן א „מלמד תנוקות". יא! אין אנטיוכוס צייט איז דאס געווען, איז דאך דער וועהטאג אזוי גרויס ניט געווען. פון א גריכישען אנטיסעמיט וואס קען מען בעסער פארלאנגען, ווידער וואס איז דאס פאר א גלייכען, דאן איז געוועזן העלדען אונזערע „מתתיהו ובניו".

היינט איז דאס די זעלבע גזירות כמעט פון אידען ווערט עס אויסגעפיהרט, פארוואנדלען „בתי מקדשים" פאר בתי זונות, און סטייבעלס פאר פערד, דאס איז דער וועהטאג גרעסער, ווי טיטוס האט דעם בית המקדש חרוב געמאכט. פון די רוימער האבען מיר ניט געקענט דערווארטען בעסערס, אז די אידען וואלטען זיך דאן געשטארקט איבער זיי, וואלטען זיי ניט בעסער געמאכט פון רוים ווי רוים האט געמאכט פון אונז. אבער אז אידישע קאמיסארליך געהען אריין אין א שוהל און שענדען ספרי תורות, און טרייבען ארויס אלע „מתפללים" און קאנפיסקירען די גאלד און זילבער, און אלע הייליגקייט, און שטערען און לאזען אין גאנצען ניט לערנען אידישע קינדער, און זיי צונעהמען אין זייערע סקולס, און לערנען זיי האסען און פיינט האבען און רודף צו זיין אלעם וואס עס איז הייליג, און אפילו האסען די אייגענע עלטערען, לערענט מען זיי — רבש"ע — דאס הייסט שוין ניט לבורא עמיקתא", נייןז. דאס איז טיעפער ווי אין „תהום", וואס ניט איך, ניט קיינער קען אזא פאל, אזא טיפען פאל ניט שילדערען מיט א נאמען. „תהום" איז אויך וויינעג.

און דערצו גיטא קיין „מתתיהו ובניו" מיט די גאנצע הייליגע נעמיינדע פון יענער צייט, רבש"ע, בשמים זיינען מיר, רייבען האט מען אונז אימער, אימער, געריבען די זייטען, אבען דאן האבען מיר אנגעהויבען שמעקען. היינט דאס אויך ניט.

אז מיר גיבען א בליק אויף אונז דא אין אמעריקע, וואו מען שטערט אונז ניט אונזער רעליגיאן, און וואו עס איז שוין דא א סך שוהלען, מיט א סך רבנים, מיט פיעל דרשנים, און רעווערענדס „אשר אין להם מספר“ (ניט ווייל זיי זיינען "עושין רצוני של מקום“, האבען זיי קיין מספר... נאר גלייכער ניט מגלה זיין... „אין מגלין אלא לצנועין5.) תלמוד תורה'ס א סך — נאר וואס זעהען מיר וואס דא איז.. פון די פיעל רבנים וואס איז אויפ־געטהאן? (ווייל זיי קענען נעבעך ניט אויפטהאן.) פון די פיעל „דרשנים“ וואס איז? (זיי האבען דאך שבת ניט פאר וועמען צו זאגען). באלד נאך עטליכע יאהר, וועלען זיי דאך אראפגעהן אין גאנצען פון ברעטעל פאר'ן יונגען דור... וועט זיין א יונגער זאַ־גער, וואס ער וועט ניט זיין בעסער פאר זיי, פון די תלמוד תורות. זעהן מיר דאך וואס עס איז פאר א דור. מיר ריידען ניט אויף גוטע תלמוד תורות ווי „ישיבת רב הכולל“ און „תפארת ירושלים“ און „ישיבת בערלין“, און תורה ודעת, און נאך אייניגע וואס זיי זאלען נאר עקזיסטירען מיט גאטעס הילף, הלואי וואלט זיין א סך אזעלכע.

און אין אלגעמיין, פרעג איך, רבש"ע, ווארום האסטו אזוי געמאכט מיט אונז, „כשהן יורדין יורדין עד לעפר? כשהן עולין עולין עד לכוכבים“ — אלע פרעגען עס דאך? און איך וואלט ווע־לען געבען עס צו ערקלערען פאר דער וועלט, דו ביסט דאך אונזער טאטע, און דו מיינסט דאך גוט פאר אונז. און וואס איז די גוטס דערפון?

מן הסתם איז דאך אונזער שולד, מן הסתם קענען מיר אויס־מאכען, אז מיר זאלען זיין „עולים עד לכוכבים“. טא מיט וואס? ווי אזוי? איך דאנק דיר רבש"ע, וואס דו האסט מיר געגעבען צו פארשטעהן פון דיינע הייליגע ספרים, וואס די צדיקים דיינע האַ־בען געמאכט? און אביסעלע מיר האסטו אויך געגעבען פארשטאנ־די מעדיציין צוזאמענצושטעלען ניט ווי זיי שטעהען און דראג סטאר, יעדע באזונדער, איינע איז א פאיזאן, די אנדערע נאך ער־גער, און אז דער דראגיסמאן נעהמט און מישט עם צוזאמען, נאך

דער מאס, וואס דער דאקטאר האט פארשריבען, ווערט עס א „סמא דחייא“ — די גרויסע פראפעסארען, צדיקים, גאונים, אונזערע, האבען געשריבען. און איך בין נאר א דראגיסמאן, וואס איך נעהם פון די ספרים און מיש עס צוזאמען און מאך א מעדיצין. די וואס ווילען איהם נעהמען איז פאר איהם א רפואה „בעולם הזה“, און אויך געוויס „לעולם הבא“.

עס האט מיר איינער א חברה מאן געזאגט, הערט זיך איין רבי לאזעראוו, איהר זאגט דאך אזעלכע שעהנע געדאנקען, און שכל און לאגיק. עס איז א מחיה צו הערען, און איך ווער גאר ניט פרום. וואס איז דאס? די מניעה פון אייך אדער פון מיר?

מיין טייערער, איך בין נאר א דראגיסט, וואס מישט צוזאמען טייערע מעדיצין און פאיזאן, וועלכע מען זאל זיי נעהמען. ווי דאס איז קען מען פארפאיזענט ווערען. דאס הייסט, זיי קענען אראפ פון וועג אין גאנצען. אומגעפער די געשיכטע וואס די חכמים דער־צעהלען, אז ער האט געזעהן א פויגעל פליהען און פליהענדיג האט זי געלייגט איין איי, איז דאך אראפגעפאלען און פאלענדיג האט זי אויסגעבראכען דריי הונדערט טענענבוימער און פארטרונקען דריי הונדערט שטעדט. קומט צו געהן אן אפיקורס און נעהמט עס אין זיך בעפאר עס איז צומישט געווארען אין מיין דראג סטאר... און ער ווערט פארפאיזענט אין גאנצען. אלזא, נאך אמאהל, איך בין א דראגיסט און איך גיב אייך קראנקע צו טרינקען, איהר רעדט פון היץ און ווען איהר נעהמט די מעדיצין, וואלט אייך די היץ געסטאפט. זאגט מיר מיסטער לעבען, איהר האט גענומען ווען מיינע מעדיצין, איהר האט ווען מיר געפאלגט, וואס איך האב אייך אנגעזאגט, אז איהר זאלט אלע טאג אין דער פריה לייגען תפלין. דאס איז א רפואה פאר אייך, א פלאסטער אויפ'ן הארצען. האב איך אייך געהייסען ארויפלייגען (ציצית, הייסט עס), האט איהר מיר געפאלגט? פארנאכט א קליינע לעפעלע מעדיצין (מנחה הייסט עס) האט איהר עס געטהאן? באלד אין אבענדס פאר'ן עסען, ווי־דער א מעדיצין (מעריב). איין מאל אין וואך זאלט איהר זיך אפ־רוהען א גאנצען „מעת לעת“ פון דער ארבייט, האט איהר גענומען?

מיינע מעדיציין? ניין, ענטפערט איהר? אויב אזוי, אז איינער פון חולי הגוף ווערט קראנק און האט שטארקע היץ, און דער דאקטאר גיט איהם א פּראשיק, אויף צו סטאפּען די היץ, און דער קראנקער זאגט מיר איז געפעלען דער דאקטאר, ער רעדט אזוי שעהן. און די מעדיציין זיינע נעמט ער ניט, וועט איהם סטאפּען די היץ? אזוי מיט אייך, נעמט נאר ביסלעכווייז די רפואה מיינע, וועט איהר זעהן ווי איהר יועט ווערען אז אנדער באשעפעניש, עפּעס פון די בעסערע זייט.

יא! איך דער דראגיסט מאן האב געפונען, אז מיר קענען זיין „עולים" און ניט קיין „יורדים".

יא! איך הער מיינע לעזער פרעגען: כאטש מיר האבען נאך ניט געהערט אייערע מעדיציין מיט וואס מיר קענען זיין עולים און ניט יורדים? מיר זאלען זיין „עולים", „עד לכוכבים", אבער מיר האבען נאך ניט גאר ניט געזעהען און געהערט... פארענטפערענדיג אייערע פיעל קשיות, וואס איהר האט אנגעפרעגט פאר וואס זאלען מיר ניט האבען קיין מיטעל וועג... טאקע אין דער צייט, וואס מיר זיינען אלע ניט ערגער פאר די אומות העולם, אפילו מיר זאלען ניט נעהמען די מעדיציין וואס איהר האט געמאכט און מיר האבען עס נאך ניט געזעהן, נאר מן הסתם האט איהר? און מיט וואס איז פארענטפערט דער מאמר מגילה ט"ז. אויף דעם „פסוק" „אם מזרע היהודים מרדכי אשר החלות לנפול לפניו לא תוכל לו נפל תפול לפניו", „אמרה אומה זו נמשלו לכוכבים ולעפר, כשהם יורדים — יורדים עד לעפר, וכשהם עולים — עולים עד לרקיע ועד הכוכבים?

איצט הערט, אבער איך מוז נאך אמאל ברענגען דעם ערשטען פסוק פון דער פרשה: „דבר אל כל עדת בני ישראל ואמרת אליהם קדושים תהיו כי קדוש אני ד' אלקיכם" — איהר ווייסט שוין גאנץ גוט, אז דער ווארט דבר איז „גזירה", „קשה", און דער ווארט א „אמירה איז אומעטום לשון רכה, טא ווארום איז ער משנה תוך כרי דבור פון „קשה" צו „רכה"? — איהר ווייסט געווים פון די חז"ל, „אין מזל לישראל", איהר ווייסט געווים, א ז די חכמים אונ־

זערע זאגען אין די מדרשים, אז צו יעדע אומה פון די זיבעציג אומות האט ער געגעבען איין „שר" אדער בעסער געזאגט צו יעדען שר האט ער געגעבען איין אומה, ווי זיי זאלען שלעכט זיין, אבער זיי האבען דאך א שר, וואס נעהמט זיך אן פאר זיי, אויב זיי זיינען שוין צו פיעל זינדיג מאכט השי"ת בטל דעם שר אין גאנצען, דאן קומט זייער מפלה אין גאנצען, אויסגעמעקט פון דער וועלט. אויף די רייד וויל איך נים מאריך זיין, עס איז אלעמען באוואוסט די מאמרים.

אונז האט השי"ת אזוי ליעב, שטארק ליעב... אז ער האט אונז נים איבערגעגעבען צו א שר, אז מיר זאלען זיין אונטער איהם, אויב מיר וועלען שטארק זינדיגען, זאל מען אונז אין גאנצען אפ־מעקען פון דער וועלט, נייז טויזענט מאל נייז. ער האט אונז אזוי ליעב, אז ער וויל מיר זאלען אונטער איהם אליין שטעהען, און ער אזוי ווי ער איז אויף עוויג, אזוי זאלען מיר זיין אויף עוויג, און ער האט אונז געגעבען די מעגליכקייט, אז מיר זאלען זיין „עולים" „עד לרקיע" יעקב חבל נחלתו, ודו"ק. ער האט אונז געגעבען די מעגליכקייט מיר זאלען קענען שטייגען עד לרקיעא, אבער די גרעס־טע מעלה, מיר זאלען נים קענען פאלען אין גאנצען אויף עוויג, אויב מיר זיינען נים לאנג געווען „עד לרקיעא" „ועד לכוכבים", וועלען מיר קומען דערצו „לעתיד לבא במהרה בימינו". מיר זיי־נען קראנק, אבער עס האלט שוין ביים קריזיס, מיר וועלען שוין באלד שוויצען. (קוקט אין מיין זעלטענעם ספר מטה יהודה תהלים, אפטיילונג קאפיטעל ל"ט, דעם זעלטענעם משל מיינעם, וואס קען ברעכען שטיינער...

און דאריבער איז אונזער פאלען „לבירא עמיקתא", ווייל ווער איז אונזער באשיצער, כביכול אליין, און אז מיר ציהען אפ פון איהם, איז פאראן „הסתרת פנים". פאר וואס קענען מיר עולה זיין אזוי הויך, ווייל מיר זיינען נאר אונטער איהם, נים פון אונטער א שר — אז מיר דערצארענען איהם, איז ער מיט זיין השגחה אויף אונז „בהסתר", „ואנכי הסתר אסתיר" וגו' דאן זיינען מיר אין גלות, נידעריג, אבער ער זעהט אז מיר זאלען נים פארניכטעט

ווערען, ווייל ער איז דאך אימער, און ער מוז דאך אונז לאזען אויף עוויג עקזיסטירען, אום ווייל מיר זיינען אן עוויגקייט און מיר מו־זען קומען דערצו צו „עולה" זיין „עד לרקיעה", ווייל מיר זיינען אונטער איהם, און אז מיר זאלען זיך האלטען צו איהם באהעפט זיינען מיר די גליקליכסטע. דאס איז די מעדיציין.

„דבר אל בני ישראל" רייד הארט שווער, צו די „בני ישראל" רייד שטרענג, ווייל דאס וואס איך וויל זיי זאגען, אז זיי האבען א מעדיציין א גוטען, צו אויפגעהן זעהר הויך, אבער דערביי „דבר" רייד שווערע מוסר צו זיי, אז זיי זאלען דעם מעדיציין ניט נעה־מען. דאן ח"ו פאלען זיי „לבורא עמיקתא". זיי זאלען זיך ניט האלטען פאר גרינג אבער גלייך זאל זיי ווייכע רייד, „ואמרת אליהם קדושים תהיו" זאג זיי „בלשון רכה", זעהט וואס גאט טהוט מיט אייך. ער האט אייך ניט געשטעלט אונטער א שר, אז איהר זאלט פאלען ח"ו אין גאנצען ווי די פריהערדיגע אומות, וואס זייער זכר איז שוין ניטא, סיידען מען גראבט אויס זייער א פיער טוי־זענד יאהריגען בר מנן, זעהט מען זיי. זעהט וואס ער האט גע־טהאן פאר אייך, אז איהר זאלט קענען שטייגען אזוי הויך, וואס העכער קען שוין ניט זיין. „ואמרת אלהים" זאג זיי געלאסען, שעהן, ווי מען רעדט צו דזשענטעלליים, די העכסטע מענשען. איך וויל איהר זאלט זיין הויך. עולה לגדולה זיין עד לכוכבים מיט דעם, אז „קדושים תהיו". איהר זאלט קענען ווערען „קדושים" אין מיין נאמען, איהר קענט ווערען אזוי אין מיין מדרגה, פונקט „כי קדוש אני ד' א) — דאן זייט איהר „עולה לגדולה", ווייל איהר זייט אונ־טער מיין השגחה ניט דורך קיין שר זיין השגחה, און דארום קענט איהר אין גאנצען ניט פאלען, אבער „דבר אל בני", אויב איהר וועט ניט וועלען זיין אונטער מיר איז אייער פאלען נידעריגער פון אלע נאציאנען. איך האב אייך געגעבען די רפואה אויף „עולה לגדולה" זיין „קדושים תהיו" — אבער ח"ו אז ניט, אמת פאלען נידעריג פאלט איהר, אבער זייט וויסען אפילו איהר וועט ניט ווערען גוט, מוזט איהר ביי דער ענדע ארויף אזוי הויך „עד לרקיע ועד כסא הכבוד" אמן. — הוא ישלח את משיחנו, את פודנו,

קורצע הספדים

(דרוש יח)

אדם כי יקריב מכם קרבן לה׳ מן הבהמה מן הבקר ומן הצאן תקריבו את קרבנכם. (ויקרא)

דער פסוק פאנגט זיך אן מיט לשון יחיד. „אדם" איין מענש „כי יקריב", אז ער וועט מקריב זיין, און פיהרט אוים ביי דעם ענדע פסוק „תקריבו", איהר זאלט מקריב זיין, „את קרבנכם", אייער „קרבן" א לשון „רבים". דעם איין „דיוק" וועל איך נאר מדייק זיין ווייל איך האב ניט די נאטור אנצופרעגען קשיות.

רבותי, מיר האבען זיך דא צוזאמען געקומען מספיד צו זיין דעם גרויסען נפטר וכו׳ — וואס איז דער תועלת פון הספד, וואס קומט ארוים דערפון וואס מיר דארפען זאגען א הספד, באדויערען דעם גרויסען פארלוסט, דעם וועלכען מיר האבען געהאט?

מיר וועלען אוועקלעגען דעם קלער פון אונזער תלמוד, אויב דאס איז דער כבוד פון נפטר, פאר איהם ניט מען אפ כבוד, דער־מיט וואס מען ווייזט איהם, אז מיר זיינען זיך מצער מיט זיין פארלוסט, אדער דאס איז דער „כבוד דחייא".

מיר וועלען ניט זיך „מפלפל" זיין אין דער צייט, וואס דער בראך איז אזוי גרוים און דרינגען ווי וועלכע סברא עס איז „יקרא דשכבי או יקרא דחיא". מיר וועלען נאר נעהמען איין „סברא" אין איין אנדער קלער, די חז"ל קלערען אויף דעם פסוק „כי מפני הרעה נאסף הצדיק", איין קלער איז „מפני הרעה העתידה לבא" פאר די „רעה". וואס דארף קומען אויף דער וועלט, א גרויסע קא־טאסטראפע און גאט וויל ניט, אז זיין ליעבלינג דער צדיק זאל

האבען „צער״, נעהמט ער איהם וצו פאר דער צייט, אום ער זאל דאס ניט בייוואאהנען.

נאך א קלעהר איז „כי מפני הרעה״, דען צוליעב די שלעכטעס, וואס דער „דור״ באגעהט, צוליעב די „עבירות״ וואס מיר טהוען, צוליעב דעם „חלול שבת״, וואס עקזיסטירט ביי אונז, צוליעב וואס מען לייגט קיין תפלין ניט, צוליעב „טהרת המשפחה״ און ז. וו. און מיר פארקריכען אלץ ווייטער און ווייטער, אלץ ערגער און ערגער, אלץ טיעפער פארזינקען מיר אין טיעפען אפגרונד, דערפאר נעהמט ער צו א גרויסען צדיק פאר א קרבן פאר אונזערע זינד, דאס זאגען אונז די חכמים אונזערע, דעם פשט פון פסוק „כי מפני הרעה נאסף הצדיק״, פאר די שלעכטער פון דעם דור, ד. ה. פאר אונזערע זינד, צוליעב דעם ווערט „נסתלק״ דער צדיק.

רבותי, ביי יעדען קרבן האט מען געדארפט „נסכים״. מיר האבען איצט אזא קרבן, וועלכע גאט ב״ה האט צוגענומען, א קרבן, א צו טייערען האט ער צוגענומען פאר אונזערע זינד, זיינען מיר געווים מחויב צו געבען נסכים. אונזערע אויגען זאלען גיסען טרערען אהן אויפהער, אונזערע טרערען זאלען כאטש גענעהען וועהרען פאר דעם כסא הכבוד. דער וואס וויינט אויף אזא קרבן, די וואס גיסען וואסער, ווי נסכים, זאגען די חכמים „הקב״ה סופרן ומניחן בבית גנזיו״, צעהלט גאט די טרעהרען און לייגט זיי אוועק אין זיינע אוצרות. ער באהאלט עס...

ווי ווייט איך האב פארשטאנען פון ספרים ווארום ער נעהמט דוקא די טרעהרען און לייגט עס אין זיינע אוצרות דוקא געציילטע איז אזוי, ווייל אין יעדער אידישער פאמיליע ווערט אנגעשריבען ר״ה וויפיעל טרעהרען זיי זאלען ח״ו דארפען לאזען פון צער צוליעב קינדער אדער קראנקהייט, אדער ח״ו גאר טויט, אדער פרנסה ניט גוט, אלעס ווערט דארט פארשריבען. נו, דער רבש״ע זעהט, אז זיי טהוען קיין תשובה ניט, דארף דאך דער „גזר״ אויסהאלטען. ד. ה. עס דארף דאך קומען אויף „כמה וכמה

משפחות", נעמט דער הבש"ע, דער "רחום וחנון" אזא צדיק צו און מען איז איהם מספיד, מען גיט נסכים, מען לאזט טרעהרען, נעהמט ער און צעהלט די טרעהרען, וואס יעדער לאזט, און נעהמט אראפ די טרעהרען פונ'ם חשבון וואס מען האט געדארפט אין דער הויז זיינער וויינען.

רבותי, מיר זעהען, אז די "סברא" פון "כי מפני הרעה נאסף הצדיק" איז מעהר די סברא, אז דער נפטר איז נאר א "קרבן" פאר אונז. מיר זעהען דאך דא ווי מיר האלטען, ווי מיר זיינען אראפ פון וועג, ווי מיר זיינען נאכלעסיג און גלייכגילטיג מיט אונזערע קינדער. מיר זעהען דאס צו און ווייניג קרעכצען אויף דערויף. וואס דיינקען מיר, אז מיר זיינען אין א הפקר וועלט? איז דען ח"ו "לית דין ולית דיין?" און אז דער גרויסער נפטר איז נאך ניט קיין גאנץ אלטער מאן געווען, ער האט נאך געקענט לעבען, ווען זעהר אז אלטער מאן שטארבט, קען מען זאגען, עס איז גע־קומען זיין צייט נסתלק צו ווערען, אדער גאט האט "רחמנות" אויף דעם אלטען צדיק, ווייל עס דארף קומען א "רעה" אויף דער וועלט. ווי מיר געפינען אין די חז"ל, און רש"י הקדוש בריינגט אין תולדות, אז גאט ב"ה האט צוגענומען "אברהם אבינו" פאר דער צייט, מיט פינף יאהר בעפאר זיין ענדע האט געדארפט קו־מען, צוליעב "עשו" זיין אייניקעל.

אבער, אזוי אדער אזוי, דארפען מיר געבען נסכים, אויב ח"ו עס איז "מפני הרעה" פאר דער "רעה", וואס דארף קומען, "נאסף הצדיק", דארפען מיר דאך תשובה טהאן און צורייסען די "גזירה" וואס דארף ח"ו קומען. אויב דער נפטר איז א "קרבן" פאר אונ־זערע זינד. זעהט "רבותי", וואס פאר א טייערען "קרבן" מיר האבען מקריב געווען. אויף אזא קרבן דארפען מיר געבען א סך נסכים.

א גרויסער פאבריקאנט, א מיליאנער, די הונדערטע פאמי־ליעס האט ער געשפייזט, דאמיט וואס זיי האבען ביי איהם גע־ארבייט. דער רעדעל האט זיך איהם א דרעה געטהאן און עס האט איהם אנגעהויבען טרעפען אונגליקען. זיינע א שיף איז ארוים

מיט א מיליאן ווארע נאך פראנקרייך און אין מיטען ים איז גע־קומען א שטורעם און צו שטראנדע געגאנגען איז זיין שיף. ווען עס איז איהם אנגעקומען די בייזע „בשורה" — געוועהנליך האט ער זיך מצער געווען, אבער מען האט געזעהען, אז עס האט ניט געמאכט קיין צו שווערען איינדרוק אויף איהם.

דער גביר האט געדארפט זיין אין דייטשלאנד וועגען זיינע ביזנעס. אונטער דער צייט פון זיין דארט איז איהם דער פאלאץ אפגעברענט געווארען. זיין פאלאץ וואו ער האט געוואהנט (פאר־צייטען איז קיין אינשורענס קאמפאניעס ניט געווען). עס איז ניט איבערגעבליבען קיין ווערדע פון א פרוטה. אלעס האט דער פייער פארניכטעט. די הויז מענשען זיינען ארוים ווי געבארען... אי־בער א מיליאן טאלער שאדען האט ער געהאט. ביי זיין אנקומען א היים און זיין דערזעהען דעם חורבן, געוועהנליך האט ער זיך מצער געווען, אבער מען האט געקענט מערקען אויף איהם, אז ניט געפעהרליך, קיין גרויסען איינדרוק האט עס אויף איהם ניט געמאכט.

אין א פאר מאנאט שפעטער, אין אמיטען נאכט איז ארויס א פייער אויף זיין גרויסען פאבריק און עס האט פארניכטעט, אז עס איז ניט געבליבען אין ווערדע פון א פרוטה, אז מען האט דעם גביר אנגעזאגט די בשורה איז ער געפאלען אין אהנמאכט, אז מען האט איהם קוים אפגעמינטערט.

ווען מען האט איהם אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם, וואַ־רום ער איז דעם מאהל פארצווייפעלט, מעהר פאר דער שיף אונ־גליק און מעהר פאר זיין פאלאץ, פון וועלכע דער שאדען האט באטראפען פיעל מעהר ווי פון דער פאבריק, און איצט איז ער אזוי פארצווייפעלט?

מיינע טייערע, אז מען האט מיר אנגעזאגט דעם אומגליק פון דער שיף, אמת, איך האב געהאט צער, אבער איך האב א גרויסען טרייסט אויך געהאט מיט דעם וואס מיין פעקטארי געהט און די פראפיט איז גרויס. אין איינציגע יאהר האב איך פאר דעם שאדען

געקענט האבען און אזוי איז געווען מיין טרייסט, אז מיין פאלאץ איז פארברענט געווארען. איצט אבער, אז די פעקטארי איז פאר־ברענט און איך האב ניט די מעגליכקייט צו אויפבויען אן אנ־דערע, דאס איז מיר שווין ניט אריבערצוטראגען.

רבותי, עס איז אן אונטערשיעד פון די איצטיגע צייט צו פארצייטען, אפילו מיט דרייסיק יאהר צוריק, ווען אונזער פעק־טאריע פון תורה האט עקזיסטירט, די גרויסע ישיבות, און אין יעדע אידישע הויז איז געווען א קינד וואס איז אין די ישיבה געגאנגען. איידעמס תלמידי חכמים, האט מען נאר געזוכט, דאן אז עס האט פאסירט א שיף איז אונטערגעגאנגען מיט'ן קאפיטאן דעם צדיק, ווי די גמרא אין בבא בתרא זאגט, דעם הספד וואס די גדולי הדור האבען געזאגט. אויף אברהם אבינו „עמדו כל גדולי הדור בשורה ואמרו, אוי לו לעולם שאבד מנהיגו, ואוי לה לספנתא שאבד קברניטא" (בבא בתרא, דף צ"א) האט מען אויך געזאגט אין הספד „אוי לו לעולם" וכו', אבער איצטיגע צייט, אז די פעקטארי איז אפגעברענט, קיין פעקטארים חדרים, ריכ־טיגע תלמוד תורה'ס, ישיבות איז ניטא. עס קען שוין קיין צדיק אזא ניט זיין פון היינטיגער יוגענד, מוזען מיר געווים געבען „נסכים".

איבערהויפט, אז מיר זאלען מיט א ריכטיגען בליק באטראכ־טען, אז ווייבאלד דאס איז פאר אונזערע זינד, איז ער דאך א קרבן און זעהר א טייערער קרבן, האט השי"ת מקריב געווען פאר אונזערע זינד. מוז דאך זיין, אז אזוי ווי ביי א קרבן איז דער עיקר געווען תשובה, ווארום א קרבן אהן תשובה איז דאך „זבח רשעים תועבה" איז דער עיקר תשובה טהאן, מיר זאלען זעהען יעדערער מיט עפעס זיך פארבעסערען, ווען ניט איז דאך פאר יענעם ניט מכפר.

מיר דארפען אויך וויסען, אז אזא קרבן ברייגגען מיר ניט, גאט ב"ה ברייגגט דעם קרבן פאר אונז „לכפר על כל עונותינו", דארום בעט השי"ת פון אונז, אז מיר זאלען בעסער מקריב זיין קרבנות פון בהמות — „אדם כי יקריב" — „אדם" איז א גרויסער

פערזאָן, אַ צדיק — אַזוי ווי עס ווערט געזאָגט אויף „אַברהם אָבינו", „האָדם הגדול בענקים", אַז איהר מיינע קינדער, זאָגט די תורה צו אונז, „אָדם" אַ גרויסען „צדיק" „כי יקריב", אַז ער וועט מקריב זיין. ער. דאָס איז דער רבש"ע וועט מקריב זיין אַ צדיק — „אָדם", אַ צדיק, „כי יקריב", אַז ער וועט מקריב זיין „מכם" פון אייך, וועט ער איהם נעהמען דעם צדיק און „מכם" פון אייך איז דער שולד, ווייל איהר זייט זינדיג, דאָס זייט איהר ניט מקריב, נאָר דאָס הייסט „קרבן לד'", דער קרבן איז צו גאָט אַנבאַלאַנגט, ער איז איהם מקריב, ניט איהר, נאָר איהר זייט דער גורם...

בעט איך אייך, אַז איהר זאָלט עס ניט טהאָן, אַז דורך אייערע זינד זאָל גאָט דאַרפען אַ מענשען אַ צדיק מקריב זיין. איהר זייט בעסער גוט און זייט מקריב פון די בהמות. אַליין זאָלט איהר אַ קרבן ברייננען ניט גאָט זאָל ברייננען דעם קרבן, נאָר איהר. „אָדם" אַ מענש אַ צדיק איז דאָך „כי יקריב" איז ער דאָך מקריב, „קרבן לד'" דער קרבן איז ניט אייער נאָמען, ניט איהר זייט מקריב, נאָר גאָט. „אָדם כי יקריב קרבן לד'" — זייט איהר בעסער מקריב „מן הבקר ומן הצאן", וועט הייסען „תקריבו את קרבנכם" — זאָלט איהר מקריב זיין אייער קרבן...

איצט איז ניטאָ קיין קרבנות, איז אָבער געבליבען פאַר אונז דעם עיקר פון קרבנות. דער קרבן האָט ניט געטויגט אָהן תשובה. איז דאָך דער עיקר תשובה. טהוט תשובה, זייט בעסער, וועט גע־ווים גאָט ניט דאַרפען מקריב זיין דעם „אָדם גדול", דעם צדיק.

אותו היום שנפטר אברהם אבינו עמדו כל גדולי הדור בשורה. (בבא בתרא)

ווען אַ „גדול הדור" ווערט „נסתלק", דאַן ווערט אין דער רבנישער געזעלשאַפט אַגאַנצע איבערקערעניש. אויב אין אַ גרוי־סער שטאָדט וואו עס געפינען זיך אַ סך „רבנים" — און אין דער

זעלבער שטאדט, איז פאראן איינער א גדול, טאקע איין „גאון אמיתי". וואס אלע אנערקענען איהם פאר א גדול, דאן זיינען באַ־האלטען די קליינע רבנים און זיי בויגען אלע זיך צו דעם „נר האמצעי".

אבער ווי דער גדול הדור ווערט נפטר, דאן קריכען זיי ארויס פון זייערע באהעלטעניש און יעדער שרייט, אז איך בין דער גדול. אלע צוגלייך אין איין ליין, דאס הייסט, אז אלע ווערען „גדולי הדור". אלע זיינען גלייך איצט. ווער עס וויל שרייבט אויף זיך דעם טיטול גאון און נאך א גרעסערער שרייער שרייבט רב הכולל אויף זיך. וואו צוויי רבנים אין איין שטעדטעל, ווייל עס איז דא צוויי שוהלען און יעדע שוהל איז דאך אנאנדער שטאדט. אין אמעריקא איז עס אזוי, דארף דאך יעדע שטאדט, דאס הייסט יעדע שוהל האבען א רב (עס איז דארט דא א דריטער געוויס, נאר פון איהם דארפען מיר ניט ריידען, ווייל ער איז דאך ניט א רב מיט א קמץ אונטער דעם רי"ש, נאר מיט א פתח). יעדע שוהל האט קיין מנין מתפללים, שרייבט זיך איינער טשיעף רבי, ווייל עס איז ניטא קיין ריכטיגער גייסטיגער פיהרער, א מלמד — א רב, א מוהל — א רב, א חזן — א רב, א דרשן — א רב. מילא די לעצטע זיינען דא אזעלכע. וואס קענען לערנען, און זיי טהוען אויף מעהר אויף דער וועלט ווי די ראבאנטשיקעס זעלבסט גע־קרוינטע.

ווי לאנג אברהם אבינו האט געלעבט, האט קיינער קיין מאכט ניט געהאט צו זאגען, אז ער איז א גדול, אבער „כשנפטר אברהם אבינו", אז עס איז נפטר געווארען דער גדול הדור, דער מנהג פון דער וועלט, „עמדו כל גדול הדור" זיינען אויפגעשטאנען אלע גדולי הדור, וואס ביז איצט זיינען זיי געלעגען באהאלטען אין די לעבער, איצט „עמדו" — „כל גדולי הדור", אלע זיינען גדולי הדור „בשורה", גלייך — אלע צוזאמען אין איין ליין, אלע גלייך מיט איין נאמען גאון, און גאון, און גאון. איהר קענט שווער געפינען א שילד אויף א רב"ם וואהנונג וואס זאל ניט זיין קיין גאון...

פיליכט ווילט איהר זיך עפעס דורכריידען מיט א רב, געפינט איהר נים אין גאנץ ניו יארק, נאר גאונים, שרעקען זיך די „בעלי בתים" פאר די "גאונים" און פאר מורא וואס זיי האבען פאר זיי, ווילען זיי נים האבען זיי אין זייערע שוהלען. „אוי לו לעולם שאבדה מנהיגה ואוי לה לספינה שאבדה קברניטא".

הצדיק אבד ואין איש שם על לב ואנשי חסד נאספים באין מבין כי מפני הרעה נאסף הצדיק. (ישעית נ"ז א')

איך מיין מיט די קורצע „הספדים", וועלכע איך גיב דא אין דער „בימה", איז נאר טהעמעס צו א הספד, אויף פראסט מאמע לשון הייסט עס סענס און וואסער דארף מען אליין צוגיסען.

איין קורצען „דיוק" — וועל איך פרעגען, ער הייבט אן מיט א „לשון יחיד", „הצדיק אבד" און ענדיגט מיט א „לשון רבים" „ואנשי חסד נאספים?" די גמרא זאגט אין (שבת ק"ה) „כל המתעצל בהספדו של ת"ח אינו מאריך ימים", מיר ווייסען, אז עס איז דא זעהר פיעל מצות, די וועלכע, אז מען טהוט זיי ריכ־טיג, איז דערפאר אויך אויף דער וועלט שכר פאראן, מיט אריכות ימים — אומגעפעהר (יומא פ"ז) „גדולה תשובה שמארכת ימיו ושנותיו של אדם", אויך די מצוה „כבוד אב ואם" איז לאנג לעבען דערפאר זאגט די תורה — שלוח הקן — דאס גלייכען — שלמה מלך ישראל האט געזאגט א כלל „וצדקה תציל ממות" — איך וויל נים מאריך זיין און ברייגגען א סך מאמרים פון די חז"ל און פסוקים. ווייל יעדער וועט עס אליין קריגען און מיר פארשפארען די קאסטען פון דרוק.

א כלל מוזען מיר וויסען, אז איינער א גדול ווערט נפטר, אפילו אויך נים קיין גדול, נאר א איש פשוט, א „שומר מצוה", א גרויסער פרומער און עהרליכער איד — און מען איז איהם „מספיד" — איז נים פאר זיך אליין די „טובה" וואס מען האט דערהפון אריכות ימים, און דערצו א גרויסע מצוה, וואס דער שכר

איז בעולם הבא, און דער רבש"ע טהוט אריין די טרעהרען אין זיינע אוצרות, אז דער מענש זאל ניט דארפען וויינען אין זיין לעבען.

מען טהוט א טובה דעם נפטר מיט דעם. אט וועל איך אייך ערקלעהרען: יעדער מענש, ווען ער שטארבט אפ האט זיך גע־ענדיגט זיינע אלע אויפטהואונגען, ווארום ער קען שוין מעהר גאר ניט אויפטהאן זיך פאר איהם. דאס וואס ער האט אויפגע־טהאן פאר זיך מיט דעם געהט ער אוועק און אלע זאכען, וואס ער האט געדיינקט אויפצוטהאן איז מיט זיין טויט פארלארען, ווייל ער קען שוין דאס ניט אויפטהאן מעהר.

אבער, אז מען מאכט איהם א גרויסען „הספד" און מען רע־כענט פאר'ן גרויסען פובליקום זיינע טייערע מעלות און דער פראסטערער מענש זעהט, אז אזא גרויסען כבוד גיט מען דעם פרומען אידען פאר די מעלות, נעהמט ער אויף זיך, אז מען דארף זיין גוט, און מען דארף טהאן גוטעס, אין דעם האט א חלק דער נפטר, ווי לאנג דער איז גוט, קריגט ער א חלק פון דעם, ווייל ער איז דער גורם אויף די גוטעס. איך שרייב זעהר בקיצור און יע־דער האט א וועג דאס מאריך צו זיין. מען דארף מעורר זיין דורכ'ן הספד צו „תשובה", אז יעדער זאל נעהמען א מדה פון דעם נפטר. ביי א הספד קען מען ווירקען מיט איין מאהל ריידען. מעהר ווי די הונדערטער דרשות וואס מען זאגט אין פריידען. די פראקטיקע האב איך געזעהן מיט מיינע אויגען. איך האב ביז איצט געזאגט הספדים ביי פיער הונדערט, האבען די פיער הונדערט דרשות אויפגעטהאן מעהר ווי מיינע ניינצעהן טויזענט דרשות וואס איך האב אפגעזאגט ביז איצטיגען טאג. אז אומגעפעהר פון הספד, פון מעורר זיין, צום ביישפיעל, עס ווערט געמאכט, אז מען זאל אויפ־בויען א תלמוד תורה אויף דעם נפטר'ס נאמען און אפילו אויב ניט אויף זיין נאמען, נאר דורך דעם הספד אליין, הייסט שוין ניט פארלארען דער „צדיק", ווייל מען לערענט דורך איהם אין תלמוד תורה אדער אנאנדער אנשטאלט ווערט נעגריינדעט. (איך וועל וואס קירצער ערקלעהרען צוליעב הוצאות הדפוס).

אבער ווען מען איז דעם נפטר ניט מספיד, אדער דער עולם פוילט זיך איהם מספיד צו זיין, און דאן נעהמט קיינער ניט עט־וואס פון זיינע „מדות טובות", הייסט דער צדיק פארלארען פון אונז... געוועהנליך, און טאקע דער צדיק אליין האט דארט נאר דאס, וואס ער האט זיך מיטגענומען אבער מעהר ניט.

„הצדיק אבד", דער „צדיק" הייסט פארלארען פון אונז, ווייל „ואין איש שם על לב" איהם מספיד צו זיין און צו באדויערען די גרויסע אבידה. איין ראיה וועל איך פאר אייך ברענגען. די גרויסע „ראיה", אז מיינע רייד זיינען ריכטיג „תורת אמת" רש"י אין אנפאנג פון פ' וארא אויף פסוק ט' „אמר לו הקב"ה חבל על דאבדין ולא משתכחין יש לי להתאונן על מיתת האבות, הרבה פעמים נגליתי עליהם באל שדי ולא אמרו לי מה שמך ואתה אמרת מה שמו מה אומר אליהם". משה, איצט באדויער איך די אבות, אז דו וואלסט געהאט זייערע מדות, הייסען זיי ניט פארלארען פון דער וועלט. דו קלעהרסט נאך, באלד וואס איך טהו, און זיי האבען ניט נאכגעקלעהרט און ניט געפרעגט ווא דו „למה הרעות לעם הזה". איצט, דערפאר מוז איך קלאגען אויף זיי און זאגען „חבל על דאבדין ולא משתכחין", ודו"ק.

„הצדיק אבד", ער הייסט דאן אבד, ווייל — „ואין איש שם על לב" איז מען דאך איהם ניט מספד. נעהמט מען ניט מיט זיך זיינע „מדות טובות", מען איז אויך ניט מעורר צו „צדקה", אויך ניט צו תשובה. איז דערפאר אפילו די וואס האבען געטהאן מצות אזעלכע וואס דערפאר דארף מען לאנג לעבען, וועלען זיי אויך ניט לאנג לעבען, ווייל די גמרא זאגט דאך „כל המתעצל בהספדו של ת"ח אינו מאריך ימים". אלע די וואס זיינען פויל אין מספיד צו זיין א תלמיד חכם, אלע איז א כלל, אפילו די יעניגע וואס וואלטען דורך זייערע מצות געדארפט לעבען, אומגעפעהר איבערהויפט צדקה, איז דאך בפירוש „וצדקה תציל ממות". אבער, אז ער איז פויל צו מספיד זיין דעם „צדיק" איז אפילו „ואנשי חסד", די וואס האבען חסד געטהאן איז אויך נאספים.

טייערע פארזאמעלטע, אזוי ווי מיר האבען זיך אלע צוזאמען געקומען און מיר זיינען מספיד דעם צדיק און מיר האבען אלע איהם באדויערט און מיר ווילען פארעווינגען זיין אנדענקען מיט דער און דער זאך — וועט השי"ת אונז אלעמען געבען אריכות ימים ושנים. אמן.

דרוש לכבוד ת"ח

(דרוש כא)

תניא שמעון העמסוני ואמרי לה נחמיה העמסוני היה דורש כל אתין שבתורה כיון שהגיע לאת ה' אלהיך תירא פירש. אמרו לו תלמידיו, רבי כל אתין שבתורה שדרש מה תהא עליהם, א"ל כשם שקבלתי שכר על הדרישה כך אקבל שכר על הפרישה. עד שבא ר"ע ולמד את ד"א תירא לרבות תלמידי חכמים. (קדושין נ"ז)

פאר דעם תועלת, פאר די וואס דארפען האלטען דרשות, אפט אלע שבת, און אפטמאהל פיעל מעהרערע דרשות, דארפען זיי זא־גען, וועל איך אין יעדען אפטהיילונג פון די „בימה" בע"ז השי"ת בריינגען מאמרי חז"ל אין די מאסען וואס יעדער קען עס נוצען צום ריידען ביי יעדער געלעגענהייט. איך וועל ניט זוכען כסדר פון ש"ס, נאר יעדער מאמר וואס עס קומט מיר אויף מיין זינען.

מיר ווערלען דא אין דעם מאמר באטראכטען אייניגע באמער־קונגען. „שמעון העמסוני" האט געהאט בכח צו דרשה'ענען אלע אתין פון דער תורה. געווים האט ער געהאט בכח צו דעם „את ד' אלהיך תירה" אויך צו דרשה'נען „לרבות תלמידי חכמים", און אז ער האט געוואוסט ווארום האט ער ניט ארויסגעזאגט, אז דאס מיינט „לרבות ת"ח ? — און ווידער ווי אזוי האט „רבי עקיבא" וואס ער האט נים גע'דרשה'ענט קיין „את" אזוי גרינג, גאר ניט קלערענדיג, ארויסגעזאגט „לרבות תלמידי חכמים". ווידער וואס זאגט עפעס די גמרא „עד שבא ר"ע". דעם אויסדרוק „עד שבא ?" מיר ווייסען, אז אין פיעלע שטעדט וואו עס זיינען דא רבנים,

איז דער רב ניט צופריעדען, ווען עס קומט אין זיין שוהל א דרשן א גוטער און זאגט דארט אין שוהל: איך וויים עס, וואס איך פלעג האבען דערפון אומאנגענעהמליכקייטען און צו דאנקען דעם ליבען באשאפער אונזערען. איך האב קיין מאהל קיין שלעכטעס ניט געטהאן קיינעם. אין געגענטהייל, פלעג איך באמיהען זיך צו גוטעס טהאן, און טאקע גוטעס געטהאן. אין איין פלאץ וואו איך האב געזאגט אין די וועסט, און א רב האט מיר אזוי פיעל שלעכ־טעס געטהאן, אז ער האט פאר אלעמען דערצעהלט, אז איך בין געוועזען א מיסיאנער און נאך „שקרים" וואס אלע האבען זיך אויסגעלאכט דערפון. איז ניט אזוי איך האב איהם שלעכטעס גע־טהאן ח"ו, נאר איהם האט איך געטהאן ריכטיג גוטעס.

ווייסט איהר? פארשטעהט איהר? וואס דער פרעמדער דורכ־פאהרער, דער אורח, קען טהאן פאר דעם שטענדיגען „תלמיד חכם" זייערען. ער קען דאס פאר זיך ניט טהאן, נאר דער גוטער דרשן, דער ריכטיגער עהרליכער איד, דער אורח, קען טהאן גוטעס פאר דעם שטענדיגען ת"ח. איהם פאסט ניט, אז ער זאל ריידען, אז עס פעהלט איהם „חיונה" אדער מיט אנדערע זאכען, וואס ער לעבט דארט ניט צופריעדען, אז דער אייגענער רב זאל ריידען דעם טייערסטען דרוש, דעם אמת־גוטען דרוש, באווייזע פון דער תורה, נביאים וכתובים, און פון ש"ס בבלי וירושלמי", „מדרשים", אז עס איז א מצוה צו שטיצען און געבען כבוד "תלמידי חכמים", עס מעג זיין ווי גוט, וועט זיינע רייד ניט אזוי שטארק אפעלירען צום פאלק, ווייל די מעהרערע צאהל הערער וועלען זאגען לכבוד עצמו הוא דורש. אה! דער רב מיינט, אז מען זאל איהם העכערען ווייי־דזשעס.

אבער אז דער אנדערער, דער פרעמדער, דער דורכפאהרער, אז ער רעדט אין דער וועלט אריין און דער דרוש געפעהלט, קען א סך גוטעס טהאן דעם שטענדיגען. „ר' שמעון העמסוני", זייענדיג אויף זיין פלאץ האט גע'דרשה'ענט אלע את'ין פון דער תורה און ער איז געקומען צו דעם את ד"א תירא, האט ער גאנץ גוט גע־וואוסט, אז דאס מיינט לרבות ת"ח נאר ער האט מיט זיין גרוי־

סען שכל אפגעהאלטען זיך און ניט גע׳דרשה׳ענט לרבות ת״ח, ווייל ער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז דער עולם וועט איהם חושד זיין און זאגען, אז בכיון האט ער גע׳דרשה׳ענט אלע את׳ין כדי צו קומען צו דעם „את ה״א תירא, לרבות תלמידי חכמים", און ער מיינט דערמיט מען זאל איהם העכערען „שכירות", דארום האט שמעון העמסוני ניט גע׳דרש׳ענט דעם איין „את", אבער ר״ע איז געווען א דורכפאהרער. „עד שבא ר״ע", ער האט געווארט פיליכט וועט ווער קומען פון די גרויסע מענשען און ער האט זיך דער־ווארט, אז „רבי עקיבא" איז געקומען אלס דורכפאהרער. „עד שבא ר״ע ודרש להבות ת״ח" ביז ר״ע איז געקומען האט ער גע׳דרשה׳־ענט, אז עס געהט אויף דעם, אז מען דארף מורא האבען און שע־צען א תלמיד חכם פונקט ווי גאט. זעהט, מיינע טהייערע, אז עס קען זיין א רב שלעכט אין א שטאדט, און אז ער, דערזעהט, אז עס קומט אן אורח, און ווער רעדט נאך אויב דער אורח איז א גור־מער דרשן, דאן בייטען זיך איהם אלע קאלירען אין זיין פנים, שרעקליך ווי נאריש עס איז. אדרבה, די גוט־פריינדשאפט, די וועלכע ער האט מיט איהם, און וואס מעהר ער ווייזט התקרבות צו איהם, וועט איהם דער דרשן א טובה טהאן. דירעקט אדער אינדי־רעקט. „עד שבא ר״ע". אז ר״ע איז געקומען אלס א גאסט, און דורכפאהרענדיג, האט ער קיין מורא ניט צו דרשה׳ענען לטובת תלמיד חכם.

דרוש לצדקה

(דרוש כב)

דרש רבא, מאי דכתיב (ירמיה י"ח) ויהיו מוכשלים לפניך בעת אפך עשה בהם, אמר ירמיהו לפני הקב"ה, רבש"ע אפילו בשעה שעושים צדקה הכשילם בבני אדם שאינם מהוגנים, כדי שלא יקבלו שכר. (בבא קמא ט"ז ע"ב)

עס איז זעהר שווער צו פארשטעהן, אז ירמיה הנביא, דער אוהב ישראל, זאל אזא קללה געבען, אז אפילו אויב זיי וועלען געבען צדקה, זאל גאט זיי צושיקען אזעלכע רשעים מקבל זיין די צדקה, אז זיי זאלען קיין שכר ניט באקומען דארויף? איז דאס מעגליך, אז אזא אוהב ישראל זאל דאס טהאן? אפילו אין דער צייט, וואס זיי האבען איהם באהאנדעלט, געפעהרליך, שלעכט?

פריינדע, דער נביא, דער אוהב ישראל האט זיי ניט געשאלטען, נאך מיט אזא געפעהרליכע קללה, נאר דער נביא האט פאר זיי געבעטען רחמים, אז גאט ב"ה זאל רחמנות האבען אויף זיי. הערט און שטוינט מיט וואס. אום איהר זאלט האבען א באגריף, וואס אונזערע גרויסע מענשען, די „מלאכי אלקים" „בדמות אדם", אין די גרעסטע יסורים וואס זיי האבען איהם פארשאפט און ער האט געזעהען, אז קיין זכות איז שוין ניטא צו זיי צו בעטען פאר זיי, איז ער געפאלען אויף אזא וואונדערליכער „המצאה", אז מיט דער המצאה זאלען זיי כאטש א זכות האבען.

מיר אידען דארפען דאנקען דעם רבש"ע פאר דער תורה אין כלל און מצות בפרט, מיט דעם האט ער אונז גליקליך געמאכט.

מיט דעם זיינען מיר, דער עם הנבחר, מיט רעכט שרייען מיר „אתה בחרתנו מכל העמים".

איבערהויפּט דאָס וואָס ער האָט אונז געגעבען די מצות „צדקה" וואָס דאָס ראַטעוועט אונז פון אַלע צרות, און די מצוה איז, אַפּילו עס ווערט ניט געטהאָן „לשם שמים" איז אויך גוט. ווי איך האָב שוין געשריבען אין די פריהערדיגע דרשות, נאָך מעהר, זאָגען אונז די חכמים, אַז „אין בודקין למזונות". אַנדערע זאָגען, אַז אויך אויף קליידער, ווער עס קומט בעטען מען זאָל איהם אַ פּאָר שיך אָדער אַנדערע נויטליכע זאַכען, וואָס מען מוז האָבען אָנצוטהאָן, געבען, דאַרף מען ניט נאָכזוכען ווער ער איז און וואָס ער איז.

די ספרים ערקלעהרען, אַז דאָס איז אונזער גרעסטער גליק, אַז מיר זאָלען ניט נאָכזוכען ווען מען גיט, אַ שעהנעם, אָדער אַ פיינעם מענשען, אָדער ניט . . . „כל הפושט יד נותנין לו". וואָס איז דער גליק, זאָגען זיי, אַז עס קומט צו אונז אַן אָרימאַן און מיר ווילען איהם ניט געבען, פאַרוואָס ? ווייל ער איז ניט קיין פיינער מאַן...

דאַן, ווען מיר בעטען ביי השי"ת פּרנסה, געזונט און לעבען, נעהמט מען דאָרט נאָכזוכען אויב מיר זיינען פיינע מענשען, אויב ניט — גיט מען ניט, ווייל מען זאָגט צו אונז: מיר טהוען ווי איהר טהוט. איהר גיט נאָר פיינע מענשען. מיר גיבען אויך פיינע מענשען, און אַזוי ווי איהר גיט ניט צו קיינעם וואָס איז ניט פיין, קענען מיר דאַרום דיר ניט געבען, ווייל דו ביסט ניט פיין.

אַבער אַז מיר זיינען ניט בודק דעם אָרימאַן, אויב גוט אָדער שלעכט, נאָר מיר גיבען אַלעמען, איז מען אויף אונז ניט בודק אין הימעל, און מען גיט אונז ווי מיר זיינען.

אַז ירמיהו הנביא, דער גוטער איבערגעגעבענער פריינט, וואָס וואָלט זיך געלאָזען שניידען גליעד פאַר גליעד פאַר דעם ערגסטען אידען, אַז ער האָט געזעהען, אַז די „אנשי ענתות" זיינען אַזוי פיעל זינדיג, וואָס עס איז קיין שיעור ניט, און נאָך דערביי אַליין וואָס איהם האָבען זיי אַזוי פיעל געפּלאָגט און ער האָט באַטראַכט, אַז פאַר זיי וועט זיין פאַרשלאָסען אַלע טויערען. זיי האָבען קיין זכות.

האט ירמיהו הנביא" געבעטען רבש"ע: טהו כאטש די זאך פאר די „רשעים", אז ווען דו ביסט אין כעס אויף זיי — שיק זיי צו „מקבלי צדקה", אזעלכע רשעים ווי זיי זיינען און זיי ווען זיי געבען „צדקה". דאס הייסט, זיי וועלען ניט איבערקלייבען וועמען יא געבען און וועמען ניט. דאן ווען זיי וועלען איינמאל בעטען דאך צו דיר, וועט דער „מדת הדין" ניט קענען זאגען, אזוי ווי זיי קלייבען וועמען צו געבען אזוי דארף מען זיי ניט ענטפערען, ווייל זיי זיינען רשעים.

„דרש רבא, מאי דכתיב", רבא האט גע'דרשה'נט, וואס מיינט דער פסוק, אז „ירמיהו הנביא" וועט זיין אזוי שלעכט און זאגען און בעטען „ויהיו מכשלים לפניך בעת אפך עשה בהם", גיט רבא צו ערקלעהרען די פריינדשאפט פון „ירמיהו הנביא, אפילו צו אזעלכע „רשעים" „אמר ירמיהו לפני הקבה", „ירמיהו" זאגט פאר גאט אזוי: רשב"ע, אפילו „בשעה שעושים צדקה הכשילם בבני אדם שאינם מהוגנים כדי שלא יקבלו שכר", אפילו אין דער צייט וואס זיי וועלען צדקה געבען, מאך זיי שטרויכלען מיט אזעלכע מענשען וואס זיינען רשעים וואס זיי קענען פאר די „צדקה" קיין שכר ניט קריגען, אבער דער מיטעל פאר זיי אמאל רחמנות צו האבען אויף זיי וועט זיין זעהר א גוטער מיטעל.

שאלו את שלמה בן דוד, איזהו בן העוה"ב, אמר להם כל שכנגד זקניו כבוד. (בבא בתרא דף יו"ד)

רש"י זאגט אזוי: „אותם שחולקים להם כבוד בעוה"ז מחמת חכמת זקנתם", מיר וועלען טרייען ערקלערען דעם מאמר פארקעהרט, אבער עס קען זיין פילייכט וועלען מיר צוטרעפען צום אמת — דעם כבוד וואס עס קריגען היינטיגע צייטען די גרעסטע „רשעים" נאר רייכע, אדער פאליטישענס, מאכט אבישעל שוואך די אמונה פאר'ן פראסטען פרומען אידען, ווייל זיי זעהען אז עס איז פונקט פארקעהרט ווי עס דארף צו זיין.

ביים לעבען פונ'ם תלמיד חכם זעהען זיי, אז עס איז ניט אזוי גלענצענד. זיין לעבען, זיין רייכקייט, זיין כבוד וואס ער באַקומט פון זיינע מעמבערס, איבערהויפּט פון זיין צאַצקעדיגען פּרעזידענט, אך, ווי אומגליקליך איז זיין לעבען, ווי איינזאַם, ווי ניעדעריג, ווי פינסטער איז אין זיין געצעלט.

דער היפּוך, אַ גביר אַ רשע, כבוד און גדולה, פון אלע זייטען, היינט אז אַזאַ שטאַרבט, אדער אַ גרויסער פּאָליטישענער, ער האָט געמענגט זיין ווייט פון אידישקייט, ווי זיין ווייב די גויה — און פיעלע האָבען צוואה געלאָזען, אז זייער באַגרעבעניש זאָל זיין דוקא אויף דעם קריסטליכען „בית עולם", אָבער זייער לויה איז וואונדערליך גרויסאַרטיג, מיט די פּני העיר, און נאָך מעהר, אפילו די אידישע צייטונגען גיבען אָפּ דעם ערשטען פיידזש אין דער פראַנט מיט דעם סימבאָל פון אבילות.

און ווען עס שטאַרבט דער „תלמיד חכם" איז די לויה טונקעל, ווי זיין לעבען איז געוועזען. דער כבוד איז אפילו גרעסער ווי לעבעדיגערהייט, ווייל מען טראָגט איהם אריין אין שוהל און בעפאָר האָט ער קיין פּלאַץ ניט געהאַט אין שוהל. ער איז געוועזען אָהן כבוד ביים לעבען און כמעט אָהן כבוד ביי זיין טויט. ער לעבט אָרעם און שטאַרבט אָרעם און אפילו די בעסטע אָרטאָדאָקסישע צייטונגען גיבען אָפּ אַ שטיקעל פּלאַץ, אז אינטש און אַ האלב, אַ פיידזש בעפאָר דעם לעצטען אַנאַנסירט אַ לויה פון דעם און דעם רב . . .

דער פּראָסטער פרומער איד קוקט עס צו און זאָגט אדער טראַכט, מן הסתם האָט דער נאָך „עולם הבא" אויך, ווייל זיין מאַמע האָט איהם געזאָגט, געדענקט ער, אז ווי פיעל מענשען עס געהען צו דער לויה, אזוי פיעל מלאכים קומען אַנטקעגען איהם און אז דער און דער רב איז געשטאָרבען זיינען טאקע געוועזען נאָהענט פון טויזענט מענשען צו דער לויה, אָבער אז דער און דער חטאת איז געשטאָרבען, וואָס ער איז אין גאַנצען טמא טמא, איז געוועזען פופצעהן טויזענט, ואיכא דאמרי, אז פינף און צוואַנציג טויזענט, נו, אָרט דאָך מיר אַ פראַגע? . . .

קום אהער מיין פרומער אלטיטשקער, דאגה זיך ניט, עס איז ווערט איין שמעק טאבאק, אויך ניט, דער כבוד וואס ער קריגט. עס ווענדעט זיך ווער די כבוד געבער זיינען, מיין טייערער, אין געגענטהייל, דאס איז פאר איהם דער גרעסטער אומגליק, דער כבוד, ווייל ווער גיט איהם כבוד, אזעלכע מחבלים, ווי ער איז געווען און אזוי פיעל „מלאכי חבלה", וועלען איהם ארויסקומען אנטקעגען, אז קוים גלויבסטו, מיין טייערער, מוסטו אין דעם גלויבען. זעהסטו, מיין טייערער, מיין מאמע האט מיר אויך דערצעהלט, אז ווער עס גיט כבוד, ווענדעט זיך, אז דעם און דעם אפיקורס האט מען געפיהרט צו זיין אייביקען גרוב, און אזוי פיעל „משחיתים" מלאכי חבלה זיינען ארויס אנטקעגען איהם, וויפיעל מינים משחיתים עם האבען איהם באגלייט.

און דעם „תלמיד חכם" און אויך דעם ריכטיגען עהרליכען אידען האבען אזוי פיעל צדיקים, און יריאים, אויך חסידים, עהרליכע אידען באגלייט און זיי האבען איהם כבוד געגעבען, אט אזוי פיעל גוטע מלאכים, וועלען ארויס קעגען איהם. הכלל עס ווענדעט זיך ווער די כבוד געבער זיינען און דאס קען זיין אין אמת. האט מען ביי שלמה געפרעגט: „שאלו לשלמה בן דוד איזהו בן עוה"ב ?" ווער זיינען די עולם הבא געניסער, אויב איך זאל זאגען, אז דער וואס קריגט א סך כבוד פון א סך לאדזשען פערד, מיט די סך מענשען, מיט די סך אויטאמאבילם, איז דאך שלעכט ? האט שלמה געענטפערט: איהר האט גאר ניט גערדארפט פרעגען. איהר קענט אליין פארשטעהן, אז עס ווענדעט זיך נאך די כבוד געבער, ווער זיי זיינען. „אמר להם, כל שכנגד זקיניו כבוד", האט ער זיי געזאגט, די אלע וועלכע זיינען גערעכט אנטקעגען זיינע „זקינים", די תלמידי חכמים, אדער סתם שעהנע אידען, ער איז געוועזען געשעצט פון זיי, און זיי גיבען איהם כבוד ביי זיין לעבען און ביי זיין טויט. —

אולת אדם תסלף דרכו ועל ה' יזעף לבו. (משלי)

א קאהלמאן האט ארייגעטראגען אין א דראג סטאר א זעקעל קוילען און ווען ער האט שוין צוגענומען די געלט, ארויסגעהענדיג, דערזעהט ער אין שפיגעל זיין געזיכט, האט ער געמיינט, אז דאס איז אן אנדער קוילמאן. געהט ער צו צום שפיגעל: דו יונגאטש, דו טרעמפ, דו לומפ, באד־יונג, ווי קומסטו דא. ער רעדט און אין שפיגעל רעדט יענער אויך. הייבט ער אויף די האנד און זאגט: דו טרעמפ, איך גיב דיר א קלאפ, ביזטו טויט. יענער הויבט אויך די האנט איז ער נאך מעהר אין כעס געווארען. וואס איז דאס? אזא חציף מחוצף. יענער אין שפיגעל דאס זעלבע מינע. איז צו־געלאפען דער דראגיס מאן: וואס שרייסטו דא אזוי, מיט וועמען קריגסטו זיך דא? מיסטער דרוגיסמאן, אז איך טראג אייך שוין קוילען און אייז פאר א צייט פון אכט יאהר, ווי קומט דער טרעמפ אהער. און ווייזענדיג אין שפיגעל אויף זיך אליין. האט דער דראג־גיס מאן זיך זייער צולאכט. דאס האט איהם נאך מעהר פארדרא־סען. נעהמט ער זיין קולאט און דערלאנגט א זעץ אין שפיגעל און האט דעם שפיגעל צושמעטערט און זיין האנט געפעהרליך פאר־וואונדערט. איי, שרייט ער פון וועהטאג...

(עס איז לייכט צו פארשטעהן דעם נמשל אליין. ווי יעדער מענש פונקט ווי דער קוילמאן שלאגט זיך אליין.. און ווי ער קרימט זיך, אזוי שלאגט איהם אפ זיין אייגענער געשטאלט און זידעלט און שלאגט זיך אליין. „אולת אדם תסלף דרכו““ און נאכ־העד איז ער אין כעס נאך אויף השם יתברך שמו — „אולת אדם תסלף דרכו“ — דורך די נארישקייטען וואס דער מענש טהוט, ברייגגט ער אויף זיך אלע צרות און ווי ער פיהרט זיך אזוי שפי־געלט איהם אפ אין זיין לעבען אלע זיינע אייגענע טהאטען, און אז עס טרעפט איהם ניט קיין גוטעס, דאס שפיגעלט איהם אפ און דאס איז זיין געשטאלט און ער קלאפט זיך אליין. „ועל ד' יזעף לבו“ ער פרעגט נאך קשיות אויף גאט ווארום טהוט גאט אזוי — ודוק.

דרוש לציון

(דרוש כג)

מפני מה לא אמרה נו"ן באשרי, מפני שיש בה מפלת לשונאי ישראל, נפלה ולא תוסיף קום בתולת ישראל. במערבא מתרצי לה הכי, נפלה ולא תוסיף — קום בתולת ישראל. (ברכות)

דאס הייסט, ווארום איז קיין נון ניטא אין „אשרי", ווייל דער גאנצער אלף בית איז יא דא נאר דער נון ניט. ווייל עס איז מיט'ן נון פאראן א מפלה צו די „שונאי ישראל" (ער וויל ניט זאגען אויף אידען). וואס איז די מפלה „נפלה ולא תוסיף קום" זי איז געפאלען די „בתולת ישראל" און וועט ניט מעהר אויפשטעהן „חס ושלום". אין ארץ ישראל האט מען אזוי געלערענט, „נפלה ולא תוסיף" — זי איז געפאלען און וועט מעהר ניט פאלען. „קום בתולת ישראל", שטעה אויף בתולת ישראל.

איך האב אמאהל געהערט, מען האט עס דערצעהלט בשם הגאון האמיתי ר' מאיר ליבוש מלבים זצ"ל — ער איז געזעסען אין בית המדרש, ווען עס זיינען אריינגעקומען צוויי אינגלאך. איינער צוועלף יאהר אלט און איינער דרייצעהן. זאגט דער צוועלף יאהריגער: איך וועט זיך מיט דיר, אז איך, זאגאר איך בין אינ־גער פאר דיר. וועל איך דיר ווארפען דריי מאהל און דו מיר קיין איין מאהל ניט. זיי האבען זיך געוועט. דער מלבים האט עס גע־הערט און געקוקט וואס עס וועט זיין. דער צוועלף יעהריגער אינ־געל האט זיך א נעהם געטהאן און געווארפען און אויפגעהויבען און געווארפען און טאקע דריי מאהל...

דער דרייצעהן יעהריגער אינגעל ליגט. פרעגט איהם דער וואס האט איהם געווארפען ווארום ליגסטו? פאר וואס הייבסטו זיך ניט אויף? זאגט ער ווארום הייבסטו מיך ניט אויף? ווארום האסטו מיך יענע צוויי מאל אויפגעהויבען, און איצט, ווילסטו איך זאל זיך אליין אויפהויבען?

האט זיך צולאכט דער אינגעל. „שוטה" דו, אז איך האב דיך געדארפט ווארפען דריי מאהל האב איך דיך געמוזט צוויי מאהל אויפהייבען פון פלאר, ווייל איך דארף געווינען דעם וועט, אבער אז איך האב געוואונען וועל איך דיר הייבען. הייב זיך אליין אויף. אויב דיר איז שווער וועל איך דיר העלפען, אבער הייבען אליין וועל איך דיר ניט.

ווי דער מלבים האט דאס צוגעזעהן האט ער געזאגט, דאס מיינט דער געדאנק וואס מען האט פארענטפערט אין ארץ ישראל, „נפלה" אז זי איז געפאלען „ולא תוסיף" זי דארף מעהר ניט פאל־לען, טא „קום בתולת ישראל", שטעה אליין אויף דו „בתולת ישראל". אז גאט האט אונז אריינגעווארפען אין „מצרים" האט ער אונז געמוזט אויפהויבען, ווייל ער האט אונז נאך געדארפט ווארפען אין בבל, פון בבל האט ער אונז כמעט ווייטער געהויבען דורך זיינע גרויסע מענשען כורש, עזרא, נחמיה, ווייל ער האט אונז געדארפט ווארפען אין גלות אדום, דעם לעצטען גלות. אבער אז דאס איז דער לעצטער פאל... „נפלה ולא תוסיף", זי איז גע־פאלען און מעהר דארף זי ניט פאלען. טא „קום בתילת ישראל", שטעה אליין אויף. איך וועל דיר העלפען אבער הייב אן צו טהאן עפעס פאר דיין הייליגעם לאנד. הייב זיך אן ריהרען, טרייען אויפ־הויבען זיך, בילדע דיין לאנד, באזעץ דיין אלטע היימאט מיט דיינע ברידער, גיב געלט צו בויען דיין לאנד, הייב זיך אן ריהרען, אפשאקלען פון זיך די שטויב פון דיין צוויי טויזענד יאהריגען גלות, דאן וועל איך שיקען מיין הילף אויך צו דיר, אז דו ליגסט און דו ווילסט גאר ניט אנהייבען צו טהאן עפעס, אויפצוהויבען זיך, טא ליג, וואס זאל איך פאר דיר טהאן, אז דו ווילסט ניט אויפשטעהן. שטעה אויף מיין פאלק און איך וועל דיר העלפען.

ניט ווייט פון וואלאזשין, אויף א פארם האט געוואהנט א איד מיט זיין פארהייראטען זוהן צוזאמען.ביידע גרויסע „אביונים“. זייער פרנסה איז געווען פון צוזאמען קויפען פעלכלאך פון די ארומיגע פויערים און פיהרען אין שטאדט פארקויפען. זיי פלעגען איינשפאנען דעם פערדעל און פאהרען אין שטעדטעל וואלאזשין פארקויפען זייערע וואַרע. ווינטער איבערהויפט איז געווען זייער ביזי צייט אבער אין די גרויסע פרעסט פלעגען זיי ביידע פיהרען.

אין דער אמת'ען האבען זיי געהאט א פעלץ א גוטען, אבער נאר איינעם. קויפען נאך איינעם האבען זיי ניט געקענט, פלעגען זיי מיטנעהמען דעם פעלץ, אבער אנטהאן פלעגט ניט דער זוהן, ניט דער טאטע. דער זוהן פלעגט זאגען: טאטע, דו ביסט אן אלטער מאן, דו דארפסט דעם פעלץ אנטהאן. איך, יונגער מאן דארף ניט קיין פעלץ. דער טאטע פלעגט זאגען: ניין, מיין זוהן, מיט מיר איז קיין זארג ניט. וואס קען שוין זיין, מישטיינס געזאגט. אבער דו ביסט א יונגער מאן, האסט קלייניקע קינדערלעך, דאן דארפסטו זיך היטען. איך דארף ניט קיין פעלץ. אט אזוי פלעגען זיי איינע צו די אנדערע זאגען — איך דארף ניט דעם פעלץ און דער אנדערער פלעגט זאגען: איך דארף ניט דעם פעלץ. פלעגט קיינער ניט אנטהאן. דערווייל פלעגען זיי מיטנעהמען און דער פעלץ פלעגט ליגען אין וואגען...

איינמאהל אין א גרויסען פראסט און דער פעלץ ליגט אין וואגען און קיינער פון זיי טהוט ניט אן דעם פעלץ. און זיי האבען שוין געזעהען דאס שטעדטעל וואלאזשין ניט ווייט. זאגט דער פאטער צום זוהן: איינמאהל פאר אלע מאהל מוז זיין אן ענדע צו אונזער דעבאטע. מיר קומען איצט אריין אין וואלאזשין, וועלען מיר אריינגעהן און פרעגען ביי דעם צדיק און גאון ר' איצעלע ווער פון אונז ביידען דארף אנטהאן דעם פעלץ.

זיי שטעהען שוין ביי דעם גאון און דער טאטע זאגט: רבי, מיר האבען איין פעלץ און איך דארף ניט דעם פעלץ. מישטיינס געזאגט, אן אלטער מאן, וואס קען זיין... נאר מיין זוהן, א בעל

מטופל מיט קליינע קינדערלעך. א ריזיקע ער זאָל זיך ניט צוקיה־לען. ער דאַרף דעם פּעלץ. — דער זוהן זאָגט: רבי, איך דאַרף ניט דעם פּעלץ. איך בין אַ יונגער מאַן. איך לויף אַרוים פון וואַגען און לויף אַביסעל, ווערט מיר וואַרים. אַבער דער טאַטע דאַרף דעם פּעלץ. אַן אַלטער מאַן איז מעהר איין געפאַהר ווי אַ יונגער מאַן. ער דאַרף דעם פּעלץ.

דער גאון און צדיק „וחכם" האָט אויסגעהערט זייערע טענות, זאָגט ער, איצט געהט אין שטעדטעל און קומט אין פינף שטונדען אַרום, און איהר זאָלט טענה'ן פונקט פאַרקעהרט, דאַן וועל איך אייך זאָגען. אַבער הערט, פונקט פאַרקעהרט זאָלט איהר טענה'ען. זיי האָבען ניט פאַרשטאַנען, וואָס הייסט פונקט פאַרקעהרט זאָלען זיי טענה'ען.

איז דער פאָטער מיט'ן זוהן אַריין אין „בית המדרש" און דערצעהלט צו אַ דיין און איהם געזאָגט די גאַנצע געשיכטע און דערצעהלט וואָס דער רב האָט זיי געזאָגט. האָט ער זיי דער־קלעהרט וואָס דער רב מיינט. אַט אַזוי זאָלט איהר טענה'ען.

זיי זיינען אַריין צום רב, זאָגט ער צו זיי, יעצט זאָגט מיר וואָס איהר ווילט? רבי! זאָגט דער טאַטע, מיר האָבען נאָר איין פּעלץ און איך בין אַן אַלטער פאַרפראָרענער מענש און דאַרף דעם פּעלץ, אַבער דער זוהן דאַרף אויך. ווייס איך ניט ווער עס דאַרף דעם פּעלץ, רבי! זאָגט דער זוהן: מיר האָבען נאָר איין פּעלץ און איך בין זעהר פאַרפראָרען. איך דאַרף דעם פּעלץ, ווייל איך בין זעהר קאַלט. אַבער וואָס זאָל איך טהאָן, דער טאַטע דאַרף אויך דעם פּעלץ, פערלאָזען מיר זיך אויף אייך, וואָס איהר וועט זאָגען אַזוי וועלען מיר טהאָן.

אַט אַזוי, זאָגט ר' איצעלע צו זיי. איצט ווייס איך וואָס צו טהאָן. אַז פריהער האָט איהר גע'טענה'עט אַזוי. דער טאַטע זאָגט: ער דאַרף ניט. דער זוהן זאָגט: ער דאַרף ניט. טאָ וואָס האָב איך געקענט אייך טהאָן, אַז איהר ביידע דאַרפט ניט דעם פּעלץ. איז ביי אייך איבעריג אַ פּעלץ, וואָס זאָל איך טהאָן, צונעהמען פון אייך?

אבער איצט, אז דער טאטע דארף דעם פעלץ און דער זוהן דארפט אויך דעם פעלץ, דארפט איהר דאך ביידע, נאר וואס איז איצט שלעכט וואס איהר האט נאר איין פעלץ. פעהלט עס אייך א פעלץ, נאט אייך צוואנציג רובעל און קויפט נאך א פעלץ...

דער נמשל איז, רבותי, דער יונגער דור שרייען צו די אל־טע, אין גרונד, וואס דארפען מיר „ארץ ישראל". פעהלט אונז דען אין אמעריקא? נאר איהר, פרומע אידען, דארפט „ארץ ישראל" אבער ניט מיר, צום סוף, טהוט איהר אלטע גאר ניט פאר ארץ ישראל, עס זאל אייך ווארימער זיין אין ארץ זבת חלב ודבש. זאגען די אלטע. מיר דארפען ניט ארץ ישראל. מיר זיינען שוין אפגעלעבטע, מישטיינס געזאגט. ווע ר דארף „ארץ ישראל". איהר יונגע, איהר דארפט נאך לעבען א צייט, איהר דארפט, אבער ניט מיר. פון אזעלכע טענות זעהט זיך ארויס, אז ביידע דארפען ניט, האבען ארץ ישראל...

אבער אז דער טאטע דער אלטער וועט זאגען איך דארף, און דער זוהן וועט שרייען איך דארף, טא וואס פעהלט אייך, אז דאר־פען דארפט איהר ביידע, וועט גאט זאגען: נאט אייך די לאנד. אויף פיעלע זאכען איז גוט צוצוגלייכען דעם משל.

ר' אייזעלע חריף זצ"ל, איז געפאהרען מיט א „בעל עגלה", וועלכער איז געוועזען אן עם הארץ גמור און וואס ר' אייזעלע האט איהם געבעטען האט ער ניט געפאלגט. רבי, איך וויל אייך פרעגען עפעס. איך האב געהערט, אז עס מוז זיין צוויי „משיח'ן". צו וואס דארפען מיר האבען צוויי? ענטפערט איהם דער גאון און צדיק איין משיח זאל אונז ארויסנעהמען פון גלות און איין משיח זאל אונז ארויסנעהמען פון די בעלי עגלות...

עס האט פאסירט, ווען ר' העשעלע איז געווען א קינד. איז ער געוועזען א גרויסער שטיפער. אין יענע צייטען איז אין זיין שטאדט געוועזען אן ארימע אידענע, וועלכע איז געגאנגען אין שוהל אלע בייטאג מתפלל זיין, אז גאט זאל איהר געבען פרנסה. דער אינגעל האט איהר אפגעהיט איינמאהל און איז ארויפגע־קראכען אין דער הויך און ווי זי רעדט אזוי צו גאט, גיב מיר פרנסה און קיינער איז אין שוהל ניט געווען, האט ער אנגעהויבען שרייען מיט א גרויס דיקע שטימע פון אויבען: ווער א דאקטאר־קע, און זי האט געמיינט, אז גאט האט עס מיט איהר גערעדט. זאגט זי רבש"ע: ווי קען ווערען א דאקטארקע. איך ווייס דאך קיין רפואות ניט. ענטפערט די שטימע: דו גיי אהיים, נעהם ציגעל און צושטויס, נעהם א ציגעל א צושטויסענעם, גיס אריין אן עמער וואסער און צומיש גוט און נאכהער זאלסטו דאס גוט סטאלירען און דאן זאלסטו יעדען קראנקען איינגעבען אלע שטונ־דע א לעפעל וואסער. זיי וועלען געזונט ווערען. אבער אז דו וועסט אויסזאגען וועמען, אז גאט האט גערעדט מיט דיר וועסטו די אין דער זעלבער מינוט שטארבען.

גראדע איז אין דער צייט, אין דער זעלבער גאס געווען א קראנקער קינד, וועלכען מען האט אפגעזאגט דאס לעבען, איז זי אריין און געזאגט זיי אז איהר האט דאך ניט וואס אנצואווערען. לאזט מיר איהם געבען מיינע רפואות. מיט דריי לעפעלעך איז דער קינד בעסער און בעסער געווארען, ביז ער איז אין גאנצען געזונט געווארען. אט אזוי איינע פון די אנדערע. אין צייט פון פינף יאהר איז די פרוי רייך געווארען און אז מען האט געדארפט צו איהר אנקומען האט מען געדארפט שיקען א קערעדזש, רייך געשפאנט, און רייכע האבען געדארפט צאהלען פינף און צוואנ־ציג טאלער א וויזיט. (ווייל דער העשעלע דארף אויסוואקסען דער

גרויסער צדיק און גאון, איז זיין שטיפעריי אפילו מקוים געווא־רען...)

דער העשעלע איז אוועק דאן די זעלבע וואך אין א גרויסער ישיבה און אין דער ישיבה איז ער געווען זעקס יאהר און ער איז ארויס געקומען דער גרויסער גאון און צדיק — אבער א חולה מסוכן. עס האט איהם געריסען א מכה אין האלז, וואס דערפון איז ער געווען אפגעזאגט פון די גרעסטע פראפעסארען. איז די שמחה אין הויז פון זיין קומען געווען א צושטערטע, א פאר־טרויערטע, און תפלות ובקשות איז גענוג געמאכט געווארען. אויף מארגען, אז די דאקטוירים האבען זיך בעראטהען ווענען איהם, האבען זיי אויסגעפונען, אז אלעם העכסטען קען ער לעבען נאך איין טאג. ער איז דערשטיקט ווערען. האט זיך דער פאטער דער־מאנט אן דער אידענע, די וועלכע איז איצט אין איין אנדער שטאדט. לויפט ער אריין מיט שמחה און זאגט: איך נעהם א קערעדזש און לויף צו דער אידענע ברענגען, וואס אידענע פרעגט ער? ווען אידענע? האבען זיי איהם דערצעהלט פון יענע און יענע צייט איז זי פלוצלונג געווארען א דאקטארקע. האט ער זיך דער־מאנט און האט געשמייכעלט. אין צייט פון דריי שטונדען לויפט אריין דער פאטער און זאגט: קינדערלעך, מאכט פלאץ, קערט, פוצט די הויז, די אידענע, די דאקטארקע פארט. אז ער האט דאס געהערט איז ער ארויס מיט א געלעכטער (פון וועמען מען מאכט אזא פאראד), און ער האט אזוי שטארק געלאכט, אז עס האט גע־פלאצט די מכה אין האלז... פארשטעהט מען, אז ער איז שוין ארויס פון געפאהר און ער איז געזונט געווארען. שרייבט ער אליין ווי דער רבש"ע האט איהם באשאפען די רפואה פאר דער מכה...

א מוסר השכל קען מען פון דער געשיכטע לערנען ווי אונזער באשאפער, גרייט אן די רפואה בעפאר די מכה.

בשוב ה' את שיבת ציון היינו כחולמים. אז ימלא שחוק
פינו ולשוננו רנה. אז יאמרו בגוים הגדיל ה' לעשות עם
אלה. הגדיל ה' לעשות עמנו היינו שמחים. (תהלים)

דאס אידישע פאלק, וואס וואנדערט שוין ארום פאר די לעצטע גענויע צוויי טויזענד יאהר און אומעטום ווי ער קומט איז ער ווי א שטיף קינד געראכענט. אנדערע פעלקער איז איהם אפילו גוט, אבער אז ער זאל גוט ארומקוקען איז עס נאר, ווייל ער האט א גוטע שטיף מאמע, אבער א שטיף קינד איז ער... מיר זאגען אפילו שבת צו מנחה, „ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ", וואס דאס קומט אויס, ווי מיר זעהען יעצט אויס אין פינסטערען גלות. „ומי" און ווער איז נאך „כעמך" ווי דיין פאלק „ישראל בארץ", טיעף אין דער ערד „בארץ" באגראבען, אבער באגראבען טיעף, טיעף. „אתה בחרתנו" זיינען מיר אמת. מיר לייקענען ניט אז מיר זיינען דאס, אבער אויסזעהן זעהט עס אויס, אז מיר קענען זאגען „אתה בייקארטאנו" דו בייקערסט די ביינער אונז „מכל העמים" מעהר פון אלע פעלקער.

אבער באטראכטענדיג פארקערט, אז דאס אליין וואס מיר זיינען טיעף אין דער ערד, און וואס טיעפער מיר זיינען באגראבען איז אלץ גרעסער די ישועה וועט זיין, אלץ העכער וועלען מיר שטייגען אזוי הויך, אז העכער קען ניט זיין. אין איינינגע פאנטאזיעס באמערקט עס מיט קאפ וועט איהר זעהן.

אז א מענש, וואס האט אין זיין לעבען גאר ניט פארמאגט און ער האט זיך אימער געפלאגט און געלעבט בצער און דחקות. דערביי וואהנט א גביר דער וועלכער האט אין זיין לעבען קיין שלעכטען טאג ניט געהאט און אימער, אימער גוט, גוט וואס גוט הייסט... יעצט לאמיר זעהען, אז דעם ארימאן, וואס איך האב דא דערמאנט האט א לאטערי צעטעל, און דער גביר, זיין שכן, און ביידע האבען געוואונען צו צעהן טויזענט דאלאר. דער ארימאן

און דער גביר, הייסט עס, ביי דעם העכסטען. א גליק וואס עס קען גאר ניט זיין אין פארשטעלונג מעגליך. ער רופט זיך איצט א גליקליכער וואס זיין גלייכען איז ניטא. דאגעגען זיין שכן... ביי איהם איז דאס א קליינע שמחה זייער א קליינע, איהם טרעפט אפט אזעלכע גליקען פון זיין ביזנעס אין איין טאג קויפט ער ווארע און פארקויפט אויף פראפיט פון צעהן טויזענט דאלאר.

יעצט לאמיר זיך פארשטעלען, אז דער אומגליקליכער ארימאן האט נעקריגען א ירושה פון צעהן מיליאן דאלער, און ער איז איצט דער רייכסטער פון דעם גאנצען געגענד, ער פערמאגט יעצט הונדערט מאל אזוי פיעל ווי דער גביר, זיין שכן. און ווען זיין שכן דער גביר וואלט בעקומען אזא פערמעגען, וואלט ער זיך אויך געשעצט גליקליך, וואס גליקליכער קען ניט זיין. טא ווי איז שוין דער ארימאן גליקליך. וואס מעהר ער איז געווען נידעריג, וואס קלענער און ענגער זיין וואהנונג איז געווען, אלץ גרעסער און גרעסער איז יעצט זיין רחבות. יעצט פיהלט ער זיין גרויסקייט, וואס קיין מיליאנער אין דער וועלט איז צו איהם ניט גלייך. יעצט נאך מעהר, אין דער פאנטאזיע, אז דער ארימאן האט געקריגען א ירושה פון פינף הונדערט מיליאן דאלער, און ער איז דער גרעסטער מיליאנער אויף דער וועלט, פערשטעהט אליין אין אייער געדאנק. ווי גרויס דאס איז, אז אלע עשירים פון דער וועלט זאגען, אז ווען זיי וואלטען בעקומען אזא רייכקייט, מיט אזא גוטס, וואלטען זיי זיך געשעצט גליקליך.

יעצט, זאלען מיר קומען צום פונקט, אז דער רבש"ע האט פאר אונז א ישועה אזא, וואס א מענש קען גאר וואכעדיגערהייד זיך קיין מאהל ניט פארשטעלען, אז איהם זאל זיין אזוי גוט. עס קען ניט זיין. נאר אין חלום קען טרעפען, אז ער האט געפונען טויזענד מיליאן דאלער, און אז מען מאכט איהם פאר א קייזער...

„בשוב ה' את שיבת ציון". ווען השם יתברך וועט געבען עס וועט קומען פלוצלונג די צייט, וואס ער וועט בויען ציון און מיר וועלען קומען צו אונזער גדולה, אזוי גרויס, אז מיר וועלען דיינ־קען אז „היינו כחולמים", מיר זיינען ווי אין א חלום. עס קען ניט

טרעפען אז אזעלכע ארימע, צו׳הרג׳עטע, צוקריפעלטע, גע׳רודפ׳טע, געיאגטע, געפלאגטע, גע׳שחט׳ענע, געפאגראמעטע, געברענטע, זאלען זיין אויפ׳ן וואהר אזוי גרויס, און אין אמת וועט עס זיין, און ווי וועלען מיר פיהלען און ווען וועלען מיר פערשטעהן אונזער גרויסע ישועה, אז „אז יאמרו בגוים״, מען וועט דאן זאגען ביי די גוים, די מלוכות, וואס זיי איז געווען גוט, וואס זיי האבען געהאט זייער רעכטע, וואס זיי האבען געהאט אלדאס גוטס, וועלען זיי זאגען, וואס פאר א מין ישועה, א מין גרויסקייט איז דאס געקומען אויף די ארימע אידעלעך, אז אפילו ווען גאט מאכט פאר אונז אזא גרויסקייט, וואלטען מיר זיך געשעצט גליקליך, מיר וואלטען געזונגען, געטאנצט, געשפילט. די אידעלעך האבען בעקומען די גרעסטע ישועה, וואס העכער קען שוין ניט זיין, פאר אונז וואלט עס אויך געווען הויך, וואס העכער קען ניט זיין. אזוי וועלען זיי זאגען, „הגדיל ה׳ לעשות עם אלה״, גאט האט געגרויסט צו טאן אזא גרויסקייט מיט דעם ארימען פאלק, אז אפילו „הגדיל ה׳ לעשות עמנו״, ווען גאט וואלט עס אזא גרויסקייט געטאן מיט אונז, אין „היינו שמחים״, וואלטען מיר זיך אויך געפרעהט. טא ווי דארפען זיי זיך שוין פרעהען. און מיר געפלאגטע, אז מיר וועלן קריגען די ישועה, און הערען פון די גבירים, אזעלכע ווי די אומות העולם, אזעלכע רייך, אז זיי וואלטען זיך געשעצט גליקליך. טא ווי גליקליך דארפען מיר זיך שוין שעצען...

די נידעריגקייט, וואס מעהר; „מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ״, טיעף אין דער ערד, דאס וועט מאכען גרעסער אונזער ישועה, די הילף וועט זיין גרויס, וואס א מענש קען זיך אין זיין פאנטאזיע ניט פארשטעלען. — אז איינער געהט בויען א הויז, איין שטאקיג הויז, דארף ער ניט גראבען טיעף אין דער ערד צו מאכען דעם פונדאמענט, ווייל אזא קליין הייזעלע קען שטעהן אויף א שוואכען פונדאמענט. אבער ווען איינער וויל שטעלען א זעקס שטאקיג הויז, דאן מוז ער לאזען טיעף גראבען אום צו מאכען א פעסטען פונדאמענט. זעלבסט פערשטענדליך, אז איינער געהט בויען א האטעל פון צוואנציג שטאק, און דעם האטעל וועט זיך

געפינען פיער טויזענד צימערען. א בלאק אויף א בלאק קוואדראט וועט דער בנין פערנעהמען. דאן נעהמט צייט אויפשטעלען דעם בנין, דער גראבען דעם פונדאמענט, דער צעמענטעווען, לייגען די ציגעל, מיט גראבע טרעקס. — וואס העכער דער בנין, אלץ נידע־ריגער מוז זיין געגראבען אין דער ערד, טיעפער, טיעפער. ישראל, מיין פאלק! גאט בויט פאר אונז אזא גרויסען פאלאץ, אזא גרויסען בית המקדש, אזא גרויסע ירושלים, אזא גרויסע ישועה, אזא גרוי־סע רייבקייט, אזא גרויסע מלוכה, אז ער בויט שוין דעם פונדא־מענט, שוין באלד צוויי טויזענד יאהר, און מיר ליגען טיעף אין דער ערד. אבער מיר מוזען וויסען, אז וואס טיעפער מיר ליגען אין דער ערד, אלץ גרעסער וועט דער בנין זיין, אמן.

משלים, ציצים ופרחים

רלו
היינטיגע חברה

היינטיגע חברה: ער רופט איהר „נשמה". — נאך דער חתונה פרעגט זי איהם: סטייטש, דו האסט דאך מיר גערופען „נשמה"? ער ענטפערט: יא! איך האב עס דאן געמיינט די „נשמה יתירה". (היינטיגע ליעבעס... אמאל זיינען ניט געווען קיין ליעבעס, היינט זיינען דא אזוי פיעל ליעבעס און אזוי פיעל עגונות, אזוי פיעל... אוי די פאלשע וועלטעלע!)

רלז
מר ממות

איינער האט געפרעגט ביי זיינעם א פריינד, וואס איז גראדע געווען א קלוגער: הער זיך איין, מיין פריינד, איך האב דאך מיין פרוי אין רוסלאנד. איך מוז דיר זאגען דעם אמת, דו קענסט דאך מיר, אז איך בין תם ושלום ניט קיין לויפער. איך מוז דיר זאגען, אז מיין אידענע איז די יענינע וואס שלמה האט געזאגט אויף איהר „ומוציא אני מר ממות את האשה". איך בין געלעגען אין דער ערד די עטליכע יאהר, וואס איך בין געווען מיר איהר צוזאמען. פשוט, נידעריג צו ערד בין איך געווען ביי איהר. ווייס איך ניט וואס איך זאל טהאן: ברייננען איהר אהער אדער ניט? דא אין אמעריקא זיינען דאך אפילו גוטע פרויען אויך געווארען שלאנגען.

מיין טהייערער פריינד, איך דיינק אז ניט, ווארום איך קען דאך איהר, דיין חיה'ן, — דארט הייסט זי חיה, אבער דא — ווערט זי דאך א מיסים, וועט גאר שלעכט זיין. ווייל מיר זאגען דאך, „עפר אני בחיי", ערד בין איך געווען מיט מיין חיה'ן, וועט

זי האט נאך געהייסען חיה... — „קל וחומר", א פשיטא שוין, „במיתתי", מיט מיין מיסים, אז מען וועט זי רופען „מיסים"...

רלח
דעם זעלבען נאמען

אז דער מאן איז א „פרא אדם", איז די פרוי א „פרה אדומה"...

רלט
משיח קען שוין קומען

די חכמים זאגען, „בעקבתא דמשיחא חוצפא יסגי", אז משיח וועט דארפען קומען, איז אין יענער צייט וועט זיין גרויס חוצפה. רבש"ע, משיח דארף שוין קומען צו פליהען מיט אן עראפלאן, שנעל, שנעל, ווייל עס איז שוין די חוצפה פאר צעהן משיחים.

רמ
יעקב און עשו

יעקב געהט און טהוט זיך אן אין עשו'ס קליידער, מען זאל מיינען אז ער איז עשו, אום אויסצונארען פון טאטען די ברכות. נעווים קיין עולה ניט. — אבער היינטיגע יעקב'ס טוהען זיך אן ווי עשו, אוועקצוגעבען די ברכות. דאס איז שוין גאר א גרויסע עולה.

רמא
א גוטע שותפות

די בעסטע שותפות מיט א אידען איז נאר „אנעים זמירות": א פסוק דיר, א פסוק מיר. טאמער כאפט דער חזן נאך איינעם — זאל איהם וואויל בעקומען.

רמב
א גרעסערען נס

צום „בעל נודע ביהודה" זצ"ל איז אריין א משוגענער, מיט א

האק אין האנד, און כאפט איהם שטארק פעסט און זאגט צו איהם: רבי, איהר זייט א גרויסער גאון און צדיק, אלזא וויל איך זעהן, אז גאט קען אייך היטען, און איהר דארפט געהיט ווערען צוליעב אייער גרויסקייט. אט בין איך געקומען מיט דער שארפער האק און איך וויל איהר זאלט שפרינגען דורך דעם פענסטער פון צווייטען שטאק, און בלייבען שטעהן, עס זאל אייך גאר ניט שאטען. און אויב איהר, רבי, פאלגט מיר ניט, מאך איך אייך באלד טויט אויפ'ן פלאץ. דער רב האט געזעהן, אז ער האט דא צו טהאן מיט א משוגענעם, און עס איז שלעכט, ווען ער זאל מאכען א געוואלד, קען ער איהם באלד טויטען, האט ער זיך ניט פערלארען און געזאגט צו איהם: געוויס, געוויס קען איך דאס טהאן, נאר צו וואס דארפסטו איך זאל טהאן אזא קלייניגקייט, שפרינגען פון אויבען אראפ, דאס קענען דאך א סך טהאן און בלייבען לעבען. איך וועל דיר ווייזען א גרעסערען קונץ, וואס קיין גבור אין דער וועלט קען עס ניט טהאן. אט ווארט דא און איך וועל אראב אונטען, און פון אונטען שפרינגען ארויף. דאס איז א גרעסערע קונץ. אה, זעהר גוט, זאגט דער משוגענער, געהט רבי, איך וועל דא ווארטען. ער איז געגאנגען און ארויפגעשיקט פאליציי און מען האט דעם משוגענעם גענומען פון אויבען אראב... (היינטיגע משוגעים, וואס רופען זיך „היינטיגע חכמים", זאגען, אז מען דארף נאר שפרינגען אראב... וואס עפעס ארויף, נאר אראב... אראב איז קיין קונץ ניט. דאס קען יעדער. עס איז מעהר קונץ צו שפרינגען ארויף, געהנטער צום הימעל...)

רמג

פורים און פעטריקס דעי

פורים און פעטריקס. ווען א איד שכור'ט זיך אן, זוכט ער אויף זיין גרעסטען שונא און מאכט מיט איהם שלום. ווען א גוי שכור'ט זיך אן, צוברעכט ער די ביינער זיין בעסטען גוטען פריינד. דאס איז דער חילוק צווישען פורים און פעטריקס דעי...

רמד

אליין שולדיג

מיר קענען ניט פאדערען קיין פּראָצעס פון דעם בוימעלע, ווײַל כען מיר האָבען אַליין אונטער. (די טאַטעס וואָס שיקען ניט די קינדער אין חדר און זוכען נאָר „תכלית“ מיט פערדינען פאר'ן קינד, וואָרום קרעכצען אַזי נאָכדעם...)

רמה

אַ רויטען גליק

מענשען וואָלטען אַנטלאָפען איינער פון דעם אַנדערען, ווען זיי וואָלטען זיך קענען דורכקוקען...

רמו

דאָס רוב צדקות

מאַכען בלומען וואַקסען אַרויס פון מיסט — מאַכען צדקות קומען פון גניבה, גזילה, רציחה, חלול שבת, חלול יום טוב א. ז. וו.

רמז

דער זיידע און אייניקעל

נאָר פון גאָט האָט געהאַלטען דער זיידע; דער זוהן האָלט נאָר פון לייט; דער אייניקעל האַלט ניט פון ביידע.

רמח

ער ליעבט די אָרימע

גאָט ליעבט די אָרימע לייט. אַ בעווייז — אַז ער האָט זיי אַזוי פיעל בעשאַפען...

רמט

דער פּאָליסמאַן אויך כשר

רבי (צום אינגעל): געדענק זשע, יונגאַטש, אַז די מינים וואָס זיינען „מעלה גרה“ זיינען כשר. ווייסטו שוין געדיינקען?

אינגעל (צום רבי'ן): אויף אזא אופן, איז דער פאליסמאן וואס שטעהט ביים קארנער און טהוט נאר קייען טשואינג גאם, איז ער אויך כשר?

רנ
דער שווערד, דער צונג

דער איינציגער שווערד, וואס ווערט שארפער וואס מעהר מען נוצט איהם, איז נאר דער צונג...

רנא
שלום בית

א קליינע מיידעלע, פון פיער יאהר, פארבלאנדזשעט אין סטרים. א פאליסמאן האט איהר געבראכט אין געריכט. דער ריכ־טער האט איהר געפרעגט איהר נאמען. עלע עלענשיין, זאגט די מיידעל. — דיין פאפא? עלענשטיין. דעם ערשטען נאמען האט זי ניט געוואוסט. די סטרים און נומער האט זי אויך ניט געוואוסט. פרעגט איהר דער ריכטער: זאג מיר, שעהנע קינד, ווי רופט דיין מאמא דעם פאפא, ווען זי דארף איהם עפעס זאגען, דו ווייסט? יא, ענטפערט די מיידעלע, — זי רופט איהם: סיי קלאג, אפטמאל, שלים־מזל, קום אהער! האט די מיידעלע גענומען נאכמאכען איהר מוטער. ער האט געהייסען ברענגען א דירעקטארי אויסצוגעפינען. (ווען די מאמע מיט'ן טאטען לעבען אין אזא וועג, פארבלאנדזשעט זייער קינד פונם וועג...)

רנב
דענקען און רעדען

גאט האט געגעבען במתנה צו דעם מענשען צוויי גוטע זאכען: דאס איז „דענקען" און קענען „רעדען". אזוי ווי דער מאן איז בעפאר בעשאפען געווארען, האט ער זיך גענומען דאס ערשטע צום דענקען. די פרוי איז שפעטער בעשאפען געווארען, האט זי זיך גענומען דאס צווייטע, די שפראך. — דערפאר רופט מען דאס

ערשטע בלשון זכר „דער געדאנק", און דאס צווייטע בלשון נקבה, „די שפראך".

רנג
דער מענש און דער פיש

א מענש איז געגליכען צו א פיש. ווען ביידע וואלטען גע־האלטען צוגעמאכט די מויל, וואלטען זיי ניט אריינגעפאלען אין צרות...

רנד
די מויל

מען קען זיך א פאר מאל מעהר איינשמוצען, אריינפאלענדיג אין א ליידיגע מויל, אלס אין א פולע גרוב בלאטע.

רנה
דער קאנטראקט

צוויי שותפים זיינען געקומען צו א רבי'ן, ער זאל מאכען א קאנטראקט צווישען זיי, וואס זאל זיי פערהיטען פון אלע גניבות. האט זיי דער רבי דערלאנגט א פאפיער מיט פיער אותיות: א'—ב'—ג'—ד'. פרעגען די שותפים דעם רבי'ן: היתכן? וואס איז דאס? ענטפערט זיי דער רבי: א' מאכט „אהבה", אז איהר וועט אייך ליעבען און ארבייטען צוזאמען מיט אהבה און עהרליכ־קייט: ב' — וועט זיין ביי „ברכה"; וועט איהר אבער זיך נעהמען צום ג' — דאס הייסט „גניבה", דאן וועט איהר בעקומען דעם ד' — דאס הייסט „דלות", ארימקייט. ביידע שותפים זיינען אוועק צופריעדען.

רנו
א גרויסער אונטערשיעד

עלטערען ליעבען קינדער און קינדער ליעבען עלטערען. ווי ווייט אבער אונז איז בעקאנט, איז שוין דער „על כן יעזב איש את

אביו ואת אמו" אנגעשריבען געווארען מיט טויזענדע יאהרען צוריק — און שוין מקוים געווארען פינקטליך, גאר פינקטליך. אבער „יעזב איש את בניו" טרעפט זעלטען.

רנז
אין א שוך

אין א שעהן געפוצטען שוך קען אמאל שטעקען א געפעהר־ליכער הינער־אויג — — — (אין א שעהנע גרויסע שוהל קען אמאל זיין אזעלכע דריקער...)

רנח
מיר זיינען שולדיג

פריץ (צו א אידען): פאר וואס ווען קריסטען געהן דורך בילט דער הונט ניט, נאר ווען איהר געהט דורך דעם הויף פאנגט דער הונד אן צו בילען?

איד: בעת אידען זיינען ארויס פון מצרים, האט אפילו א הונד ניט געוואגט צו בילען אויף זיי, דערפאר האט איהם גאט פערזארגט, אז אלע טריפות זאלען מיר פאר די הינד ארויסוואר־פען. איז אבער געווארען א מאדע אז מיר פערקויפען די טריפות צו אייך, נו זיינען די הינד אויף אונז אין כעס.

רנט
פון ווייטען איז אנדערש

אז דו פאהרסט אין וועג זעהסטו פון ווייטען גרויסע בערג. וואס נעהנטער — ווערען זיי קלענער, און צום סוף, קריכען גאנץ לייכט ארויף דעם בעל־העגלה'ס געפיינערטע פערדלעך.

באקען זיך ניט מיט גרויסע לייט, ווארום עס וועט דיר דאס איינענע געשעהן.

(אמעריקאנער שוהלען: ווען א שוהל נעמט אויף א רב, קלא־פען די צייטונגען, אז זיי האבען געקריגען א בארג, „סיני ועוקר

הרים". נאכהער, איז א האלב יאהר ארום, זיינען שוין אויף זיין קאפ ארויף די בעלי־העגלות... ודו"ק.)

רמ
עס קומט איהם א דאנק

„וגם חרבונה זכור לטוב". דאכט זיך, אז חרבונה האט מיט זיינע עטליכע ווערטער די אידען א גרויסע, גרויסע טובה געטהאן, אז דורך זיין עצה איז המן אויפגעהאנגען געווארען, טא ווארום זאל מען איהם טאקע ניט דערמאנען ריכטיג, נאר עפעס ווי פאר־בייגעהענדיג — „און אויך חרבונה זאל זיין דערמאנט צום גוטען" ?

דער תירוץ איז אזוי: ווען איינער איז געלאדען צו געהן אויף א חתונה און אז עס פעהלט איהם קליידער, געהט ער און לייעט קליידער ביי זיינעם א שכן. דארום ווען ער קומט פון דער חתונה און ער טראגט איהם אפ די קליידער, ברענגט ער איהם א שטי־קעל לעקער. די חכמים זאגען, אז דאס איז געווען „אליהו הנביא, אליהו התשבי", נאר ער האט זיך פערשטעלט פאר חרבונה, איז דאך דאס מעהר ניט געווען, וואס אליהו הנביא האט געליהען פון חרבונה זיין „בגד"... דארף מען איהם חרבונה'ן ניט לאדען אויף דער חתונה. נאר מען גיט איהם א שטיקעל פורים האמן־טאש. „וגם חרבונה זכור לטוב" פארבייגעהענדיג.

רמא
מעגסט הוסטען

א פאטער מיט א זוהן האבען צוזאמען גענומען א צימער. דער פאטער איז געווען א יאדישליוווער און פלעגט אפט הוסטען. איין אווענד האט ער זיך זעהר שטארק צוהוסט. האט די בעלת־הבית, וועלכע איז געשלאפען אין נעקסטען צימער, אנגעהויבען שרייען: איהר לאזט דאך גאר ניט שלאפען! איז דער זוהן גע־ווארען אין כעס און האט אויסגעשריען: סטייטש, וואס פאר א חוצפה דאס איז צו שרייען אויפ'ן טאטען! — טאטע, הער איהר ניט. הוסט, הוסט, טאטע, אפילו א גאנצע נאכט. דו האסט דערצו

די פולע רעכט. צאהלען מיר דען איהר ניט קיין רענט? הוסט, הוסט!

רסב

ווי איהם איז בעסער

אין נס פון פורים גלויבט ניט דער הייגטיגער. ער איז פון המנ'ס צד. אבער ביי דעם גלעזעל „משקה" פיהרט ער זיך אזוי ווי ער וואלט געווען פון מרדכי'ס צד.

רסג

עס איז צו גוט

אז אלטע באבע זיצט ביי א געווינעריז. די געווינעריז שרייט: אוי, באבינקע. עס איז שלעכט, אוי עס איז שלעכט! זאגט איהר די באבע: טעכטערל, מען טאר ניט זאגען עס איז שלעכט. מען מוז זאגען עס איז גוט. האט זי אנגעפאנגען שרייען: אוי, עס איז גוט! ביי א גבעסערען וועה, האט זי שטארקער געשריען: אוי, עס איז גוט! ווען זי איז אריינגעקומען אין די העכסטע וועה־טאגען, האט זי אנגעהויבען שרייען: באבינקע, עס איז צו גוט!... אוי, עס איז צו גוט!... (איך דענק, אז דעם אידען איז דאך פער־באטען, אויף אלע צרות, ניט צו זאגען עס איז שלעכט, נאר עס איז איהם גוט, עס איז שוין אזוי גוט, אז עס איז שוין צו גוט....)

רסד

ווי זאל ער טהאן

א פאטער האט געהאט צוויי פערהייראטהע טעכטער. איינע צו א פארמער, די צווייטע צו א טעפער. דער פאטער האט אמאל בעזוכט זיינע טעכטער. פריהער איז געווען ביים פארמער. — ווי געהט עס דיר טאכטער? — פרעגט ער. — פאפא, עס וואלט זיין ניט שלעכט, נאר בעט גאט ער זאל געבען א ביסעלע רעגען... דעם זעלבען טאג האט ער בעזוכט די טעפערקע. — ווי געהט עס דיר, טאכטער? — פאפא, עס וואלט גאר ניט שלעכט זיין, ווען דו

וואלסט בעטען אויף אביסעל מעהר שענעם וועטער, די טעפּ זאלען זיך טריקענען...

אך! האט דער פאטער זיך אבגעזיפצט. אז דו ווילסט פיינע וועטער, פערלאנגט דיין שוועסטער רעגען. טא וואס זאל איך שוין בעסער בעטען?

יחזקאל דער מילך־מאן מאכט א לעבען דורך גאנץ שווערע ארבייט. קומט ירמיה און נעהמט א סטאר גראדע אנטקעגען יחזקאל'ען. דעם יחזקאל'ען איז שוואכער געווארען ביזנעס. און יעדער פון זיי בעט ביים טאטען אין הימעל, א לייכטען גרינגען טויט, איינער אויף דעם אנדערען.

ווען אונזער טאטע אין הימעל זאל אויסהערען און אויספאלגען אלע תפילות, וואלט רייך געווארען די סעמעטערי און די הייזער וואלטען געווען פּוסט. ער מאכט זיך אבער ניט וויסענדיג און די נארישע געבעטען פליהען ארום אין דער לופטען.

רסה

זי טהוט נאך ערגער

זאג נאר דזשייק, שמייסט דיך ווען די מאמע? — אה, זאגט דזשייק, זי טהוט נאך ערגער ווי שמייסען, זי וואשט מיר דעם פּנים אויך...

רסו

א גוטע שוהלע, אבער...

ערפאהרענהייט איז א גוטע שוהלע. אבער דער לערנען קאסט צו טהייער...

רסז

אלע בלאען

דער בעקער: — ווייסטו, איך האב איבערגעוואויגען די פינף פונט פלייש, האט געפעהלט א האלב פונט. א שעהנער בוטשער ביזטו...

דער בטשער: — וואס רעדסטו? מיין וואג איז גראדע צו־בראכען, האב איך דאס פלייש געוואוינען קעגען דיין פינף פונטי־גען לעבעל ברויט...

רסח
שווער צו דערקענען

עס איז שווער צו דערקענען דעם רייכען, אויב ער איז א קלוגער אדער א נאר, ביז ער ווערט ארעם.

רסט
א קלוגער רב

מען האט געפרעגט א קלוגען רב: עס שטעהט דאך „אל תרבה שיחה עם האשה“, טא וואס רעדט איהר מיט ווייבער?

האט דער רב געענטפערט: עס איז בעסער צו ריידען מיט ווייבער און טראכטען וועגען גאט, איידער צו ריידען וועגען גאט, אדער מיט גאט, און טראכטען פון ווייבער...

רע
בריליאנטען

בריליאנטען זיינען די לעצטע זאכען וואס מען שאפט זיך איין און די ערשטע וואס מען פערקויפט.

רעא
די פראסטע זיינען וויכטיגער

לואי דער צוועלפטער, קייזער פון פראנקרייך, האט זיינער א גענעראל זעהר פראסט בעהאנדעלט די פראסטע פויערים. דעם קעניג האט דאס פערדראסען. האט דער קעניג געארדערט זיינע בעדיענער, אז ווען זיי וועלען געבען עסען דעם און דעם גענעראל, זאלען זיי איהם קיינמאהל ניט געבען קיין ברויט צום עסען. אלע מאכלים זאל ער עסען, נאר ניט קיין ברויט... עס איז אוועק א האלב יאהר, דער גענעראל האט שוין קיין כח ניט געהאט צו שטעהן אויף די

פּיס. האָט ער שוין מעהר ניט געקענט אויסהאַלטען, און איז אַריין צום קעניג פרעגען, ווארום האָט ער אַזוי באַפויהלען די בעדיענער, אַז מען זאָל איהם קיין ברויט ניט געבען ?

זאָגט דער קעניג צו איהם: יעצט וועט דער גענעראַל מוזען צוגעבען, אַז מען דאַרף בעסער בעהאַנדלען די יעניגע וועלכע גיבען אונז ברויט, און זיי אַרבייטען דערפאַר שווער און ביטער. דער גענעראַל האָט ערשט יעצט פערשטאַנען, וואָס דער קייזער האָט געמיינט, און ער האָט פון יעצט אַן און ווייטער גוט בעהאַנדעלט די פּראָסטע פויערים.

(אַ גוטער מוסר פאַר אונזערע געלערענטע אויך. אָפט מאָהל טרעפט, אַז אַ גאון, אַ גדול שטאַלצירט אומנאַטירליך קעגען דעם פּראָסטען, אַזוי ווי ער, דער פראָסטער מענש, וואָלט גאָר קיין מענש ניט געווען, נאָר ווי אַ בהמה, להבדיל. און פון זיך אַליין בלאָזען זיי: עפּעס אַ קלייניגקייט! ווער ביז איך, וואָס בין איך! און איז זייערע אויגען זעהען אַלע אַנדערע מנשען אויס „כחגבים“. אַה, מיינע גרויסע! דער קייזער אונזערער, דער הימלישער קעניג קען ניט אויסקומען מיט בלויז גענעראַלען. ווען עס וואָלט אַזוי געווען, וואָלטען זיי ניט געקענט עקזיסטירען אויף דער וועלט. ווער וואָלט זיי, אונזערע גרויסע, געגעבען ברויט, ווען ניט די פּראָסטע ?)

רעב
לעב ריכטיג

לעב ריכטיג, ווי דו וואָלסט יעדען טאָג קענען שטאַרבען. אַרבייט ריכטיג, ווי דו וואָלסט קענען אייביג לעבען.

רעג
אַ גוטער גבאי

אין אַ דייטשע שטעטעל האָט מען גע׳מסר׳ט פאַר׳ן גבאי, אַז זייער רב פאַהרט אום שבת. — אויב אַזוי, זאָגט דער גבאי, דאַרף מען איהם העכערען די שכירות. עס איז דאָך איהם צוגעקומען נייע אויסגאַבען.

די בימה

גאנצע רעדעס אויף יעדען שבת

פון יעדער פרשה, פונקט ווי עס איז גערעדט
געוואָרען פון דעם מחבר אליין, מאמרים,
משלים, אפילו די „שיחת חולין".

יעדער ספר — אַ רעדע

נאָך דעם דרוש קומען משלים, ציצים ופרחים

פון דעם מחבר הרב הדרשן והמטיף המפורסם

יהודה ליב לאזעראָוו

מחבר פון דברי יהודה, דגל יהודה, קול יהודה,
מטה יהודה, בית יהודה, אידישען רעדנער, ועוד.

חוברות:

ל"ג, ל"ד, ל"ה, ל"ו, ל"ז,ל"ח,ל"ט,מ',מ"א,מ"ב

RABBI L. LAZEROW

1541—78th Street, Brooklyn, N. Y.

ניו־יורק — תרפ"ה

פרשה במדבר.

(דרוש א׳).

וידבר ד׳ אל משה במדבר סיני. למה במדבר סיני?
מכאן שנו חכמים, בשלשה דברים ניתנה תורה,
באש, במים, במדבר. באש מנין? והר סיני
עשן כולו, ובמים מנין? גם העבים
נטפו מים. ובמדבר מנין? וידבר
ד׳ אל משה במדבר סיני.

יעדעס פאָלק וואָס האָט עקזיסטירט מיט די הונדערטע אָדער טויזענדע יאָהרען צוריק, אָדער די וועלכע עקזיסטירען יעצט, האָט יעדעס פאָלק געגעבען אַ קאָנסטיטוציאָן ווי צו לעבען, ווי צו פיהרען זיך וואָס עס אָנבאלאַנגט פון מענש צו מענש, און וואָס אָנבעלאַנגט צו רעליגיאָן.

ווען אָבער האָבען זיי געמאַכט די קאָנסטיטוציאָן? זיי האָבען דאָס ערשט געמאַכט, ווען זיי האָבען זיך באַזעצט אויף אַ לאַנד און עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרען אַ קעניגרייך און יעדער אונ־טערטאַן האָט זיך באַזעצט אויף זיין לאַנד.

און ווי מיר ווייסען פון דער וועלט־היסטאָריע, אַז ווי נאָר אַ שטאַרקע מאַכט האָט זיי באַזיעגט, פאַרטריבען אין גלות, ווי נאָר זיי האָבען זייער לאַנד ניט מעהר געהאַט, דאַן האָבען זיי אוועק־געוואָרפען ניט בלויז די קאָנסטיטוציע זייערע, נאָר אויך אפילו זייער גאָט — ווייל יעדע קאָנסטיטוציאָן וואָס מענשען האָבען גע־געבען, איז אַזוי ווי דער מענש איז ניט קיין אייביגקייט ,אַזוי איז אויך זיין לעהרע ניט קיין אייביגקייט. די קאָנסטיטוציאָן איז אויס־געאַרבייט געוואָרען ערשט דאַן, ווען זיי האָבען געהאַט אַ לאַנד און

א קעניגרייך און ווי נור זיי פארלירען עס, איז ניטא מעהר קיין זכר פון זייער תורה, פון זייער גאט. „בעטו באלהיהם ובמלכם וגו׳״, ווייל ווען דאס איז נעגעבען געווארען צו זיי, האבען זיי זייערע אלע קערפערליכע פארגעניגענס געהאט, אבער אז עס קומט א גרעסערע מאכט און רואינירט זיי, אוים לאנד, אוים קעניג, איז אויך אוים מיט זייער תורה און רעליגיאן. קערפערליכע ארבייט קען אייביג ניט עקזיסטירען.

דאס גענענזאץ איז מיט ישראל. ווען האט ישראל ערהאלטען די גרויסע קאנסטיטוציאן, זייער תורה? אין דער צייט ווען ער איז געגאנגען איבער די קניע אין דעם הייסען מדבר־זאמד. קיין קעניגרייך, קיין לאנד, מען געהט און מען ווייסט ניט וואו; מען שטעהט און מען ווייסט ניט ווי לאנג, און דארטען גיט מען זיי תרי״ג מצוות, און נעהמען זיך אן מיט א נעשה ונשמע, אלע צוזאמען, מיט איין הארץ, מיט איין מחשבה, „כל אשר דבר ד׳ נעשה ונשמע״.

קומט „חכמים״ אהער, היינטיגע יום־כפור־באלניקעס! איהר זאגט אז משה רבינו האט ניט גערעדט מיט גאט ב״ה, און ער האט קיין תורה ניט גענומען פון גאט, נאר ער האט דאס אלעס אויסגע־טראכט פון זיך, זאגט מיר, חכמים, וואלט אירגענד װעלכע פאלק דאס אנגענומען, וואלטען די אידען דאס אנגענומען? פאר וואס האבען זיי עס נעדארפט, נאך האבען אזא שווערע לאסט אויף זיך ארויפציהען, נאך זייענדיג אין אזא וויסטעניש, אין אזא געגענד וואו קיין „ילוד־אשה״ קען ניט עקזיסטירען, אין „מדבר שממה״, איך דענק אז יעדער איינער קען פארשטעהן, דאס עס איז ניט מעגליך געווען אזא זאך. אט דאס איז דער גרעסטער באווייז, אז די תורה איז מן השמים.

און ווען עס וואלט ניט געווען ח״ו א געטליכע זאך, וואלטען אידען שוין לאנג אוועקגעשיקט די תורה צוריק אויף דעם בארג סיני, ווייל אלע האסען אונז צוליעב אונזער תורה, אלע רדיפות וואס מיר האבען געהאט ביז יעצט איז נור צוליעב דער תורה. מיליאנען אידען זיינען שוין אומגעקומען צוליעב דער תורה. אלע

פעלקער האָבען איהר געוואָלט פאַרניכטען, און דאָך זיינען מיר דורך די טויזענדע יאָהרען לעבען געבליבען און פון דער תורה איז ניט געמינערט געוואָרען אפילו איין פינטעלע. איהר ווייסט וויפיעל מאָל מען האָט געברענט די תורה מיט דעם אידען! ישראל לעבט, די תורה איז גאַנץ! נו, איז דאָס ניט מן השמים?

די תורה איז געגעבען „במדבר סיני". אָט דאָס איז דער באַווייז און אַ גענוג שטאַרקען באַווייז, אַז די תורה איז מן השמים. „בג' דברים ניתנה תורה", „באש", „במים", „במדבר" — מיט פייער, אַז קיין פייער האָט איהר ניט פאַרברענט, קיין פייער האָט דעם אידען ניט פאַרניכטעט, קיין וואַסער האָט ניט געקענט דעם אידען דער־טרינקען, און „במדבר", אין דעם „מדבר שממה", אָהן אַ לאַנד, אָהן אַלעס, האָט מען געגעבען די תורה, און שוין געגויע צוויי טויזענד יאָהר ווי מיר זיינען אָהן אַ לאַנד, אָהן אַ קעניגרייך, אָהן אַלעס, און די תורה איז גאַנץ!

און מיר האָפען, אַז די יום־כפור־באַלניקעס וועלען אַליין פאַרניכטעט ווערען און די תורה וועט בלייבען. עס וועט נאָך קומען אַ צייט, אַז זיי וועלען זיך ארומזעהן און זיי וועלען איהר נאָך ווייטער מקבל זיין במהרה, אָמן.

פרשה במדבר.

(דרוש ב׳)

„ואתכם יהיו איש איש ראש לבית אבותיו הוא".

ווידער וועל איך עטוואס שרייבען פון דער „סיבה", וואס האט געבראכט דעם „מצב" היהדות דא אין לאנד צו אזא מדרגה, ווי ער שטעהט יעצט. אין די שוהלען און אין די תלמוד תורה׳ס און כאטש איך האב שוין איינינע מאל געשריבען דערפון, דענק איך אבער, אז עס איז נאך ניט גענוג פון מיין זייט. שוהלען קומען צו אין דער פולער מאס, אז מען קען זאגען, דאס עס וואלט פיעל גלייכער געווען, עס זאל ניט זיין אזוי פיעל, און ישיבות, תלמוד תורה׳ס קומען אויך צו און צום ענדע ווערט דער צושטאנד פון אידישקייט ערגער פון טאג צו טאג, דער חנוך הבנים מעהר פאר׳הפקר׳ט, די קינדער וואקסען אויס אהן תורה, אהן יראה און גרויסע „עמי הארצים", ריכטיגע „בורים".

וואס איז דאס? ווארום איז דאס? דאכט זיך אז עס האט געדארפט ווערען בעסער, ווייל א איד וואס וויל דאווגען אדער לערנען האט וואו ארייננצוגעהן; עלטערען וואס ווילען געבען די קינדער זייערע א אידישע ערציהונג האבען א פלאץ וואו זיי צו געבען לערנען, צום ענדע ווערט גארניט בעסער, נאר אדרבה, ערגער און ערגער! אלזא, וועל איך זיך ניט שעהמען פאר אייך און ניט האבען קיין מורא פאר קיינעם, און איך וועל אייך זאגען נאך אמאל דעם אמת, הן די מנהיגים פון די שוהלען, הן פון די ישיבות, און אפילו די רבנים, גאונים, צדיקים, חסידים און צבועים. איך לאך פון די וואס ווילען ברוגז זיין פאר דעם אמת. איך לאך פון די יעניגע, וואס ווילען ניט מודה זיין אין דעם אמת.

און איך האב געזאגט, און זאג יעצט ווארום דאס איז אזוי:

אין דעם זיינען שולדיג בלויז די מנהיגים און די וואס מאכען זיי פאר מנהיגים. אין דעם זיינען שולדיג נור די פרעזידענטען פון די שוהלען. מען קלויבט אוים פאר א פרעזידענט אן עם הארץ, א רוסישען באר־יונג און דא איז ער א ריכטיגער „כופר בעיקר", א „ירבעם בן נבט". נאר ווייל ער וועט קענען גוט געוועלטיגען איבער די „כלי־קודש", ער וועט ניט אריינלאזען אין שוהל קיין רב, קיין משולח, קיין „דבר שבקדושה" וועט שוין דארט ניט זיין, אז ער אליין, דער זעלטענער מענש, איז קיין איד ניט — וואס פארלאנגט מען אז ער זאל ליעב האבען א אידען? קען מען שוין גוט פארשטעהן, ווי עס האלט מיט דער הייליגקייט פון דער שוהל. איך וועל דאס מאל וועניגער דערפון שרייבען. איהר פארשטעהט עס אליין.

אז מען דארף אויסקלויבען בעאמטע פאר דער „תלמוד תורה", אז זיי זאלען זיין די מנהיגים אויף דעם סדר־הלימוד און אויף אויסקלויבען א טיטשער, קלייבט מען אוים בעריל אקס — פארזיצענדער. ווייסט איהר עפעס פון בערלען? אויב ניט, וועל איך אייך נאר געבען א קליינעם ציור: בעריל איז א גראבער יונג, וועלכער קען אפילו צום יאהרצייט פאר'ן עמוד ניט דאווענען, בעריל איז יעצט גוט אפ, בעריל פיהרט א ביזנעס פון רעגס. בעריל גלויבט אין קיין זאך ניט, אפילו ניט אין גאט. בעריל קען א אידען אפילו אין פנים ניט אנקוקען, און מען קלויבט צו איהם אוים נאך עטליכע אזעלכע מיטהעלפער, אז זיי האבען צו זאגען אויף דעם טיטשער, אויף דעם „סדר הלימוד". טא יעצט פארשטעהט וואס פאר א טיטשער און וואס פאר א סדר הלימוד דארטען קומט עס פאר!...

יעצט לאמיר צוגעהן צו דעם רב אליין. ממילא פארשטעהט מען, וואס פאר א רב עס ווערט דארטען אויסגעקליבען, כאטש זיי פויקען אין די צייטונגען, אז זיי האבען געקראגען א גאון, איז ער אבער אין אמת'ען א גראבער יונג, א כופר ווי דער פרעזידענט. גאונים אין אמעריקא זיינען אלע. די תורה ווערט פון טאג צו טאג

אַלץ קלענער און קלענער, די גאונות ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ גרעסער. וואָס מעהר די תורה איז געפאַלען, אַלץ גרעסער ווערט אין דער יעצטיגער צייט די גאונות פון יעדערען. עס איז ניטאָ אין אמעריקא אפילו איין טריפה׳נע בוטשער־סטאָר, ווייל אויף אַלע ווינדאוס געפינען זיך סיינס „כשר“. איהר זאָלט אפילו געבען א הונדערטער פאַר א פונט טריף פלייש וועט איהר עס ניט קריגען, חוץ דער בוטשער אליין איז א שטיק טריפה פלייש. איהר קענט אין אמעריקא אויך ניט געפינען קיין מיטעלע רבנים, נאָר גאונים און גאונים.

נו, פאַרשטעהט איהר שוין יעצט וואָס פאַר א פנים עס האָט די אידישקייט אין אמעריקא: דער רב און דער פּרעזידענט זיינען ביידע אחדות און וואָס דער צווייטער זאָגט, שטימט איין דער ערשטער און מען טאָר דאָך ניט דערוועגען זיך צו זיין געגען דעם פּרעזידענט.

איך וועל אייך יעצט פרעגען דעם פסוק אליין. עפּעס פאַר־שטעה איך אזוי גלאַטליך ניט, איין וואָרט איז דאָרט איבעריג אין גאַנצען: „ואתכם יהיו איש איש ראש לבית אבותיו הוא“, וואָס באַדייטעט דאָס לעצטע וואָרט „הוא“? איך דענק אַז ער איז אי־בעריג. אָבער אין דער תורה איז דאָך ניטאָ אפילו איין איבעריגע פּינטעלע, איז געוויס דער „הוא“ נויטיג אָנצומערקען עפּעס.

נאָך מיין פאַרשטאַנד איז דער „הוא“ אָנגעוואונקען וואָס פאַר א סאָרט בעאַמטע מען פלעגט אַמאָל מאַכען, ווענמען מען פלעגט ערוועהלען פאַר א פיהרער און מנהיג פאַר דעם פאָלק. מען האָט ניט געקוקט אויף זיין רייכקייט, און אליין, זיין „יחוס, זאָל זיין פון נידעריגסטען סאָרט. ניין! טויזענד מאָל ניין! נאָר ער אליין האָט געמוזט זיין פון דעם העכסטען יחוס און אליין זיין דער העכסטער, דער גרעסטער אין אַלעם פאַר זיין גאַנצער פאַמיליע.

יעצט לאָמיר אָפּטייטשען דעם פסוק „ואתכם יהיו איש איש“, און מיט אייך זאָלען זיין פון יעדען שבט א מאַן, דאָס איז דער „ראש“ פון „שבט“, דאָס איז דער נשיא פון „שבט“, אָבער ווייסט איהר וואָס פאַר א מאַן מוז זיין דער „נשיא“? ער מוז זיין „ראש

לבית אבותיו" „הוא", דער „העד", דער גרעסטער, דער עלטסטער פון זיין פאמיליע מוז ער זיין. אין קורצע ווערטער: ער מוז זיין דער ראש לבית אבותיו, „הוא" ער אליין מוז זיין דער ראש פון זיין מיוחס׳דיגער פאמיליע... אט דאס איז א פרעזידענט! אויב סתם א פרעזידענט, אן אויסוואורף, א „ירבעם בן נבט", איהם טאר מען ניט נעהמען מיט זיך, איהם טאר מען ניט פאלגען, ער דארף זיין „ראש לבית אבותיו" — „הוא"! ודו"ק.

„וימת אלימלך איש נעמי".

מיר ווייסען שוין פון לאנג, אז ער איז דער מאן פון נעמי! וואָרום זשע דערמאנט די מגילה ביים טויט די ווערטער „איש נעמי"? די דרשות חז"ל זיינען באוואוסט.

ניט לאנג צוריק האב איך געדארפט ריידען פאר א טשאריטי אינסטיטושאן, א וויכטיגער אנשטאלט, נאר זי קומט דורך ברוחק, ווייל איהרע איינציגע רייכע מעמבערס קענען ניט אריינטהון די האנט אין פאקעט. דאס איז אזא קראנקהייט ר"ל, אז ווי עס קומט צו „געבען צדקה", ווערען די הענט קורץ, ווי די תורה זאגט: „ואם דל הוא", אויב ער איז אזא סארט ארימאן, וואס האט ניט, זאל ער נעהמען א „כבש" און „ואם אין ידו משגת" — דאס איז גאר א גרויסער ארימאן, וואס זיין האנד גרייכט ניט צום פאקעט, און דער סארט ארימעלייט זיינען די יעניגע גבירים אדירים, דארט אין יענער סאסייעטי, דארום איז זי אויף צרות. נאך מיין רעדען, א מאמר חז"ל און א פאר פסוקים, און ווי דער שטייגער איז עט־ ליכע מאראלע פארשטעלונגען, די ליידען פון דעם ארימאן, האב איך אויך פארגעשטעלט דעם ציור, וואס עס פאסט פאר אזעלכע קראנקע וואס האבען קורצע הענטלאך.

ווען איינער איז זיין גאנצען לעבען אן ארימאן געווען, ער האט מיט שווערע הארעוואניע קוים מפרנס געווען זיין פרוי און קינדער, און דאך פלעגט ער אמאל אפרייסען פון דאס לעצטע און געבען א משולח, אין שוהל, אין תלמוד תורה וויפיעל עס איז געווען מעגליך.

אז ער איז געשטאָרבען האָט ער געפעהלט אין זיין חברה, אין תלמוד תורה, אין שוהל, ווייל מען רעכענט זיך מיט איהם. נאָך זיין קראַפט האָ טער געגעבען איבער און אריבער. ער פעהלט פאַר זיי. אָבער געוועהנליך פעהלט ער מעהר פאַר זיין פרוי און זיינע קינדער.

ווען א גביר איז א בעל צדקה, אומעטום לאָזט ער זיך אָנער־קענען. אז ער לעבט זיך אוים זיינע יאָהרען בכבוד, פעהלט ער דאָן פאַר זיין פרוי און קינדער, ער פעהלט אין אלע אינסטיטוציאָנען, ער פעהלט אין שוהל, ער פעהלט אין תלמוד תורה, ער פעהלט פאַר צעהנדליגע פאַמיליעס. ער איז ניט געשטאָרבען פאַר זיין פרוי אליין. ער איז אויך געשטאָרבען פאַר די אלע נויטליידענדע וועמען ער האָט ארויסגעהאָלפען.

אָבער ווען דער „גביר" וואָס לעבט נאָר פאַר זיך, פון אלע ליידענדע ענטלויפט ער, ער וויל פון קיין זאַך ניט וויסען, קיינער האָט פון איהם ניט געהאַט קיין טובה, אויסער זיין פרוי און קינדער האָט ער קיין גוטען פריינד. אין געגענטהייל: אלע זיינען איהם שונאים. זיי האָבען איהם געהאַסט ביי זיין לעבען און שפּאָטען פון איהם נאָך זיין טויט. ער איז ניט פעליג צו קיינעם, נאָר צו זיין פרוי און קינדער איז ער געשטאָרבען!

מיר וויסען וואָס אונזערע חכמים האָבען געזאָגט וועגען „אלימלך". ער האָט קיין ליידענדען ניט געהאָלפען, ער איז אַנט־לאָפען פון „בית לחם" צו וואָהנען „בשדי מואב" אין הונגער יאָהר נאָר אוים מורא, אז די נויטליידענדע וועלען פון איהם פאַרלאַנגען הילפע, דאָרום איז ער געשטראָפט געוואָרען מיט דעם טויט פון זיינע קינדער קערפּערליך און גייסטיג און איז געוואָרען א אָרימאַן און געשטאָרבען. פאַר וועמען איז ער געשטאָרבען? נאָר פאַר זיין פרוי, מעהר פאַר קיינעם ניט! „וימת אלימלך", געשטאָרבען איז „אלימלך", „איש נעמי" — מעהר ניט ווי פאַר זיין פרוי. דאָס אלעס, מעהר פאַר קיינעם ניט. א מוסר השכל פאַר די קאַרגע גבירים, דאָס איז די ענדע זייערע. אָבער דאָגעגען ,דער שעהנער לעבען פון די גבירים, וואָס וויסען אז זיי לעבען ניט פאַר זיך

אליין און זייער אפשטארבען איז מיט כבוד, און געשטארבען איז ער פאר פיעלע וואס באדויערען זיין טויט.

„ויאכל בועז וישת וייטב לבו". (ילקוט) למה וייטב לבו? שבירך על מזונו הטוב והמטיב."

איך וועל קיינע פראגען שטעלען. אלע זעהען דעם ילקוט וואס ער פרעגט און וואס ער ענטפערט. בועז איז געוועזען דער גרויסער צדיק און דער אידישער שופט, ניט א היינטיגער שופט, אדער א אידישער מנהיג פון דער יעצטיגער צייט, אומגעפעהר א פרעזידענט פון א סאסייעטי אדער א שוהל א. ד. ג., וואס פארמאכט זיינע אויערען פון צו הערען פון די געדריקטע זייער געבעט, פארמאכט די אויגען ניט אנצוקוקען דעם ארימאן, אבער אליין איז ער פון די וואס לאזען זיך וואויל געהן, פרעסען און זויפען פון „כל טוב", בעלער און דאס גלייכען, פארמיידעט ער ניט.

ניט אזוי בועז דער שופט. ער האט געגעסען און „וייטב לבו", און האט זיך געלאזט וואוילגעהן. ניין, טויזענד מאל ניין! דאס פרעגט דער „ילקוט", „למה וייטב לבו", ווארום דארף ער מיר זאגען אז ער האט זיך געלאזען וואויל געהן? וואס איז דאס פאר א שבח פון אזא צדיק ווי בועז?

אין גאלדענע ווערטער ענטפערט דער ילקוט, אז מען זאל וויסען וואס מען זאגט אויף א צדיק, ער האט געגעסען, געטרונקען און „וייטב לבו" — דא איז אנגעוואונקען די גרויסקייט פון די צדיקים. עסט ער — ווייסט עס אז דער ארימאן דארף אויך עסען. טרינקט ער, גיט ער דעם ארימאן אויך. אזא עסען און טרינקען איז ניט פאר זיך, נאר פאר יענעם אויך. די חכמים זאגען, אז מען טהוט גוטעס פאר דעם צווייטען דארף מען די ברכה מאכען „הטוב והמטיב", „הטוב" פאר זיך און „המטיב" פאר דעם צווייטען, און דאס האט געטהון „בועז",—„ויאכל" „וישת", ער האט געגעסען און געטרונקען און „וייטב לבו", ער האט זיך געלאזט וואויל געהן. פרעגט דער ילקוט „למה וייטב לבו"? — וואס איז דאס פאר א

געזאגנט צו בועז׳ן? ענטפערט דער ילקוט, אז דאס לאזט ער אונז וויסען ווען „ויאכל וישת" איז „ויטב לבו", שבירך „על מזונו הטוב והמטיב", אז ער האט געגעסען „בירך על מזונו", אויף זיין עסען האט ער אימער געקענט מאכען די ברכה „הטוב והמטיב" פאר זיך און פאר די יעניגע וואס האבען געהאט הנאה פון איהם...

א מוסר־השכל פאר היינטיגע שופטים, פאר היינטיגע פרעזי־דענטען, פאר היינטיגע מנהיגים, זיי זאלען אויך קענען מאכען די ברכה הטוב והמטיב, ודו"ק.

פרשת נשא.

(מ"ר לך). „מהיכן זכו ישראל לברכת כהנים, ר' יודא אמר מאברהם, שנא' כה יהי' זרעך, כה תברכו את בני ישראל. ר' נחמיה אמר מיצחק, שנא' ואני והנער נלכה עד כה, לפיכך אמר המקום כה תברכו את בנ"י, ורבנן אמרו מיעקב, שנא' כה תאמר לבית יעקב וכנגדו כה תברכו את בנ"י.

פון וואנען האבען אידען זוכה געווען צו האבען דעם גליק, אז די כהנים זאלען אונז בענשען (אן אמעריקאנער גלות און א מחלל שבת זאל אונז בענשען?) פון „אברהם" האבען מיר דעם גליק, ווייל גאט ב"ה האט געזאגט „כה יהיה זרעך" און גאט האט געזאגט צו די כהנים „כה תברכו את בני ישראל", ר' נחמיה זאגט „מיצחק" — זיין זכות האט גורם געווען מיר זאלען דעם גליק האבען צו ברכת כהנים (צו הערען פון כהן די ברכות פון אן אמע־ריקאנעם גראבען יונג, אז מען פרעגט איהם וואס איז דער טייטש „ויחונך"? זאגט ער אז דו זאלסט דערוואַרגען ווערען. שטייטש, איז דאך גאר א קללה?... זאגט ער, איך קלעהר טאקי, אז די אלע זאבען זאלען פאלען אויף אנטיסעמיטישע קעפ...) ווייל ביי יצחק איז געזאגט „ואני והנער נלכה עד כה", „לפיכך אמר המקום כה תברכו את בני ישראל". די רבנן זאגען אז גאר פון יעקב, שנא' „כה תאמר לבית יעקב (וואס דאס האט גאט געזאגט צו משה ביי מתן תורה, ער זאל געהן רעדען צו די פרויען בעפאר געלאסען, און זיי רופען זיך „בית יעקב" (אבער וואו איז דא יעקב?) „וכנגדו כה תברכו את בני ישראל". די שווערינקייטען אין דעם מאמר זעהט יעדער אליין, נאר איך וויל ניט אנפרעגען קשיות און פאר־ברענגען אומזיסט די צייט.

פארצייטען, אויך גאר ניט לאנג, וואס איז געווען די גאנצע פרייד אונזערע? ניט קיין רייכקייט, ניט דער האבוועץ, ניט די ביזנעס! אפילו דער ארימער שוסטער, שניידער, קארפענטער — איהר געדענקט זייערע לאנגע שטונדען ארבייט! ניט אכט נאר זעכצעהן און אפט דאנערשטאג די גאנצע נעכטעלע. מען דארף דאך געבען אויף שבת דאס שטיקעל ארבייט צום „בעל הבית“. וואס האט זיי געגעבען כח? — און זיי זיינען נאך געווען געזינטער פאר היינטיגע! — פון וואנען טאקי? דאס איז געווען די שמחה די קינדער! זיינע ביידע אינגעלאך לערנען גוט, זיינען פרום, ווי ער, און דער שוסטער, אדער שניידער האט טאקי דערלעבט נחת פון זיינע אינגעלאך: איינער איז ארויס מיט „סמיכה“ און ער האט געקראגען פאר איהם א„כלה“, די טאכטער פון ר' אברהם יעקב, דער גרויסער יחסן און נגיד, פינף הונדערט רובעל נדן, צעהן יאהר קעסט, איז נאך דער זוהן בעסער, גרעסער, פיינער, איידעלער פונ'ם טאטען. דאס איז געווען די גאנצע נחת, דער גאנצער פרייד.

יעצט וועלען מיר באטראכטען די היינטיגע, אבער זעהר קורץ. דער קארפענטער ,דער האלב־פרומער, האט א זוהן. ביים ברית האט מען איהם א נאמען געגעבען „יונה“. מעהר האט זיך שוין דער נאמען ניט געהערט, נור „דזשאנים“. דער דזשאהנים געהט אין סקול, ער איז שוין ניין יאהר. אין „חדר“ — נאך קיין קלעהר. ער קען גוט באל שפילען, ער ברעכט ווינדאוס, ער שפאלט קעפ; דער מאמען קרימט ער אזוי, ווי זי וואלט טאקי געווען א מאנקי. צרות פון איהם — פון טאג צו טאג מעהר און מעהר. דער קארפענטער דערמאנט זיך איהם געבען אין חדר, ער לערענט די עברי ווי דער פוילישער פויער רעדט אידיש. דער טאטע קרעכצט, די מאמע זיפצט. א טאג נאך בר־מצוה ווערען — ער לעגט שוין ניט קיין תפלין! די מאמע האט שוין אויפגעהערט זיפצען, נאר אנגעפאנגען וויינען. טאג־טעגליך דער בחור געהט טאקי אין סקוהל — די מאמע ווינשט זיך „סקילה“!

אונזער דזשאנעס האט שוין אויסגעשטודירט לאיער. ער גיט

טאַקי אין הויז עטליכע דאָלאַר אַ וואָך. נאָך אַ פּאָר קינדער גיבן טאַקע „אַ פּיידע". זיי אַרבייטן זיך טאַקי אַרויף. מילא, אַ גאַנץ יאָהר ווייסט מען דאָך שוין, וועגען „שבת יום טוב". עס קומט ראש השנה! מיט דעם איז מען נאָך ניט געוועהנט ווי מיט'ן שבת. קוים גע'פועל'ט אויף דעם ערשטען טאָג צו געהן אין שוהל, דעם צווייטען... וואָס פאַר אַ טאָג ווערען זיי טאַקי בעסער מאַטעריאַל, רייכער, רייכער, אָבער מעהר זיפצען און קרעכצען הערט זיך...

דער גאַנצער חורבן איז דאָ, ווען קיידי געהט אַרום שוין מיט איינעם, ניין־און־ניינציג פּראָצענט גוי. און די מאַמע דערוויסט זיך און הויבט אָן שרייען, דאָן זאָגט קיידי: „מאַמע, מיש זיך ניט אין מיינע ביזנעס! איך קען זיך אַליין פאַרזאָרגען!" אין איינינגע מאָנאַטען אַרום הערט די מאַמע ,אַז קיידי האָט געהייראַט אין קאָורט. זיי ווינשען זיך דעם טויט, אָבער עס קומט ניט. די קינדער אַלע שוין געהייראַטע, זיי קענען ביי קיינעם פון זיי ניט זיין. די מאַמע איז געשטאָרבען, דער טאַטע איז שוין אין מושב זקנים, לאָזט צוואה, אַז דער זוהנעלע זאָל קיין קדיש ניט זאָגען...

אָט אַזוי איז געלעבט, אָט אַזוי איז געשטאָרבען. טרויעריג געלעבט — טרויעריג געשטאָרבען... וואָס איז דער גאַנצער לעבען פון מענשען ווען ניט די קינדער? האָבען נחת פון זיי! נו, וואָס הייסט נחת ביי אידישע עלטערען? אפילו ביי די האַלב פרומע... נאָר די קינדער! אַז די קינדער זאָלען זיין ווי די עלטערען האָטשבי! וואָס העלפט די רייכקייט, אַז עס איז ניט גוט! וואָס העלפט דער גאָלדענער בעכער, אַז ער איז פול מיט טרעהרען.

די כהנים בענשען „יברכך ד' וישמרך", זאָגען די חכמים, „יברכך ד' בממון" — גאָט זאָל דיר בענשען מיט געלד, דו זאָלסט זיין רייך. „וישמרך מן המזיקין", ער זאָל דיך היטען פון מזיקים. יאָ, דאָס איז אַזוי אויך ריכטיג, אַז מען איז רייך, דאַרף מען געהיט ווערען מען אָל ניט צורויבען די רייכקייט, אָבער עפּעס אין העכערען זין. וואָס העלפט די רייכקייט, אַז די קינדער פאַרבי־

טערען דאָס לעבען. איז דען ניט דער רוסישער קאַרפּענטער, דער אָרימאַן, בעסער אַב געווען? ! טאָ וואָס העלפט דער בענשען פון די כהנים, אז גאָט זאָל איהם רייך מאַכען? דעריבער זאָגען זיי באַלד, אז די ברכה קען ניט זיין, סיידען „וישמרך“ — ער זאָל דיך נאָר היטען פון מזיקין — דיינע ארבעה אבות נזיקין: פון דעם עלטסטען זוהן דיינעם, דעם ווילדען אָקס; פון דיין טאָכטער'ל וועלכע פאַרדיענט פופציג דאָלאר א וואָך און דאָס ווערט פאַר־שלונגען ווי אין א בור, א טיפע גרוב, אויף אַלע לוקסוס! פון דיינע אַנדערע קינדער וואָס פרעסען און זויפען טריפה! דאָס רוף איך „המבעה“, און פון זיי אַלעמען, וואָס זייער מויל איז א רעגעלער „פייער“ — „ההבער“, ריידען על ד' ועל משיחו און אויף זייער אייגענעם טאַטען און מאַמען.

„מהיכן זכו ישראל לברכת כהנים“ — פון וואַנען און ווען הויבט זיך אָן די ברכה פון די כהנים? אז דער „יברכך“ בממון איז גאָר אמאָל א קללה ניט קיין ברכה? — „מאברהם“, פון אברהם אבינו! פון איהם קענען מיר לערנען, אז מען קען מאַכען די „ברכת כהנים“ פאַר א ברכה. ער איז געווען דער „עמוד החסד“, מיט זיין גרויסען פאַרמעגען האָט ער גוטעס געטהון דער גאַנצער וועלט און ער האָט מחנך געווען זיינע קינדער אויך אַזוי אויף זיין וועג. און אז גאָט האָט איהם געזאָגט „ואברכך“ „בממון“ האָט ער איהם מבטיח געווען אז ביי איהם וועט עס הייסען א ריכטיגע ברכה, ווייל „כה יהי' זרעך“, אַזוי וועלען דיינע קינדער אויך זיין פונקט ווי דו! אָט דאָס הייסט א ריכטיגע ברכה! „מהיכן זכו ישראל לברכת כהנים“ פון ווען און פון וואַנען פאַנגט זיך אָן די ברכה פון די כהנים, פאַר א ברכה טאַקי, מ„כה יהי' זרעך“, פון דעם „כה יהי'“, אַזוי וועלען זיין ווי דו ביזט „זרעך“ — דיינע קינדער, פונקט ווי דו, און איהר „כהנים“, אז איהר בענשט, וועט ערשט דאַן חל זיין די ברכה, אז עס וועט זיין „כה יהי' זרעך“, דאַן איז גוט אייער ברכה „כה תברכו,“ — און דער „כה תברכו את בני ישראל“, מיט דעם „כה“ בענשט דעם אידען, אז אייער „כה“ זאָל זיך באַהעפטען מיט'ן „כה יהי' זרעך“!

ר׳ נחמי׳ זאָגט פון יצחק האָבען זיי דעם „זכות״ געקראָגען פון ברכת כהנים, שנא׳ ואני והנער נלכה עד כה״, „לפיכך אָמר המקום כה תברכו״, דער פרומער טאַטע געהט שבת אין שוהל דאַווענען, דעם זוהנעלע לאָזט ער שלאָפען, און נאָכהער, ווען ער שטעהט אויף עסט ער אָפּ ברעקפעסט און געהט זיך נעהמען עקסערסייז, מיט׳ן באָל א. ד. ג. וואָס זאָגסטו, טאַטע זיסער, דו וועסט שוין ניט האָבען די ברכה פון די כהנים! פאַר דיר וועט עס שוין זיין אַ קללה, אַז דו האָדעוועסט אויף אַזאַ תכשיט!

יצחק איז דער „עמוד העבודה״ — דאַוונען, און אַלעס וואָס אַ קינד דאַרף טהון. אברהם לערענט יצחק׳ן צו טהון מצות און יצחק ווערט דער עמוד פון עבודה. אברהם זאָגט, קום געה איך טהון עבודה, איז „ואני והנער נלכה עד כה״, „ונשתחוה ונשובה״, אָט צוליעב דעם, צוליעב „ואני והנער נלכה עד כה״, ניט איך אַליין, און ער האָדעוועט זיך אויף דער עמוד העבודה, צוליעב דעם קריגען אידען דעם „כה תברכו״ ודו״ק. יצחק איז זיך מוסר נפש פאַר גאָט ב״ה, יצחק געהט צו דער עקידה מיט שמחה, ווייל דער טאַטע זיינער האָט איהם מחנך געווען אַזוי. אָט אַזוי דאַרף אַ איד זיך מוסר נפש זיין. מיצחק זכו לברכת כהנים! מיצחק ואני והנער נלכה עד כה... צו מסירת נפש, דער טאַטע מיט׳ן זוהן, און אַז מען האָט אַזאַ זוהן, איז דאָן אַ ברכה פון די כהנים, „כה תברכו״, ודו״ק!

„ורבנן אמרו מיעקב, שנא׳ כה תאמר לבית יעקב וכנגדו אמר כה תברכו״, יעקב איז דער עמוד התורה, דער עיקר איז ביי איהם תורה. יעקב זיצט פערצעהן יאָהר און לערענט און לעגט זיך אפילו ניט שלאָפען, ביז איבער זעכציג יאָהר איז ער שוין, ער האָט ניט זיין גלייכען, צו פּאַסען זיך אַ פּאַרטיי. געוויס זיינען אין יענער צייט געווען פיעלע פּרינצעסינס וואָס וואָלטען געוואָלט מתחתן זיין זיך מיט „יצחק אבינו״, וועלכער מלכים ושרים זיינען צו איהם געקומען, אָבער יצחק און רבקה, דאָס זעלבע יעקב, ווילען ניט נעהמען „מבנות חת״, אַ פרוי וועלכע איז ניט אין דעם זעלבען גלויבען וואָס זיי, ווייל זיי ווייסען גאַנץ גוט, אַז דער עיקר איז

די פרוי. אויב זי איז דעליגיעז איז גוט, ווען ניט — קען זי פאר־פיהרען דעם גרעסטען צדיק. אויב זי איז גוט, איז אלעס גוט. און רבקה רעדט איבער מיט יצחק, אם לוקח יעקב מבנות חת כאלה למה לי חיים, און ביי זיי איז געבליבען, בעסער ארויסשיקען יעקב'ן פון דער היים, איידער ער זאל נעהמען פון די געצענדיענער זייערע א טאכטער. יעקב פארלאזט זיין היים און געהט האבען צו טהון מיט זיין אנקעל „לבן", וואס דאס איז נאך ערגער פאר זיין ברודער. אבער לבן האט צווי טעכטער, הייליגע און טייערע קינדער, נביאות. דאן ווייסט יעקב אז ער איז גאנץ מיט זיין תורה, גאנץ מיט זיין אידישקייט, גאנץ מיט זיין אמונה!

„אעבדך שבע שנים ברחל בתך הקטנה", און נאכהער איז געווארען נאך זיבען און נאך זעקס. צוואנציג יאהר ארבייט ער אפ פאר לבן, אום נאר צו האבען די טייערע הייליגע פרויען, און ער האט טאקי אויפגעשטעלט די „שבטי יה".

און דער עווינגער האט זיי א נאמען געגעבען „בית יעקב" און אונז אלעמען מיט דעם נאמען באקרוינט „בית יעקב", ווייל דאס איז צו פארדאנקען די פרויען פון „יעקב"... „ביתו זו אשתו", זא־גען די חכמים, און דער אייביגער איז מסכים ביי מתן תורה צו יעקב, אז נאר די פרויען, זיי צו פארדאנקען, די אידישע קינדער, דארום זאגט ער צו משה „כה תאמר לבית יעקב", אזוי זאלסטו זאגען צו די „בית יעקב", דאס זיינען די פרויען, אז ווען זיי וועלען האלטען די תורה איז גוט, און אויב ניט ח"ו, העלפט ניט וואס איך וועל געבען א תורה צו די „בני יעקב".

און דאן וועט זיין די ברכה ביי די „בני יעקב" פון די כהנים. ווען וועט דאס זיין א ברכה? אז „כה תאמר לבית יעקב! דאן קען ווירקען און גוט זיין דער כה תברכו", אז די בית יעקב, די אידישע טעכטער, וועלען האלטען די תורה, די מצות וואס זיינען פארבאטען. ודו"ק.

פרשה בהעלותך.

(דרוש א').

בהעלותך את הנרות אל מול פני המנורה
יאירו שבעת הנרות."

די ספרים זאָגען, אַז די מנורה מיט איהרע זיבען רעהרען, און צו די מיטעלסטע זייט זאָלען זיך בויגען ביידע זייטען, באַווייזט עס אויף די „ששת ימי המעשה" און די זיבעטע רעהר איז שבת. אַלע זעקס טעג זאָלען זיין וועגען דעם תכלית פון שבת, אַזוי ווי מיר זאָגען, היום ראשון בשבת, שני בשבת, שלישי בשבת, די דריי טעג האָבען די קדושה פון דעם פאַרגאַנגענעם שבת. רביעי בשבת וחמישי וששי בשבת ציהען שוין די קדושה פון דעם קו־מענדען שבת.

דאָס גלייכען, זאָגען ספרים, אַז די ערשטע דריי רעהרען באַווייזען אויף די „תלמידי חכמים", די אַנדערע דריי אויף די „בעלי בתים", די וועלכע האַלטען אוים די „תלמידי חכמים", די ביידע מוזען זיך בוקען צו דעם מיטעלסטען רעהר, דאָס איז גאָט ב"ה, וואָס ער גיט כח די תלמידי חכמים צו טראָגען דעם עול התורה והמצות און ער גיט כח די „בעלי בתים" און געזונד און לעבען צו זיי מיט פרנסה, זיי זאָלען קענען שפייזען די „תלמידי חכמים" מיט כבוד.

פרשה בהעלותך.

(דרוש ב׳).

„ובהקהיל את הקהל תתקעו ולא תריעו״.

גאָט זאָגט צו משה, „עשה לך שתי חצוצרות כסף״ „ותקעו בהן״, אז ווען מען וועט אַ תקיעה בלאָזען מיט ביידע, „ונועדו אליך כל העדה״, „ואם באחת יתקעו״, אז מען וועט אַ תקיעה בלאָזען מיט איינע, „ונועדו אליך הנשיאים״ וגו׳, „ותקעתם תרועה״, אז איהר וועט בלאָזען אַ תרועה, דאַרפען רייזען די מחנות, „ונסעו המחנות״...

מיר זעהען, אַז איינצוזאַמלען מחנות, אָדער די „ראשי העדה״ — איז אַ תקיעה. דאָס איז אַ שמחה, אַזוי ווי „וביום שמחתכם ובמועדיכם וכו׳ ותקעתם בחצוצרות״, תקיעה בלאָזען מיט די חצוצרות, אָבער מלחמה, אָדער צו פאַרלאָזען די פּלעצער, דאָס איז דאָך טרויער, איז „תרועה״.

פרעגען מיר: וואָרום איז געזאָגט געוואָרען דער פסוק נאָכ־דעם, אַז „ובהקהיל את הקהל תתקעו ולא תריעו״, אַז ער האָט פריהער געזאָגט, „ואם באחת יתקעו ונועדו אליך ראשי אלפי ישראל״, „ותקעו בהן ונועדו אליך כל העדה״? (עיין רש״י).

זאָגען מיר אַזוי, אַז דער פסוק באַווייזט אויף נאָך אַ זאַך, אַ גוטען מוסר פאַר אונז, מיר זאָלען האָבען אַ מוסר אויף אַ זאַך וואָס פעהלט ביי אונז, און דאָס איז אחדות, אָט דאָס פעהלט אין גאַנצען ביי אונז אידען, נאָר קוים קומט אַ צייט וואָס מען קען דאָך צוזאַמענברענגען עטליכע טויזענד אידען אויף אַ מי־טינג, עס זאָל הייסען אַ ווײַלע אחדות ביי זיי... דאָס אַליין איז אַ גרויסע נייעס און מען דאַרף זיי קרעדיט געבען, און דאָס איז אַ שמחה, ווען אידען קען מען שוין אַמאָל יאָ איינזאַמלען, איז אַ גוטער סימן, און עס וועט שוין ברענגען פרוכט. דאָ דאַרף מען

קיין תרועה ניט בלאָזען, ווייל דאָס איז א שמחה. נאָר א „תקיעה" וואָס דאָס באַדייטעט אויף שמחה, ווי איך האָב געשריבען.

„ובהקהיל את הקהל תתקעו", ווען אייך געלינגט איינצוזאַמ־לען דעם קהל דאַרפט איהר א „תקיעה" בלאָזען, ווייל דאָס איז א שמחה... אָבער גערענקט „ולא תריעו", ניט קיין תרועה איז דאָ צו בלאָזען! זייט ניט אומעדיג, ווייל דאָס איז א גוטער סימן...

נאָר מיינט איהר, אפשר, אז נאָר די מיטעל־קלאַס איז אזוי שווער צונויפצוקלויבען, און אויב עס געלינגט, איז ויתקעו בהן, זאָלט איהר בלאָזען מיט ביידע טרומפייטען א „תקיעה גדולה", אָבער די „ראשי העדה" איז לייכט צו מאַכען אחדות און מען קען זיי אויפזאַמלען אויף איין אָרט, צוזאַמענגעהמען, דאָס הייסט „אחדות" מאַכען ביי זיי, אגודת... כנסת.. א. ז. וו.? — ניין, ניין! עס איז נאָך ערגער! טויזענד מאָל ערגער! מיליאָנען מאָל ערגער און שווערער, ווי צו זאַמלען אין איין פלאַץ דעם קהל. נאָר אויב עס זאָל אמאָל געלינגען אזא ניט־טרעפליכע זאַך, אז מען זאָל קענען צוזאַמענגעהמען די „רבנים" אויף איין פאַרזאַמלונג, דאַרפט איהר א שמחה'לע מאַכען, ניט קיין גרויסע, נאָר „באחת יתקעו", ווייל, ווייל, ווייל—זאָל זיי ניט זיין צו קיין גנאי, אז דאַרט אויפ'ן מיטינג וועלען זיי אויך ניט זיין אין אחדות; זה אוסר וזה מתיר וכו' וכו'. זאָל מען נאָר קיין פאַראיבעל ניט האָבען אויף מיר, ווייל איך האָב מורא, ווי זאָגט מען דאָס אוים פון חדר... מי יתן אז עס זאָלען זיך פאַראייניגען די ראשי אלפי ישראל... און עס זאָל זיך פאַראייניגען דאָס קהל, און די ראשי אלפי ישראל זאָלען זיך פאַר־אייניגען מיט'ן קהל, אז ניט וועלען זיי קיין זאַך ניט אויספיהרען... און דער קהל זאָל זיך פאַראייניגען מיט די „ראשי אלפי ישראל", דאַן וועט מקוים ווערען ויעשו כולם אגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלם, אָבער ווי לאַנג עס איז ניט אגודה אחת איז ניטאָ דער „לעשות רצונך בלבב שלם", אָבער אז זיי וועלען זיך יאָ פאַראיי־ניגען, וועט דאָס זיין אזא שמחה, אז די רבני'שע „חצוצרה", דער „באחת יתקעו" און „ותקעו בהן", וועט אליהו הנביא מאַכען איין חצוצרה און געבען דריי תקיעות, וועט קומען דער תקע בשופר גדול, אָמן.

פרשה שלח.

„ויהס כלב את העם אל משה ויאמר עלה נעלה
וירשנו אותה, וכו׳“.

פיעל פון מיינע הערער און פארעהרער האָבען מיר געפרעגט און פרעגען מיר, וואָרום האָב איך זעהר וועניג געטהון פאר דעם ציוניזם? א פראַגע איז דאָס. איך לייקען ניט, אז איך האָב וועניג געטהון און איך וועל קיין פארשפּרעכען ניט מאכען, אז איך וועל עפּעס טהון. זאָגאר קיין געגנערשאַפט האָב איך ניט געוויזען און וועל ניט וויזען. אָלס ענטפער וועלען מיר אויפמישען איינינע פּלעצער אין ש״ס, צו באוייזען וואָרום אידען זיינען פאר־טריבען געוואָרען אין ביטערען פינסטערען גלות און וואָרום עס איז חרוב געוואָרען אונזער בית המקדש און אין כלל, דער גאנצער חורבן הארץ. ....

(שבת קי״ט). „לא חרבה ירושלים אלא בשביל שחללו שבת“. וואָס זאָגט איהר? ווער טהוט, ווער ארבייט פאר׳ן ציוניזם, שומרי שבת? (שם) „שבטלו ק״ש“, נו וואָס זאָגט איהר? אז חרוב געוואָרען איז אונזער לאַנד פאר „חלול שבת“, און ווייל מען האָט „מבטל“ געוועזען „ק״ש שחרית וערבית“ — פּועלי ציון דאַווענען? (שם) „שלא הי׳ בהם בושת פנים“. נו, די לינקע האָבען בושת פנים? (שם) „מפני שהשוו קטן וגדול“, נו, איז ביי זיי אָן אונטער־שייד, א קטן אָדער א גדול? (שם) „שביזו ת״ח“ — זיי רעספּעק־טירען דען א ת״ח?

עס איז ניט קיין גרויסער קונץ צוזאַמענצונעהמען הונדערטער מאמרים! מיר קענען ניט האָבען קיין ריכטיגע גאולה, אז אין אונזער הייליגער לאַנד, די לאַנד פון אונזערע אבות, די לאַנד פון אונזערע נביאים, אז אויף דעם לאַנד זיינען יעצט הערשער, טהוער

סתם לינקע. איהר הערט? דאכט זיך, דארף מען דארטען לינקע? און דארט איז יעצט פארשוועכט געווארען דורך פיעלע וועלכע זיינען מחללי שבת, וועלכע זיינען מבטל קריאת שמע שחרית וערבית, וועלכע זיינען „מבזה תלמידי חכמים"‚—אז צוליעב די־זעלבע עבירות איז דער חורבן געקומען.

דארום, מיינע פריינדע, קענען מיר ניט דענקען, אז עס קען עטוואס אויסוואקסען פון דעם גאנצען טאראראם ,ווייל מיר גלויבען אין גאט און מיר גלויבען אין תורה מן השמים, און די תורה זאגט דאך, „כי את כל התועבות האל עשו אנשי הארץ אשר לפניכם ותטמא הארץ", „ולא תקיא הארץ אתכם בטמאכם אותה כאשר קאה את הגוי אשר לפניכם". דאס הייליגע לאנד, וועלכע פוסטעוועט שוין קרוב צו צוויי טויזענד יאהר, און קיינע פון די אומות, די עובדי ע"ז אדער עובדי בשיתוף, האבען אין איהר ניט געקענט לאנג זיך אויפהאלטען, און די וואס האבען זיך אויפגעהאלטען, האבען ניט געקענט מאכען איהר פאר א לאנד ווי אלע לענדער, און זי איז חרוב געשטאנען, און יעצט, ווען מיר האבען א רעכט צו בויען דאס לאנד ,בישלאכוויז, וואלט עס געגאנגען מיט דער תורה, וואלט עס געווים גוט געווען, אבער אהן תורה, אהן יראה, ווייסט גאט ב"ה, אויב דאס איז עפעס. עס בלוטעט דאס הארץ הערענדיג ווע־גען די מעשים פון די לינקע אין דעם הייליגען לאנד, נאר ווי די זאך איז, צו דאנקען השי"ת דערפאר, וואס עפעס א קליין ליכטעלע האט דאך א שיין געטהון אין דעם אידישען לאגער, און קיינער טאר ניט שטערען דאס בויען פון אונזער לאנד. אט ווען איך שרייב דיעזע שורות האב איך אליין מיט איינינע טעג בייגעשטיי־ערט א גרויסע נדבה, נאך מיינע כחות צום נאציאנאל־פאנד, אבער טהון פאר דעם קען איך ניט, מיין התלהבות איז ניט גענוג גרוים זיך צו שטעלען ריידען פאר דעם אין דעם איצטיגען אויסזעהן.

לאמיר האפען, אז פון די אלע וועלכע זיינען באגייסטערט פאר „בנין הארץ", און זיי זיינען ניט קיין יראים... אז דער הייליגער קלימאט פון דער הייליגער לאנד וועט זיי מאכען בעסער. מיר זיינען פארזאגט, אז מיר מוזען געהן אלץ העכער אין אידישקייט,

מעהר הימעל־מענשען צו זיין, ניט איננאנצען אראפ, בלויז פאר'ן ערדישען קערפער; ניט נאכצוטהון די חברה וואס זאגען, אז דער מענש איז אט דער קערפער, און דאס אלעס, ניטא קיין נשמה, וואס זי איז גענומען געווארען פון „תחת כסא כבודו", ניטא קיין תורה פון הימעל, ניטא קיין זאך, נאר ערד, דאס הייסט, זיי גלויבען ניט פון דער הויך, פון תורה און א נשמה און פון גאט אליין, נאר אראפ, און דאס אלעס.

דאס האט כלב געזאגט: „ויהס כלב את העם ויאמר", און כלב האט שטיל געמאכט דאס פאלק און געזאגט: האט קיין מורא ניט פאר די שטארקע מענשען, פאר די ריעזען, פאר די מאטע־ריאליסטען, די וואס זינקען אראפ אין תהום אריין, אלץ נידעריגער, נידעריגער מיט אלע שמוציגע טהאטען זייערע, מיר זאלען ניט געהן אראפ, נאר „עלה נעלה", מיר דארפען געהן העכער, העכער אין אונזער גלויבען, מיט די העכערע זאכען אונזערע, גלויבען אין דעם העכערען באשעפער, טהון דעם פארזאג פון אונזער „תורה מן השמים", פון די הויכע הימלען, ניט נאכגעבען דער ערדישען שמוציגען קערפער, נאר די הייליגע נשמה פון אונטער דעם כסא הכבוד, דאן אויב „עלה נעלה", „וירשנו", וועלען מיר קריגען אונזער לאנד. אמן.

פרשה קרח.

(דרוש א׳).

(מדרש) וקרח שפקת הי׳ וםטועני ארון, מה ראה לשטות זה?

וואָרים דער מדרש פרעגט: וםטועני ארון ה׳, „מה ראה לשטות זה?" ווייזט עס אוים, ווייל ער איז מטועני ארון געווען, דאָס אליין האָט איהם געדארפט אָפּהאַלטען פון מאַכען מחלוקת מיט משה? וועלען מיר דערקלעהרען ווי אזוי דאָס איז אויף זעהר אַ שעהנעם און ריכטיגען וועג, אָבער מיר וועלען מוזען אָנריהרען אַן אָנגעוועהטאָגטען וואונד, אזא וואונד, וואָס עס איז ניט פאַר־היילט געוואָרען, פון אונז שוין טויזענדער יאָהרען, אַ וואונד וואָס איז שוין אָנגעוואקסען ווילד־פלייש? דער וואונד הייסט „שנאת חנם", „מחלוקת" איז די ווילד־פלייש. עס איז געווים ניטאָ אזאַ סאָרט וואונד מיט אזא נאָמען אין די מעדיצין־ביכער, אָבער אין אונזערע הייליגע ביכער, אין אונזער ש"ס איז דאָ די קראַנק־הייט מיט איהר מעדיצין. אין אונזער הייליגען חומש איז פאַר־זאָגט אויף דער קראַנקהייט, ניט צוצולאָזען צו זיך שנאה „לא תשנא את אחיך בלבבך" וגו׳.

אז מען איז ניט נזהר איז דעם הייליגען אָנזאָג, און עס קומט אריין אַ שנאה ביי איהם אין הארצען אויף איין אידען, ווערט דער וואונד געפעהרליך און אין אַ קורצע צייט קומט צו די ווילד־פלייש. דאָס איז „מחלוקה"—קריעג און קריעג, ווי דער חכם מכל אָדם האָט געזאָגט, „שנאה תעורר מדנים" (משלי י"ב), און די וואונד, די קראַנקהייט איז פאַרשפּרייט אין דער גאַנצער וועלט פון דעם יודענטהום, די קראַנקהייט איז ביי קליין און גרוים, אפילו

ביי די גאַר־גרויסע... דער פּירוד לבבות ביי אידען, וואָס עס עקזיס־טירט אין די שוהלען, דער פּרעזידענט „קרח", דער רייכער, שטעלט אויף „ר"נ ראשי סנהדראות" אויפ'ן רב פון זיין שוהל, און מען הייבט איהם אָן צו זאָגען מוסר. די ערשטע זאַך, רבי, ווילען מיר האָבען, אַז איהר זאָלט אונז קיין מוסר ניט זאָגען, ווייל מיר זיינען נענוג פרום, „כולם קדושים", מיר זיינען אַלע הייליגע מענשען, און אַז דער רב זאָגט: „סטייטש, וואָס רעדט איהר, פּרעזידענט? איהר און אַלע ברידער זיינט דאָך מחללי שבת און נאָך און נאָך... וואָס פאַר אַ הייליגקייט איז ביי אייך, אַז איהר זיינט עובר אויף דער גאַנצער תורה?

זאָגט פּרעזידענט קרח און די גאַנצע קאָמפּאַני בני־קרח און וויים־פּרעזידענט „דתן", ערשטער טראַסטי „אבירם" און די גאַנצע ר"נ, די חברה: „רבי! מיר זיינען הייליג ווי איהר! אי, וואָס, מיר לעגען קיין תפילין ניט? די תפילין איז אין אונזער קאָפּ, די גאַנצע אידישקייט איז ביי אונז אין האַרצען, „ובתוכם ד'". די זעלבע טענה פון פאַרצייטיגען קרח, נאָר דער אונטערשייד איז, וואָס פאַר דעם פאַרצייטיגען קרח האָט די ערד אויפגעעפענט איהר מויל און איהם איינגעשלונגען, און הייגטיגע קרח'ס שלינגען איין משה'ן — די רבנים מיט די דרשנים. אין שוהל, אין חברה ווערט אַ קריעג, וואָרים עס זיינען דאָך פאַראַן איניגע האַלב גאָטספאַרכ־טיגע מענשען, וואָס נעהמען זיך אָן פאַר משה'ן... אין אַ קורצע צייט שפּעטער ווערט קרח אין כעס אויף דעם חזן... דאָס זעלבע... „מחלוקת", נאָכהער וועגען שמש מחלוקת און סתם מחלוקת, גע־וועהנליכע, צוליעב שלישי, ששי, איינם פאַר אחרון, מפטיר, א. אַז. וו. און סתם פאַר כיבודים און אפילו צוליעב אַ הקפה...

אַז די שוהלען און אַלע הייליגקייטען וואָס עס זיינען פאַראַן אין אמעריקא זיינען ניט געבויט, ניט געמאַכט לשם שמים, די „ספר תורה" ניט געקויפט מיט ריכטיגע אידישע געלט... בעסער צו שווייגען, „אוי לי אם אומר, אוי לי אם לא אומר."

איך האָב אַמאָל געזעהן אין אַ ספר ווי ער טייטשט דעם פסוק „לי הכסף ולי הזהב נאד"צ" (חגי ב'), און דאָס וועט אויך

זיין אַן ענטפּער פאַר די אַנדערע קרח'ס, וואָס זיי פרעגען באַלד: דער רב, דער דרשן, דער חזן, דער שמש, דער שוחט, דער מוהל, אַרבייטען ניט פאַר געלד? מיינען זיי דען ניט קיין געלד? און אַז מען זאָל זיי ניט געבען קיין געלד, וועלען זיי דען אָטענדען זייער אַרבייט? די פרעגערס איז ניט נויטיג אין גאַנצען צו ענטפּערען, ווייל דאָס איז דאָך אַ משוגעת. ווייסען זיי דען ניט, אַז דער רב מוז צאָהלען רענט, דער רב מיט זיין פרוי און קינדער מוזען עסען, מוזען זיך קליידען. אין געגענטהייל, נאָך שעהנער און בעסער ווי דער המון, ווייל עס פּאַסט דאָך ניט פאַר איהם אַנדערש! פאַלט דען מן פון הימעל פאַר דעם רב? נאָר דאָס מוז מען זיי זאַגען: דער תלמיד־חכם אַרבייט אויך פאַר געלד, אָבער וואָס פאַר אַ שלעכטעס טהוט דער רב מיט זיין געלד? נאָר מצות ומעשים טובים, און ער אַרבייט צו פאַרדינען געלד, אָבער ער טהוט מיט זיין געלט אַלעס וואָס איז לשם שמים, הלואי וואָלטען דאָס אַלע געטהון וואָס דער רב טהוט מיט זיין געלד — אַלעס „לשם שמים“.

איהר אָבער פאַרדיענט דאָס געלד באיסור, איהר ברענגט אויס אייער געלד באיסור. אפילו דאָס וואָס איהר גיט געלד פאַר די שוהל אייערע איז באיסור: צוליעב גאוה, צוליעב נאָך אַזעלכע זאַכען, דאָרום זיינען אייערע שוהלען מיט אַלערליי מיני מחלוקות, און אַזוי ווי די שוהל ווערט געבויט מיט מחלוקת און קנאה, מיט שנאה, אין אַזאַ סאָרט שוהל קען שוין קיין גוטעס ניט זיין, נאָר שלעכטעס, ווייל דאָס געלד וואָס מען גיט פאַר דער שוהל, איז ניט „לשם שמים“, איהר אַליין פאַר זיך ברענגט איהר אויס דעם געלד, ניט לשם שמים, דער הימעל האָט גאָרניט דערפון, קיין דאַווענען, קיין ברכה, קיין שכר־לימוד, און אויב אפילו איהר גיט אייער קינד לערנען, איז דאָס אויך ני טלשם שמים, נאָר צוליעב זיין דרייצעהנטען געבורטסטאָג (איך רוף עס ניט בר־מצוה, ווייל גראָדע דאַן ווערט ער אויס בר־מצוה, לעגט מעהר ניט קיין תפלין. עשו ווערט בר־מצוה. „חמש עבירות עבר עשו באותו היום, כפר בעיקר וכו'“, זאָגען די חכמים, ער זאָל זאָגען אַ רעדע, ער שווערט אויפ־הויבענדיג זיינע הענטעלאַך, אַז ער וועט זיין אַ איד ,אַ גוטער

דזשו... און דאנקט זיינע עלטערען פאר דער גוטער ערציהונג, און ער אליין טראכט זיך, פון היינט אן לאך איך שוין פון אייך! ווייסט איהר פאר וואס דאס איז? — ווייל עס איז ניט „לשם שמים"!

דארום האט גאט ב"ה געזאגט צו משה, געה זאג זיי, זיי ווילען בויען א משכן, וואו מיין שכינה זאל רוהען, „ויקחו לי תרומה", זיי זאלען נעהמען „תרומה", דאס הייסט, די געלד וואס זיי נעהמען אליין, וואס זיי פארדינען זאל זיין „לי", „לשמי", און אז זיי גיבען „תרומה" זאל זיין „לי לשמי", אזוי זאגען די חכמים אין מדרש, און רש"י ברענגט עס אויך, דאן קען עס זיין א ריכטיגער פלאץ פאר „השראת השכינה", אבער ווען פון אנפאנג אן איז די געלד צו אייך געקומען ניט כשר: פון חלול שבת, פון ארייננכאפען די צייט, מיט'ן אפשפארען פון תפלין לעגען, אזא שוהל איז דער פרעזידענט פון איהר א קרח און די מעמבערס „קרח'ס קאמפאני".

און אפילו אין אייערע אייגענע געשעפטען און אין הויז דארפט איהר זעהן עס זאל זיין אלעס „לי ולשמי" פון זיינט וועגען, האט איהר רומס, קלאפט אן א מזוזה, לערענט אייערע קינדער אידיש־קייט, ווייל גאט זאגט דורכדעם נביא „לי הכסף", די כסף וואס איהר פארדיענט, און איהר גיט דארף זיין, „לי ולשמי", לשמי דארף זיין די כסף פארדיענט און נעגעבען... „ולי הזהב", „לי לשמי, דארף זיין די נאלד, אלעס לשמי נאום ד' צבאות... אט דאן וואלט קיין קרח קיין שליטה האבען אויף דעם רב, „דתן ואברים'ס וואלטען ניט געקומען אין אייער מחנה, זיי וואלטען געזעהן בעסער אלע כלי קדוש זאלען מאכען א לעבען, ניט זיי צו שטערען זייער לעבען...

די קרח'ס בויען שוהלען פון אזא געלט, וואס עס איז נישט „לי לשמי" — אין די גייזער זייערע איז פול מיט ספרים, (ספרי חצוניים) און זיי זיינען פטור פון מזוזה; אויף דעם פלאר, ליגט קארפעט „תכלת וארגמן", זיינען זיי פטור פון „ציצית" א. ז. וו.—

און אפילו די שוהלען בויערס זיינען אידען, וועלכע זיי האָ־בען שוין לאנג אבגעראוועגט. די וואס זיינען פון די בויערס פון

דעם „בנין" — זיינען ניט מן „המנין" — דאַרום, אַז עס איז ניט לי לשמי אַזעלכע, וואָס גאָט אַליין איז אויך ביי זיי קיין יחסן...
נו, ווי אַזוי זאָל זיין אַ יחסן דער רב משה (ווי די חכמים זאָגען: „משה שפיר קאמרת") משה ווערט גערופען יעדער „תלמיד חכם", יעדער צדיק.

זיי, די חברה, זיי זיינען געפעהרליכע ברואים; זיי, די קרח'ס, די אַלל־רייט'ניקעס, זיי פיהרען מחלוקת מיט דעם רב, מיט דעם חזן אָדער שמש. צוליעב זיי איז די אַלע צרות. זיי בונטעווען און זאָגען וואָס דאַרפען מיר האָבען אַ רב, אַז כל העדה כולם קדושים. ניט מיט דאַוונען און תפילין לעגען זיינען מיר קדושים, זאָנדערען, מיט דעם, וואָס אינסייד, אין האַרצען זייי־נען מיר אידען, און מעהר פערלאַנגט ניט פון אונז.

דאַרום איז אַלע צרות, וואָס מיר האָבען איז נור פון די פאַר־צייטיגע קרח'ס — און איצטיגע „בני־קרח", די וועלכע זיינען לעבען געבליעבען, ווי די חכמים זאָגען: „ובני קרח לא מתו", די בני קרח זיינען ניט געשטאָרבען, און זיי מאַכען די „מחלוקת", זיי, נאָר זיי — מילא די איבעריגע קאָמפּאַני האָבען נאָכגעפאָלגט קרח צו קריעגען אויף משה, אָבער קרח אַליין, ווי קומט ער צו אויפבונטעווען דעם גאַנצען עולם. ער איז דאָך ניט קיין נאַר, און ער אַליין איז דאָך פון די „טועני אָרון", וואָס דער אָרון מיט די „לוחות" איז נאָר נעגעבען געוואָרען צוליעב „אחדות". „ויחן שם ישראל נגד ההר" זאָגען די חכמים, „כולם בלב אחד, כאיש אחד", מיט אחדות, אַלע אַזוי ווי איין מאַן האָבען אַלע אויס־געשריען „נעשה ונשמע" — און צוליעב דעם האָט מען זיי געגע־בען די תורה. דער מדרש זאָגט נאָך ווייטער, אַז בעפאָר דעם „ויחן" האָט מען זיי ניט געגעבען די תורה, ווייל זיי זיינען אי־מער געוועזען אין מחלוקת. דו קרח, וואָס דו ביזט קלוג, און דיר קען מען ניט נאַרען, און דו נאַרסט זיך אַליין. ווי אַזוי ווייסט דו ניט, קרח'קע, אַז דו ביזט „מטועני האָרון", וואָס דאָס בע־וויזט די אידישע אחדות, און צוליעב דעם, גיט מען אונז אַ תורה, און דו אַליין מאַכסט מחלוקת?

דער תירוץ אין רש"י, "עיניו הטעתו", זיין ווייטער קוק האט איהם גענארט. דער קוק, אז ער האט אזא זכות, וואס פון זיינע קינדער וועט ארויסקומען א "שמואל", איז צוליעב איהם וועט ער "ניצול" ווערען פון אלע זיינע זינד, פון אלע זיינע חטאים, וועט ער קיין מפלה צוליעב זיי ניט האבען.

אבער וואס דענקען היינטיגע "בני קרח", ווער וועט אויף זיי מגין זיין, זייערע טהייערע בנים, וואס זוכען זיי אויף זיך צו פיהרען "מחלוקת" ?

השם יתברך זאל זיי ארייגעבען א גוטען זינען, אז זיי זאלען בעסער ווערען און עס זאל זיין "שלום על ישראל".

פרשה קרח.

(דרוש ב׳)

(מדרש) „ויקח קרח״ „קפץ קרח ואמר למשה טלית
שכולה תכלת מהו שתהא פטורה מן הציצית.
א״ל חייבת. אמר לו קרח — טלית שכולה תכלת
אין פוטרת אותה ד חוטים פוטרות אותה, בית
שכולה ספרים מהו שיהא פטור מן המזוזה?
א״ל חייב במזוזה וכו׳. קרח חכם גדול
הי׳ ומטועני הארון הי׳ מה ראה
לשטות זה ? —

נאך א מאל די פריהערדיגע פראגע, וואס איך האב געפרעגט אין ערשטען דרוש. וואס איז דער אונטערשיעד, אז ער איז גע־ווען פון די „טועני הארון״ ? און וויעדער, וואס פאר א שייכות האבען די ביידע פראגעס זיינע פון טלית שכולה תכלת, מיט בית מלא ספרים ? די ערשטע, וואס דארף פטור זיין פון ציצית, די צווייטע — פון מזוזה ?

דער רבינו בחיי זאגט, אז די פראגעס האט קרח געשטעלט, צו ווייזען, אז מען דארף ניט האבען קיין רב. אזוי ווי „טלית שכולה תכלת״ דארף פטור זיין פון ציצית, און אזוי ווי א „בית מלא ספרים״ דארף פטור זיין פון מזוזה, אזוי איז, אז די „עדה״ זיינען „כולם קדושים״, דארף מען ניט האבען משה׳ן, אז ער זאל זיין דער מנהיג אויף די הייליגע זאכען ; אז זיי זיינען אליין „כולם קדושים״ טא צו־וואס דארף מען זיי האבען.

זאָגען דען דאָס ניט היינטיגע „קרח׳ס״, אויף וואָס דאַר־ פען מיר א רב, מיר ווייסען דען ניט, וואָס דער רב וועט אונז זאָגען ? און אז זיי ווילען גאָר, זאָגען זיי „בזה הלשון״, פונקט ווי דער אַלטער „קרח״ מיט זיין קאָמפּאַני זאָגען : „כי כל העדה כולם קדושים״, ווייל ובתוכם ד׳, גאָט איז אין האַרצען. איך וויל ניט מאריך זיין דערמיט, ווייל אַלע האָבען דאָס געשריבען. איך אַליין האָב שוין אויך דאָס דערמאָהנט א פּאָר מאָל. דאָס וואָס זיי טהוען אָב אַלע עבירות, דאָס רעכענען זיי גאָר ניט, נאָר זיי האַלטען אין איין שרייען „ובתוכם ד׳ ״ — אפילו די וואָס זיי־ נען האַלב טרייטטעל, האַלב פּייטעל, זיי זאָגען, אז זיי אַרביי־ טען ניט אום „שבת קודש״ — אָבער דעם רב אָדער דרשן געהט מען ניט הערען, ווינטער — ווייל עס איז קאַלט, זומער — ווייל עס איז היים, און מען געהט אַוועק אין טהעאַטער, דאָרטען איז דאָך גאָר פאַרשטיקט און דאָרטען איז נאָך הייסער ; דאָרטען איז זיי ליעב, אָבער ניט אין די היץ פון שוהל.

איך האָב איינמאָהל געזאָגט אַזאַ חברה־מאַן, א האַלב־ פרומער איז ער געוועזען און א שטיקעל „יודע ספר״. ווען איך האָב איהם געפרעגט : וואָרום ער איז ניט געוועזען אין שוהל און וואו איז ער יא געווען ? ער האָט מיר באַלד געענטפערט :

געוועזען בין איך אין טהעאַטער. אין שוהל איז צו היים צו זיצען, אייך הערען, זאָגאָר איך האָב גרויס הנאה פון אייער זאָ־ גען, אָבער דאָך קען איך די הייסע טעג ניט קומען שוויצען אין שוהל. ווען איך האָב איהם געפרעגט, ווי ווייט איך וויים, איז דאָרט אויך היים און פיעלייכט נאָך הייסער, האָט ער געשוויגען. דאַן האָב איך איהם געזאָגט, וואָרום זאָלט איהר געהן שוויצען אין אַזאַ פּלאַץ פון זינד... בעסער קענט איהר דאָך קומען שוויצען אין שוהל, וואָרום, די גמרא זאָגט אין (שבת קי״ט) „אינו דומה הבל שיש בו חטא להבל שאין בו חטא״...

אזוי האָט קרח זיין טענה געהאָט מיט משה׳ן, אז כל העדה „כולם קדושים״, און זיי זיינען געקומען צו די הויכע מדרגה, צו דעם „תכלית השלימות״, מען דאַרף ניט זוכען זיי בעסערען און

זיי דאַרפֿען דאַרום ניט האָבען אַזעלכע מענשען, וואָס זאָלען זיי פֿיהרען צום תכלית השלימות.

הער זיך איין קרח, דו קענסט פֿאַרפֿיהרען נאָר יענע חברה דיינע, מיט וועמען דו האָסט געשלאָסען ברידערשאַפֿט אום צו פֿיה־רען מחלוקת מיט „משה רבינו", ווייל זיי זיינען דום אין דער זאַך. זיי פֿאַרשטעהען ניט, ווי דו קענסט פֿאַרשטעהען. וואָרום ! דו קרח, זעהסט דאָך פֿון דעם אָרון, וועלכע דו ביזט פֿון זיינע טרע־גער, ווייסט דו דאָך, אַז דער אָרון האָט צובראָכענע מאָסען. זיין לענג — אמאתים וחצי אָרכו, אמאתים וחצי קומתו ואמה וחצי רחבו" — אויף וואָס בעווייזט דאָס, וואָס דער אָרון האָט נאָר צובראָכענע מאָסען און ניט קיין גלייכע ? ווייסט דו קרח, וואָס דער כלי יקר זאָגט דאַרויף ? געוויס ווייסטו, ווייל דו ביזט אַ חכם גדול. ווייסען, ווייסטו, נאָר דו מאַכסט זיך ניט־וויסענדיג. דאָס איז דערפֿאַר, ווייל וויפֿיעל מען זאָל לערנען, אפילו טאָג און נאַכט, איז מען מעהר קליגער צו פֿאַרשטעהען, אַז מען פֿאַר־שטעהט ניט ; ווערט מען מעהר אַ „יודע שאינו יודע" — און קיינער איז נאָך ניט געקומען צום „תכלית השלימות".

דו קרח'קע, לומפּ, דו ביזט דאָך גראַדע אַ חכם, און אַז אויב דו ביזט דאָס, ווייל דער מדרש זאָגט דאָך, אַז „חכם גדול" און אַז דו ביזט עס, דאַרפֿסטו ווּיסען, אַז „איזהו חכם הלומד מכל אדם" — איז ווייל דו ביזט אַ חכם, מעגסט דו זיך ערשט לערנען פֿון יעדען און דו ביזט קיינמאָהל ניט אויסגעלערענט. פֿון וואַ־נען ווייסט מען עס, נאָר פֿון אָרון, פֿון די האַלבע מאָסען.

ווייסט דו, פּרעזידענט, אַז דו דאַרפֿסט האָבען אַ רב אין דיין שוהל ; ווייסט דו שעהנער מענשעלע, אַז אויב דו האָסט אַ רב אין דיין שוהל, לאָז איהם צופֿריעדען, לאָז איהם מאַכען אַ לעבען. דו ביזט געוויס ניט אַזאַ חכם ווי קרח, און דעם אָרון, טראָגסט דו אויך ניט אויף זיך, ווייל דו האָסט איהם שוין לאַנג אַראָפּ־געוואָרפֿען פֿון זיך, קענסט דו דאָך געוויס פֿון דעם פֿאַרשטעהן, אַז מען מוז האָבען אַ רב. דאַרום האָב איך פֿאַר דיר, שעהנער

מענשעלע, פארטייטשט דעם מאמר פשוט און לאגיש, אז דו זאלסט וויסען זיין ניט צו שפיעלען זיך מיט פייער.

געדענקט ! איך ווינש דיר ניט צו האבען אזא פסק ווי קרח. איך ווינש דיר, בעסער געזונד און אלעם גוטען, אין דער צייט, וואס דו וועסט טרייען און העלפען גוטעס צו טהאן פאר אלעמען אין פרט און פאר דיין רב אין כלל.

פרשה קרח.

(דרוש ג')

„ומנושאי הארון היה".

עס איז פארהאן א סך זאכען, וועלכע די מענשהייט איז גע־נארט, מען נארט אפטמאהל זיך אליין, מען נארט דעם צווייטען. אומגעפעהר איינינע ביישפיעלע. היינטיגע וועלט, געהט נאר הייראטהען אויס ליעבע וויל מען זאל זאגען, הייסט: ווי ער הייראט, איז אויס ליעבע...) די מיידעל זאגט, אז דער בחור ליעבט איהר. זאג איך צו איהר, אמת טאקע, אז ביי דעם בחור ברענט צו דיר די ליעבע, אבער און די נדן איז די אינשורענס...

איך האב א מאהל גערעדט מיט איינעם, און רעדענדיג האט ער זיך אזוי געלויבט, אומנאטירליך, מיט דעם, וואס ער וויל ניט פארנעהמען ביי קיינעם קיין פעני. דערצעהלענדיג, זאגט ער מיר, א בעוויז, אז ער האט ניט לאנג געפונען צעהן דאלאר, האט ער עס באלד אבגעגעבען צו דעם פארליערער. — האב איך איהם פלוצ־לונג, האסטיג א פרעג געטהאן. — זאג מיר, טהייערער, ווי וואלט געמאלט זיין, אז דו זאלסט געפינען א גאנצען מיליאן דאלאר, וואלסטו דאס אבגעגעבען? איך האב איהם ניט געגעבען צייט צו דענקען, שנעל זאג מיר.

אט דאס איז געוועזען זיין ענטפער:

— אויב דאס וואלט פארלארען א רייכער, וואלט איך ניט אבגעגעבען, אבער אויב אן ארעמער, וואלט איך געוויס אבגעגעבען.

דא האב איך באלד דערזעהן איהם דורך און דורך...

קרח'ן, איז „עינו הטעתו", זיין פאנטאזיע האט איהם גע־בלאפט. ער האט זיך ניט אבגעשטעלט באטראכטען וואס ער

טהוט, און ער האָט געמיינט, אַז ער טהוט גוטעס, אַ כלל־פאַר־זאָרגער פאַר די גאַנצע מענשהייט, מיינענדיג זיך צו שטעלען אויפ'ן הויכען לייטער.

היינטיגע קרח'ס, פאַרזאָרגער פאַר דער חברה, שטייטש, מען האָט אַזאַ אויסגאַבע אין שוהל, אַ חזן—פיער טויזענד דאָלאַר אַ יאָהר (דאָס מוז קרח האָבען...) אַ הויז־קיפער—טוזענט דאָלאַר אַ יאָהר; עלעקטערי און אַלע אויסגאַבען—צוויי טויזענט דאָלאַר אַ יאָהר; פאַר „פי תמיד" מיט אַ סעודה ט"ו כסליו — פינף הונדערטער. רבותי מיר מוזען פאַרקלענערען די אויסגאַבען. ניין עס קען אַזוי ניט געהן; רבותי, מען מוז. הויבט מען אָן קלעה־רען פון וועמען. דער חזן וועט זיך ניט לאָזען, דער הויז־קיפער, וועט אויסבריקען די צייהן, די „פי תמיד" מיט סעודות, דאָס מוז מען. —

רבותי, איך האָב אַ פּלאַן, מיר קענען יאָ פאַרגרינגערען, פאַרקלענערען די אויסגאַבען און דאָס איז פון אונזער רב. ער נעהמט צעהן דאָלאַר אַ וואָך, לאָמיר מאַכען, אַז פון היינט אָן און ווייטער זאָל ער נעהמען, נאָר אַכט — איהר הערט, רבותי, איך וויים ניט אויף וואָס מיר דאַרפען איינגאַנצען אַ רב, נאָר עס פּאַסט דאָך ניט אָבצוזאָגען, לאָמיר אָבער איהם ניט געבען אַזוי פיעל געלט. געשטימט, מיט דער מיט פּאַסירט. און דער רב „משה", „משה שפיר קאמרת", איז געבליעבען מיט אַכט דאָלאַר אַ וואָך. צו וועמען כאַפּט מען זיך און פון וועמען ווילען זיי רייך ווערען אין חברה, מיט הונדערט זעכצעהן דאָלאַר אַ יאָהר. (אויב ער נעהמט שכירות פון וואָך...) פון רב, ווייל דער איז נע־בעך גאָר אַן איבעריגע זאַך אויף דער וועלט...

קרח אַלטער, קרח'קע יעצטיגער נייער, דו ווייסט וואָס די חכמים זאָגען אויף דעם אָרון? הארון נושא את נושאיו, דער אָרון האָט קיין משא ניט געמאַכט אויף זיינע טרעגער, אין גע־גענטהייל, ער האָט גאָר געמאַכט זיי גרינגער צו געהן, ער האָט זיי געטראָגען, און דאָס זאָגען זיי אויך אויף דעם רב, דאָס איז דער אָרון, צוליעב זיין זכות לעבסט דו, קרח, דו מאַכסט ביזנעס

צוליעב דיין רב, ער גיט דיר עסען, ניט דו איהם, ער מאכט דיר גליקליך, ניט דו איהם...

קרח דער אלטער קרח דער בעל־מחלוקה פון משה און אהרן, זיין פאנטאזיע האט איהם אומגליקליך געמאכט, אין אזא זאך צו האבען אזא מיסטייק, ווער ווייסט נאך, ווי ער, ווייל ער איז דאך „מנושאי הארון", און דער ארון, איז דאך גאר „נושא את נושאיו", טא, ווי אזוי קען קרח קריעגען אויף דער כהונה, ווי קען ער זיך אליין בלאפען, זיך אליין צום נארען מאכען, ער איז דאך מנושאי־הארון ?

זיין פאלשע פאנטאזיע האט איהם פארפיהרט, ער האט גע־זעהען, מיט זיין חכמה, אז עס וועט פון זיינע אור־אור־אייניקלאך ארויסקומען א „שמואל הנביא", וואס ער האט ניט נהנה געווען פון קיינעם „כי שם ביתו", וואו ער איז געקומען האלטען זיינע דרשות, האט ער מיטגעבראכט זיינע אייגענע, אלעס, אט אזא רב דארף מען האבען, ער זאל ניט בעטען עסען, דאס וויל יענער קרח, דאס וויל היינטיגער קרח...

פרשה בלק.

„ויפתח ד׳ את פי האתון״.

מיר וועלען טרייען געבען צו פארשטעהן דעם געדאנק, ווארום הקדוש ברוך הוא האט געמאכט דעם נס, אז דער עזעל זאל רעדען צו איהם און מיט אן אנדער וועג האט גאט ניט געקענט מאכען, אז ער זאל ניט שעלטען די אידען. ווידער האט דאך גאר בלעם קיין מוסר ניט גענומען אפילו פון דעם עזעל זיינעם, ווען ער האט שוין גערעדט. ער האט געזוכט גענוג תחבולות אום צו שילטען — נאר השם יתברך האט איהם אריינגעטהאן אין זיין מויל א מלאך, ווי דער ילקוט זאגט, „מלאך ישב לו בגרונו, רצה לברך מניחו, רצה לקלל בולמו ואינו מניחו״ וכו׳. אלזא צו וואס האט מען געדארפט האבען דעם עזעל׳ס דבור, זאל ער געהן, ער וועט דאך זא ווי זא ניט שילטען?

דער גאנצער יחוס פונ׳ם מענשען איז, מיט דעם, וואס ער קען רעדען, מיט דעם איז ער אויסגעצייכענט פון דער „בהמה״ און „חיה״, מיט דעם „כח הדיבור״ רופט זיך דער מענש „נפש חיה״, ווי דער תרגום זאגט אויף „ויהי האדם לנפש חיה״ „לרוח ממללא״, אז דער מענש איז מקדש, ער פארהייליגט זיינע רייד, דאן איז ער ראוי צו דעם „יתרון״, וואס ער האט דעם דיבור, אויב ניט, איז ער גלייך צו א „בהמה״.

אין אמעריקא, איבערהויפט, איז דער „כח הדיבור״ אויסגענוצט, נאר צו געברויכען אויף שמוץ און גאטעס לעסטערונג. ווי איך האב אנדערשוואו געשריעבען אויף דעם מאמר התנא, אין צחות. דער תנא אין אבות זאגט: איינע פון די עשרה דברים שנבראו בערב שבת בין השמשות, איז אויך באשאפען געווארען דער „פי האתון״ ערב שבת בין השמשות, אז איהר וועט ארויס־

געהן פרייטאג פארנאכט און טרעפען א קאמפאניע שטעהען און הערען א רעדנער אויף א וואגען, אין סטריט, פארבייגעהענדיג הערט א פאר ווערטער וואס ער רעדט, וועט איהר גלייך הערען און פאר־שטעהען פון איהם, אז עס רעדט ניט קיין „נפש חיה", נאר א חיה אדער א בהמה, אז עזעל רעדט... און דאס איז ערב שבת ביז השמשות, פרייטאג פארנאכט ווערט בעשאפען דער „פי־האתון". איך וויל ניט מאריך זיין אין דעם עס איז זעלבסט־פארשטענדליך.

איבערהויפט די פרייהייט פון א לאנד, וואו אידען געפינען זיך, דארט איז דא געגוג אזעלכע עזלען. זיי ריידען ניט מיט דער צונג היילינקייט, נאר אלערליי שמוץ אויף עהרליכע, גאטס־פארכטיגע און אפילו „על ד' ועל משיחו" — דער פסוק זאגט: „והגית בו יומם ולילה", טראכט און רעד אין דער תורה טאג און נאכט, ניט דאס אליין מיינט דער פסוק, אז טאקע טאג און נאכט זאל מען רעדען אין דער תורה, עס איז דאך אוממעגליך. נאר ! ווען איינעם איז שלעכט, זאגט מען א פינסטערער וואלקען רוהט נעבעך אויף זיין הויז; ווען איהם איז גוט און אלעס געהט איהם אם בעסטען, זאגט מען, די ליכטיגקייט פון דער זון, שיינט ביי איהם דורך'ן פענסטער, דאס הייסט, איהם איז ליכטיג. און אזוי ווי ביי איינצעלנע, אזוי איז אויך ביי דעם כלל. ווען אן אומה איז גוט, זאגט מען די שמש הצלחה איז ביי זיי; פאר־קעהרט — זאגט מען, א פינסטערע, אומגליקליכע פאלק דאס איז. מיין טהייערער איד, איך זאג דיר אז, ווען דיר איז גוט „והגית בו יומם", טראכט און רעד אין דער תורה, אבער אויך, ווען דיר איז חס ושלום פינסטער, והגית בו „לילה", ווען דיר איז נאכט, איין כלל הגית בה „יומם" און אפילו „לילה".

דאז הייסט דו „ויהי האדם לנפש חיה לרוח ממללא". דער תנא זאגט, חיה רעה באה לעולם על שבועות שוא... א חיה קומט אויף דער וועלט פאר שווערען פאלש. אויבען אויף, פארשטעהט מען ניט, וואו איז דא די „מדה כנגד מדה"? — מיין טהייערער, מיט וואס איז דער מענש דער יחסן מעהר פאר אלע ברואים, און

איבערהויפּט דער „עם ישראל", וואָס מיר שרייען „אתה בחרתנו מכל העמים", מיט וואָס איז דאָס דער יחוס פון מענשען איז כלל, מעהר פאר א חיה, און דער עם ישראל, גאר דער גרעסטער יחסן, ביי זיך אין פּרט, מעהר פאר די מענשהייט.

די נידעריגסטע איז דער „דומם", די ערד, אלע טרעטען אויף איהר, אויבען, אויף דער ערד, וואַקסט אלע גראָזען, אלע פּרוכטען, אלע שפּייז, דאָס איז דער „צומח", די אלע שפּראָצונגען. העכער פאר'ן צומח איז דער „חי", העכער דעם „חי" איז דער מענש — ווייל ער איז דער איינער, וואָס רופט זיך „מדבר" קומט איהם צו הערשען אויף אלעמען און איבער אלעס, זאָגט „דער שראל", אז ער איז „ועל כולם", מיט וואָס איז דאָס דער יחסן דער „מדבר" — איז דען ניט בעסער פיעלע ברואים, וואָס זיי האָבען ניט דעם כח הדבור ? מיט דעם איז דער מדבר בעסער, גרעסער, פאר אלעם, ווייל ער רעדט מיט זיין מויל הייליגע רייד אין גאַטעס תורה און אין זיינע מצוות, דערמיט איז דער יחסן, דער מדבר. און דערמיט איז דער מדבר ישראל מעהר יחסן פאר אלע מדברים מיט זיין הייליגע רייד, דאַן הייסט דער מדבר נפש חיה לרוח ממללא.

בלעם, דער נביא, דער יעניגער, וואָס דאַרף לעהרנען די מענש־הייט גוטעס, וואָס דאַרף פּרעדיגען מיט זיין מויל א לעהרע, א גו־טע פאר די גאַנצע מענשהייט. דער חברה־מאַן געהט שילטען מיט זיין מויל, א פּאָלק, אום צו קענען פאַרניכטען זיי. איהם האָט השם יתברך געוויעזען, דאָס ער איז, א קלענערער יחסן פאר זיין עזעל. פאר וואָס דו בלעם, האָסט א מויל צום רעדען, אז דו זאלסט זיין דער בחיר פון דער יצירה, צו ענדע, וואָס טהוסט דו מיט דיין מויל ? אַט איז אַן עזעל, און ער קען ניט ריידען, ווייל ער איז נידעריגער פאר דעם מדבר, וואָס דער מענש, דער מדבר, דאַרף גוטעס רעדען, אבער אז דו מדבר, מאַכסט דיין מויל, פאר שילטען גאר און פאר דברים האסורים דאַרף דער עזעל בע־סער רעדען פאר דיר. שאַנדע דאַרפסט דו האָבען פון דיין עזעל.

„ערב שבת בין השמשות", דאָס הענגט „בין קודש לחול", שבת אי קודש, און „בין השמשות", דאָס הענגט „בין קודש לחול",

אזוי איז די רייד פון דער בהמה, „תלוי ועומד". אויב דער מענש איז זוכה מיט זיין רייד, דאן דארף ער נאר ריידען, אבער ניט די בהמה, אבער אויב ער איז ניט זוכה, דאן איז פאר דער בהמה אויך שעהן דער דיבור. פי האתון נברא „בערב שבת בין השמשות"

פרשה בלק.

(דרוש ב׳)

„מי מנה עפר יעקב ומספר את רובע ישראל״.

ניטא אויף דער ערד־קוגעל נאך אזא פאלק, ווי די אידען זיי־נען, וועלכע עס זאל אויף איהר אריבער אזוי פיעל כוואליעס פון ים הצרות והרדיפות און זאל נאך קענען עקסעסטירען ביז היינטי־גען טאג, געזונד און שטארק, נאך פעסט ביי די טראדיציאנען איהרע.

דען די אנדערע אומות, ווי זייער זון איז אונטערגעגאנגען און עס איז געקומען אויף זיי פינסטערנים איבער פינסטערנים, דאן האט זי מעהר ניט אויפגעשיינט, דען דער טויט, דער פאר־ניכטונג איז אויף זיי אנגעקומען און זיי זיינען פארגאנגען, אויף עוויג, קיין זכר — ניט געבליעבען פון זיי — ניט אזוי איז דער עם ישראל. ניט איין מאהל און ניט צוויי מאהל, נאר א סך, א סך, זעהר פיעלע מאהל, איז שוין געוועז איינגעבויגען ישראל צו דעם תהום פון אונטערגאנג. מיט א מאהל, שוין גאר ניט דער־קענדיג, האט אויפגעשיינט צוריק זייער זון און ישראל לעבט, ווייטער לעבעדיג און פריש און מונטער.

אין דער נאטור פון דער צייט, איז פארהאן פיער צייטען : אביב, קיץ, בציר, חורף. — פריהלינג, זומער, שניט, ווינטער. אזוי איז אין דעם מענשען, אין פרט, יעדער איינער אין זיין לע־בען, לעבט דורך די פיער צייטען : פריהלינג—די ערשטע יו־גענד ; זומער—דער יוגענט אלס בחור ; שניט — די צייט, פון זיין הארעוועון קינדער ; ווינטער — דער עלטער, ביז׳ן טויט.

אין כלל, יעדע אומה האט די פיער צייטען, נאר אז עס קומט דער חורף, ווערט זי פארפרארען אויף עוויג און פארלארען. מעהר ווי איין מאהל האט ניט די אומה, די פיער צייטען. קוים קומט אויף איהר די פערטע, דאן בלייבט פון איהר גאר ניט.

דער עם ישראל איז שוין אריבערגעקומען א סך מאהל, גאר א סך מאהל, די אלע ארבע תקופות השנה. נאד'ן חורף איז וויע־דער געקומען פון אנפאנג תקופה, דער אביב...

דאס גיט צו דער בלעם, דער אנטיסעמיט: „מי מנה", ווער קען גאר צעהלען, עס איז ארוים פון צאהל „עפר יעקב", ווי־פיעל מאהל יעקב איז שוין געווען נידעריג מיט די ערד צו גלייך. דער אויסגעגראבענער קבר צו פארשלינגען יעקב׳ן, איז שוין גרייט געווען, איין שלונג—און ניטא. און ווי פיעל מאהל דאס האט פאסירט, עס האט קיין צאהל ניט „ומספר את רובע ישראל", און עס האט קיין צאהל ניט ווי פיעל מאהל זיי זיינען אריבער דעם „רובע", די פיער צייטען, נאד'ן חורף — אביב צוריק „ומספר את „ר ו ב ע" ישראל", ווי פיעל מאהל, איז קיין צאהל ניטא, וואס זיי זיינען אריבער דעם „רובע", די פיער צייטען.

פרשה פנחס.

"הנני נותן לו את בריתי שלום והיתה לו ולזרעו אחריו ברית כהונת עולם."

עס זיינען יעצטיגע צייט פארהאן זעהר פיעל, וואס זייער אייגענער יחוס, יחוס עצמו, הייסט עס, איז ניט אזוי גלענצענד. זיי פיהרען זיך ניט אזוי שעהן, זאגאר זייערע עלטערען זיינען געווען פון גרעסטען יחוס און זיי האבען געהאט דעם יחוס עצמו, מיט זייער אנשטענדיגען פיהרונג. וואס העלפט עס זיי דער יחוס אבות, אז זיי אליין זיינען ניט קיין מענשען.

מען דערצעהלט, אז צוויי האבען זיך אנגעטראפען, איינער איז געוועזען ניט פון יחוס'דיגע עלטערען, גאר נידעריגע, גאר פראסטע עלטערען זיינען זיי געוועזען, אבער ער אליין האט זיך זעהר שעהן געפיהרט און איז געוועזען גרויס געבילדעט.

דער צווייטער, איז געוועזען פון יחוס־דיגע עלטערען, זיין פאטער, איבערהויפט, איז געוועזען א גרויסער תלמיד חכם און טאקע אויך א צדיק, אבער ער אליין איז געוועזען אן אויסוואורף פון דער נאטור.

זייענדיגביידע צוזאמען אין איין פלאץ, האט דער אויסוואורף געזאגט צו דעם פיינעם מאן, וואס שטאמט פון ניט קיין פיינע עלטערען: — וואס שטאלצירסט דו אזוי קעגען מיר, איך בין דאך פון גרויסען יחוס, בארעכען ווער מיין פאטער איז געוועזען און דו שטאלצירסט נאך קעגען מיר?

— שווייג, דו נידעריגע באשעפעניש! — זאגט צו איהם דער פיינער מאן, ניט פון יחוס'דיגען פאטער, — אמת, טאקע, דו האסט א שעהנעם טאטען, דו ביזט פון גרויסען יחוס, אבער פון דיר האט זיך אבגעשטעלט דער יחוס, דו האסט באגראבען אפילו דיין

טאטענ׳ס יחוס, דו האסט אבגעהאקט דיין יחוס, פון דיר אן, איז אבגעשטעלט דער יחוס. דיין טאטע איז דער לעצטער, דו האסט א סוף געמאכט צו זיין יחוס.

— אבער איך בין ניט פון יחוס, נאר פון מיר פאנגט זיך אן דער יחוס... און פון מיר אן וועלן מיינע קינדער רעכענען דעם יחוס זייערן.

פנחס אליין איז פון ביידע זייטען פון זיין יחוס פון אהרן און איבערהויפט זיין אייגענע אויפפיהרונג איז זעהר פיין. ער האט מקדש השם געווען, איינשטעלענדיג זיין אייגענעם לעבען. האט איהם דער פסק מיחס געווען, נאך אהרן. פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן. ווייזט אויס, אז מען דארף איהם רעכענען נאך׳ן יחוס פון דער פאמיליע, זאגט גאט צו משה׳ן, מען דארף ניט, פנחס׳ גרויסקייט מאכען, נאר פון זיין אבשטאמונג, נאר — „הנני נותן לו את בריתי שלום", איך וועל איהם אליין געבען זיין יחוס עצמו, זאגאר ער איז גרויס, שטארק, הויך, גרויס פון יחוס זיינעם, פון אהרן, דעם קדוש ד׳ „הנני נותן לו את בריתי שלום", איך וועל איהם אליין געבען זיין ברית שלום, אז — והיתה לו ולזרעו אחריו ברית כהונת עולם". „והיתה לו" צו איהם אליין וועט זיין פון איהם אליין און ווייטער „ולזרעו אחריו" און צו זיינע קינדער נאך איהם, וועלען זיי פון איהם צעהלען זייער יחוס דעם „ברית כהונת עולם".

פריינדע, מיינע טהייערע לעזער, הערט די ווערטער מיט אייערע אויערען, עפענט אויף אייערע אויגען און לעזט נאכאמאל, וואס העלפט, אז קיידי דערמאהנט אפט מאהל, די הייליגקייט פון איהר מאמען, אז קיידי האט אבגעשניטען, די מאמעס יחוס, קיידי אדער בעסי, דזשייקי אדער מייקי, האט אבגעטויטעט זיינע עלטערען, זיי האבען מיטגענומען דעם יחוס אין דער ערד און עס פוילט מיט זיי צוזאמען. זייערע עלטערען קענען נישט שטאלצירען מיט זיי, פאר זיי וואלט פיעל גלייכער געווען, אז זיי זאלען שטארבען אהן אן אייגענעם יחוס און זיי וואלטען בעסער אין קבר געהערט, אז דער יחוס הויבט זיך אן פון זייער קיידי, בעסי, דזיישקי, מייקי — אך וואלטען זיי צופריעדען געווען. . .

שיחת חולין של תלמידי חכמים.

פון דאנען וועל איך שרייבען בעזרת השם יתברך אייניגע פערל צחות פון גדולי ישראל, וועלכע עס הייסט „שיחת חולין של תלמידי חכמים".

א'.

„ושני תמידים כהלכתם".

בשם הרה"ק אדמו"ר מריזין ז' י' ע' האט אזוי געזאגט:

עס איז פארהאן צוויי „תמידין", איינער „שויתי ד לנגדי תמיד" — און דער צווייטער „וחטאתי נגדי תמיד". די צוויי „תמידין" דארף דער מענש אבהיטען, אז זיי זאלען זיין ביי איהם שטענדיג, דער „שויתי ד' לנגדי תמיד" און „וחטאתי נגדי תמיד", אויב חס ושלום ער האט געזינדיגט. ודפח"ח —

ב'.

דער גאון „בעל מחנה לוי" זצ"ל, האט געזאגט בדרך הלצה, אויף דעם, וואס די חכמים זאגען, אז די טאכטער פון המן האט אויף איהם ארויפגעווארפען א כלי, א ליימענע „כלי חרס של רעי", האט זי אויף זיין קאפ ארויפגעווארפען, אז דאס האט זי געטהאן „על־פי־דין" — דען די חכמים זאגען: „המן מן התורה מנין" „שנאמר המן העץ — און די גמרא זאגט, אז רבי מאיר האלט, אז דער עץ הדעת איז געוועזען א „חטה" א ווייץ — און די געשיכטע פון המן איז דאך געוועזען אום פסח, איז דאך דער דין, חמץ בפסח כופה עליו את הכלי. —

ג'.

ליו"כ בפיוט „מסטין בכבל אסור".

דער שטן, וואס ער איז דער מסור, וואס מסור'ט פאר גאט אויף די אידען, וואס זיי האבען געזינדיגט, נעהמט השם יתברך און לאזט איהם בינדען מיט קייטען.

איז דאך א פראגע, וואס העלפט, וואס מען בינדט איהם די פיס ? — ער מסור'ט דאך מיט זיין מויל, די מויל איז דאך ביי איהם אפען, חאטש די פיס זיינען געבונדען ?

האב איך געזעהען על דרך הלצה.

דען דאס איז ידוע, אז „יום הכפורים" האט דער שטן קיין רשות צו מסור'ען אויף אידען. און דאס איז אויך ידוע, אז די פיס פון די מלאכים איז „ככף רגל עגל". דארום אז מען פארמאכט דעם שטן זיין מויל „יום כפור" ער זאל ניט קאנען ריידען מיט זיין מויל, הויבט ער זיינע פיס, צו דערמאהנען די מעשה העגל, און דעם עגל הזהב, דעם דאלאר, וואס היינטיגע — בוקען זיך צו איהם, וואס דאס ברענגט צו חלול שבת קודש און צו אלע עבירות, טאנצט ער און הויבט די פיסלאך כף רגל עגל, צו דערמאהנען כאטש מעשה העגל. דארום בינדט מען זיינע פיסלאך צו מיט שטריק ער זאל זיי ניט קענען ריהרען פון פלאץ, ער זאל ניט קענען מקטרג זיין...

ד'.

איין הלצה אויף דעם, ווארום מיר זאגען פסח ביי דעם סדר, הא לחמא עניא אויף תרגום לשון, ווייל מיר האבען מורא, פיעלייכט קומען אורחים צום סדר, אבער דערצו איז דאך פארהאן א גר־טער מיטעל, מען זאל פארשליסען די טהיר, איז עס אן עצה פאר ארימע לייט, אורחים, מענשען, זיי קענען ניט אריין, ווען דיר טהיר איז פארשלאסען, אבער וואס קאן מען טהאן, אז עס ווערען קומען מלאכים בדמות אנשים, אזוי ווי עס האט פאסירט ביי אברהם אבינו ? — דארום זאגט מען דעם אנפאנג סדר אויף לשון תרגום, שאין מלאכי השרת מכירין בלשון תרגום (שבת, י"ב), וועט נאר איבערבלייבען דער חשש פאר מענשען, איז דא אן עצה, די טהיר צו פארשליעסען.

ה'.

בעקבתא דמשיחא חוצפא יסגי פני הדור כפני הכלב.

(סוטה מ"ט).

דער פסוק איז (משלי) „תחנונים ידבר רש, ועשיר יענה עזות", מיט געבעט רעדט דער ארימאן און דער גביר ענטפערט מיט עזות,

פארשטעהען מיר דערפון, אז דער שטייגער פון א גביר איז עזות־קייט, שטאלצקייט, ער ענטפערט מיט עזות, אבער ניט דער ארעמאן, פאר איהם פאסט ניט אפילו עפעס עזות׳קייט צו נוצען, און עס איז ניט אינגאנצען דער שטייגער פון אן ארעמאן צו נוצען עזות — נאר עס געפינט זיך א „בעל חי“ פונקט דער היפוך. עס איז ידוע, אז דער נאטור פון דעם כלב, איז דורכאוים עזות. ער איז דער גרעסטער עזות־פנים פון אלע בעלי חיים. ווי די חכמים זאגען : „ג׳ עזין הן כלב שבחיות וכו׳ — און עס איז ניטא אזא גרויסער שלעפער, אזא ארימער, ווי דער כלב. ווי די חכמים זאגען : לית עניא מכלבא, אזא ארעמע בריאה און דאס האט פאר פול די מדת עזות.

אמאהל איז טאקע געוועזען אזוי. ווער איז געווען אן עזות־פנים, א גביר, איהם האט זיך אמאהל פארגלוסט צו טהאן אן עבירה׳לע — און מיט עזות׳קייט געהן, רעדען מיט עזות — הייגט ברוך השם, זיינען פאראן שלעפערס, „עניים וריקים“ און דאד איז ביי זיי די חוצפה געפעהרליך, נאד מעהר ווי פאר־צייטען, ביי דעם גביר אדיר. ווי קומט עס, פון וואנען איז דאס, אן ארעמער שלעפער און ער קריכט צו זיין פרעזידענט, מיט חוצפה, און אז ער ווערט פרעזידענט, איז ער חצוף מחוצף, בריהט אפ יעדען ערדלען אידען. שלעפער, ווי קומט עס צו דיר. שלעפער, ווי קומט צו דיר צו זיין א חטאת, עזות־פנים דו, ווי קומט עס צו דיר ?

דער תירוץ איז, אז עס איז דא נאד איינער אזא שלעפער, ווי דו, און ער איז אויך אזא עזות־פנים ווי דו. און ווייסט דו ווער דאס איז ? טאקע דער כלב, דער עז שבחיות.

וועסט דו וועלען פרעגען, פאר וואס עס איז דאס ניט געווען אמאל אזוי, אז שלעפערס זאלען האבען אזא מין עזות׳קייט ?

— וועל איך דיר זאגען, מיין טהייערער, — ווייל עס איז נאד ניט געוועזען משיח צייט און יעצט איז שוין עקבתא דמשיחא, און בעקבתא דמשיחא חוצפה יסגי, ווייל דאן וועט דאד זיין „כלה פרוצה מן הכים“ און אפילו ביי די יעניגע, וואס עס וועט שוין

זיין „כלה פרוטה מן הכיס" וועט אויך זיין עזות־קייט. ווייל דער טעם איז „פני הדור כפני הכלב", די פני הדור, די איצטיגע רעדעל־פיהרער, די פיעלע שלעפערס, האבען דעם נאטור פון דעם שלעפער, דעם כלב.

ו'.

איינער איז געקומען פרעגען ביי דעם רב פון די גרויסע שטאדט וויען און האט איהם געפרעגט:

— רבי! אז א איד האט זיך גע'שמד'ט און יעצט האט ער חרטה, ער וויל יעצט צוריק ווערען א איד, דארף ער האבען טבילה אדער ניט?

האט איהם דער רב געענטפערט אזוי:

— אין דער אמת'ן, אז דער ווילנער גאון זי"ע האט געשריבען אין זיינע הגהות, אז ער דארף האבען טבילה, צוליעב די מאכלות אסורות, וואס ער האט געגעסען, אין דער צייט, ווי לאנג ער איז געווען גע'שמד'ט. נאר דאך, קען איך ניט הייסען דאס טהאן אין וויען ווארום, אז איך זאל דאס הייסען טהאן אזוי, וועל איך מוזען טובל זיין אלע בעאמטע פון אונזער שטאדט וויען. (דאס קען מען בעסער זאגען אויף אמעריקאנער, יא!)

ז'.

ד"ר דעמבא, איינער פון די גרעסטע איינשטעלערס צו פאר־טהיידיגען די שחיטה, ווען דער ד"ר האט זיך אומגעקעהרט פון באזעלער ציוניסטישען קאנגרעס, דורכפאהרענדיג קאוונע, האט איהם איינער געפרעגט: — ד"ר! וואס האט איהר געטהאן אויף דעם קאנגרעס?

— איך בין געפאהרען צום ציוניסטישען קאנגרעס אין באזעל, צו בעטען ביי די פיהרער פון ציון, אז ווען זייערע אידעא־לען וועלען אויסגעפיהרט ווערען, און עס וועט זיין א אידישע הערשאפט אין ארץ־ישראל, זאלען זיי ניט מבטל זיין די שחיטה...

ח'.

דער גאון יהודה יהושע ליב, ווען ער איז געפאהרען אין ארץ־

ישראל, איז ער דורכגעפאָהרען אַ שטאָדט, וואָס דאָרט איז געווען פינף רעפאָרם רבנים. ווען ער איז שוין אַרויס פון שטאָדט, האָט ער געזאָגט בדרך צחות: אין דער שטאָדט איז פאַרהאַן פינף רע—בנים, וואָס זיי זיינען כנגד (לשון מתנגדים) חמשה חומשי תורה. —

ט'.

אין דער שטאָדט מעץ איז געוועזען דער מנהג, ווען אַ נייער רב איז אָנגעקומען דאָרטען, אַלס אב"ד, האָט ער געדאַרפט מאַכען אַ נייע תקנה, און די תקנה אויפשרייבען אויף דעם לוח הפנקס. ווען דער „בעל שאגת אר"י" איז דאָרט אָנגעקומען אַלס רב ואב"ד, האָט ער געהייסען מען זאָל איהם ברענגען דעם פנקס. ער האָט אויפגעשריעבען לא תגנוב, לא תנאף א. ז. וו. — די נכבדי העיר האָבען זיך פאַרוואונדערט, וואָס איז דאָס, ווי קומט דאָס אין פנקס, דאָס איז דאָך אין די „עשרת הדברות"?

ווען זיי האָבען איהם אויפמערקזאַם געמאַכט, האָט ער זיי געענטפערט, בזה הלשון:

— זייט וויסען, אַזוי ווי איך זעה, אַז אַלעס וואָס די תורה האָט געשריעבען זייט איהר ניט מקיים, נאָר די זאַכען וואָס איז אין פנקס, די תקנות, זייט איהר מקיים אויף דעם העכסטען אָרט, דאַרום האָב איך די עשרת הדברות אַריינגעשריעבען אין דעם פנקס, וועט איהר עס אויך מקיים זיין אַזוי ווי איהר זייט מקיים די אַלע תקנות פון פנקס. —

י'.

אַ גרויסער וויכטיגער מאַן פון די אומות העולם, האָט גע־פרעגט דעם גאון „בעל ישועות יעקב", ווי אַזוי זאָגט אַן אייער תורה „לנכרי תשיך ולאחיך לא תשיך", על־פי יושר השכל איז דאָס ניט קיין „משפט צדק".

האָט ער איהם געענטפערט: — אדרבה, על־פי יושר און על־פי שכל איז דאָס זעהר ריכטיג. ווען עס וואָלט ניט אַזוי גע־זאָגט געוואָרען, וואָלט געווען ניט שכל, ניט יושר. הער זיך גוט איין, וועסט דו מיר מודה זיין. אַ איד טהאָר ניט געבען קיין רבית,

דאָרום איז אָנגעזאָגט געוואָרען, אז מען טהאָר אויך פון איהם ניט נעהמען, אָבער ביי אייך איז דאָך קיין אָנזאָג אויף רבית ניטאָ, מעג ער דאָך נעהמען פון אַ אידען — און ער נעהמט פון אַ אי־דען רבית. טאָ וואו וואָלט זיין דער שכל, אז ער זאָל פון אידען נעהמען און דער איד פון איהם ניט. דאָרום האָט די תורה גע־זאָגט „לנכרי" צו דעם נכרי, וואָס ער מעג נעהמען פון דיר רבית, וויל איך דיר ניט באַ'גזלנ'ען אז דו זאָלסט ניט נעהמען פון איהם, אָבער „ולאחיך" צו דיין ברודער, וואָס ער טהאָר ניט נעהמען פון דיר, טהאָרסט דו אויך ניט נעהמען פון איהם... —

י"א.

אַ פּראָסטער האָט זיך זעהר שטאַרק משמח געווען שמחת תורה, געטאַנצט און געשפּרונגען מיט אַלע קרעפטען זיינע. האָט צו איהם געזאָגט אַ רב, וואָרום ביזט דו אַזוי זיך משמח, האָסט דו דען געלעהרענט ? דו קענסט דאָך ניט אפילו תורה שבכתב ?

האָט צו איהם געזאָגט דער עם הארץ : — הערט זיך איין, רבי ! וואָרום בין איך זיך „מתודה" יום הכפורים, „על חטא שחטאנו לפניך בכפת שוחד" — האָב איך דען גענומען שוחד, קומט מען דען צו מיר מיט אַ דין תורה ? נאָר איהר זייט אַ רב און איהר האָט גענומען שוחד, טאָ וואָרום זאָל איך זיך מתודה זיין אויף אַ זינד וואָס איך האָב ניט געטהאָן, איהר, רבי, האָט גענומען שוחד, און איך זאָל זיך מתודה זיין ?

— נאָר די זאַך איז איינפאַך. אַלע אידען זיינען אין „ערבות" איינער פאַר דעם אַנדערען, איהר האָט געזינדיגט און איך דאַרף זיך מתודה זיין, טאָ וואָרום זאָל איך ניט הוליען אויף דעם וואָס איהר האָט געלערענט.

י"ב.

איינער, אַ קלוגער איד, פון פּוילען, איז אַמאָל געוועזען שבת אין דייטשלאַנד. מיט זיין בעל־הבית, וואו ער איז איינגעשטאַנען, איז ער געגאַנגען אין שוהל. נאָך „קריאת התורה" האָט זייער פּרע־דיגער גערעדט אַ שטונדע צייט, אין דייטש, ווי זייער מאָדע איז.

דער פוילישער איד איז געזעסען און האט אויסגעהערט אלעס וואס ער האט געזאגט.

איז צו איהם צוגעגאנגען איינער פון די חשובי העיר און פרעגט איהם: — מיין הערר, געפעהלט אייך דעם פרעדיגער'ס דרשה?

— יא וואהל, וואונדערבאר, וואונדערבאר, ער האט מיר פאר־ענטפערט, א קשיא, א גרויסע, וועלכע איך האב דעם תירוץ ניט געוואוסט ביז איך האב איהם אויסגעהערט זיין דרוש.

— וואס רעדט איהר, ער האט דאך קיין קשיא געפרעגט און ניט געאנטווארט, טא וואס פאר א קשיא איז דאס געוועזען אייך פאראנטווארט מיט זיין דרוש.

— הערט איהר: מיר איז אימער געווען א פראגע, וואס איך האב קיין מאהל קיין אנטווארט באקומען פון קיינעם. אין די פיער און צוואנציג צייטען פון קהלת איז פאראן א ממוצע, א מיטעל־פונקט אין אלע, נאר אין איינע ניט. אומגעפעהר: עת להרוס ועת לבנות, א צייט צו ברעכען, א צייט צו בויען, איז דער ממוצע, ניט בוי, ניט ברעך; „עת לנטוע ועת לעקור נטוע", א צייט צו פלאנצען, א צייט אויסצורייסען די געפלאנצטע — ניט פלאנץ, ניט רייס, אזוי אין אלע, איז דא א ממוצע, נאר אין איינע איז קיין ממוצע ניטא, „עת לחשות ועת לדבר", א צייט צו שווייגען, א צייט צו ריידען, וואו איז דא פאראן א ממוצע, אדער ריידען, אדער שווייגען, קיין ממוצע פאראן, און איך האב ניט געקענט געפינען, ביז איך האב געהערט אייער פרעדיגער, ער האט מיר געענטפערט, אז עס איז דא א ממוצע, ער אליין איז דער ממוצע פון שווייגען ביז ריידען, ער רעדט און רעדט און רעדט, שווייגען הייסט עס ניט און גערעדט הייסט עס אויך ניט, ער רעדט און רעדט און ניט גערעדט...

י"ג.

צו דעם צדיק ר' מאיר מרימאנוב איז מען געקומען בעטען פאר א קראנקען, וועלכער איז שוין געוועזען א גוסס. האט ער געהייסען געבען א גרויסע נדבה צום קופת ר' „מאיר בעל הנס" — און ער האט אזוי באמערקט: — די חכמים זאגען, „רוב גוססין

למיתה". די מעהרערע, וועלכע זיינען גוסס, זיינען צום שטארבען, און ר' מאיר האלט אומעטום, אז מען איז „חייש למעוטא", אלזא, איז צוליעב זיין זכות און צוליעב זיין סברא וועט דער חולה גע־זונד ווערען און אזוי איז עס געוועזען.

י"ד.

הגאון ר' יונתן ז"ל, האט געלעהרענט די דייטשע שפראך, ווען ער פלעגט זיצען „בבית הכסא". האט ער איין מאל געלעזען אין א דייטשען בוך א סגולה — ווער עס וויל, אז זיינע בוימער זאלען שנעלער וואקסען פרוכט און צייטיג ווערען שנעלער זאל קאכען ציגען פלייש מיט די מוטערס מילך, דאס מיינט, די יונגע ציגעלע מיט איהר מאמעס מילך און מען זאל דאס ארויפטהאן אויף די בוימער וועט עס שנעל פרוכט געבען. ווי ער האט דאס אזוי געלעזען, איז איהם איינגעפאלען, אז די תורה האט עס אנגע־וואונקען מיט דעם סמיכות הפסוקים: „ראשית בכורי אדמתך תביא בית ד"א — לא תבשל גדי בחלב אמו" ודו"ק —

אבער דער צדיק וגאון האט זיין גאנצען לעבען זיך מצער געווען, וואס ער האט געטראכט דברי תורה בבית הכסא...—

ט"ו.

אין א געפעהרליכען קאלטען ווינטער, איז איינער, א סוחר געפאהרען אויף א יריד. אין מיטען נאכט, קוים מיט'ן לעבען, באלד פארפרארען, איז ער אנגעקומען אין לעבוויץ, וואו דער „בעל ההפלאה איז געוועזען. ווייטער האט ער ניט געקענט פאהרען, ווייל זיין גאנצער קערפער איז געוועזען דורכגעפרארען. האט ער גע־וואלט אריינגעהן אין א הויז. אבער צום באדויערען זיינען אלע הייזער געוועזען פארשלאסען און פינסטער. א שיין פון א ליכט האט איהם א בליאסק געטהאן אויף דער אנדער זייט געסעל. ער איז מיט שמחה צוגעלאפען (דאס איז געווען דעם בעל ההפלאה'ס הויז און ער האט געלעהרענט געשמאק), אנגעקלאפט. דער בעל הפלאה האט איהם באלד אויפגעפענט, אריינגעלאזען, איהם גע־געבען ווארעמעס און עסען און דער בעל הפלאה האט זיך גע־זעצט לערנען ווי אימער.

דער מאַן האָט באַטראַכט, ווי די הויז איז וואַרעם און מיט וואָס פאַר אַ תענוג ער לערענט, האָט ער דעם גאון מקנא געווען.

זאָגט ער צו איהם: — רבי! קיין עולם הזה האָב איך ניט, איהר זעהט דאָך, איך בין באַלד פאַרפראָרען געוואָרען, איך מוטשע זיך טאָג און נאַכט, אָבער איך פרעג אייך, רבי, וועל איך קיין עולם הבא אויך ניט האָבען?

האָט איהם דער גאון, בעל הפלאָה געענטפערט:

— נאָך דיינע רייד, אַז דו וואונדערסט זיך, וועסט דו אויך ניט האָבען. אויב אַזוי דאַרף דיין פערד מעהר „עולם הבא" האָבען פאַר דיר, ער מוטשעט זיך נאָך מעהר, פאַר דיר, אָט זיצט דו יעצט אין אַ וואַרימע הויז און דיין פערד שטעהט אין דרויסען און פריהרט און ליידט...—

ט"ז.

אַ רב האָט געזאָגט ע"ד הצחות, אויף דעם, וואָס היינטיגע צייטען ווילען די קהלות דווקא אַזאַ רב, דער וואָס קען רעדען אין ענגליש, דאָס איז דער געדאַנק פון דער מסורה, די וועלכע אַלע ברענגען, נעשה ונשמע — ונשמע קולו בבואו אל הקודש — ונשמע פתגם המלך. —

אַ מאָל, ווען אַלע זיינען געווען פרום און גוט, עס האָט ניט געהערשט צווישען די אידען קיין הפקרות, אַז מען פלעגט זוכען אַ רב, האָט מען געזוכט אַ גרויסען תלמיד חכם און דערצו אַ ירא שמים, איז געווען „נעשה ונשמע", דער עיקר „נעשה", „מצוות ומעשים טובים", ווען ביי אַלעמען האָט געוועלטיגט דער „נעשה" נאָכהער „ונשמע", נאָכהער פלעגט מען זעהן אויב ער קען זאָגען, איז גוט, און ווען ניט איז אויך גוט געווען.

און אַז עס איז געוואָרען אַ ביסעלע די יראָה קיהלער, האָט מען שוין ניט אַזוי געקוקט אויף דעם רב, וואָס מען דאַרף נעהמען, אויף זיין יראָה, אויב עס איז ביי איהם שטאַרק דער „נעשה", נאָר וואָס דען האָט מען געקוקט, אויף דעם „עיקר", אויב ער קען גוט רעדען, „ונשמע קולו בבואו אל הקודש" — עס האָט זיך בעפאָר געדאַרפט הערען זיין שטימע, זיין דרוש, אויב ער קען

זינגען אין דרוש. דאן איז ער אויסגעקליבען געווארען פאר א רב....

יעצט, אז „בעוונותינו הרבים" איז איינגאנצען די יראה ניטא, זוכט מען א רב, וואס זאל קענען די מדינה־שפראך און מיט דער שפראך זאל ער האלטען זיינע לעקטשורס. יעצט איז „ונשמע פתגם המלך", עס דארף געהערט ווערען, אויב ער קען גוט די "שפת־המדינה" רעדען אויף דער שפראך.

אוי לאותה בושה, אוי לאותה כלימה. —

י"ז.

אין לבוב איז געווען א דיין, וואס מען האט אויף איהם גע־רעדט, אז ער איז א מאהל מקבל שוחד. — א מאהל האט זיך געמאכט, אז ער האט געדאווענט תפלת שחרית בבית הגאון מאור הגולה, ר' יעקב אורישטיין. האט דער דיין זעהר מאריך געווען „באחד" — נאך'ן דאווענען פרעגט איהם דער „גאון יעקב", וואס האט איהר אזוי מאריך געווען „באחד"?— האט ער ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען.

זאגט צו איהם דער „גאון יעקב", איך וועל אייך זאגען דעם טעם: — די חכמים זאגען „כל הדן דין אמת לאמתו נעשה שותף להקדוש ברוך הוא. דארום, אויב א דיין נעהמט ניט קיין שוחד, דאן ווערט ניט גערופען דער רבונו של עולם אחד, ווייל ער האט א שותף, דעם „דיין", אבער אז דער דיין נעהמט „שוחד", איז ער דאך ניט געווארען קיין שותף צו השם יתברך, דאן איז השם יתברך אחד ואין שני לו. דארום, איהר דיין, וואס איהר האט יא גענומען שוחד, זייט איהר מאריך אין „אחד" און איהר רופט אויס, אז ער איז אחד, קיין שותף האט ער ניט...

פרשה מסעי.

(מדרש רבה) צו את בני ישראל ואָמרת אליהם, כי
אתם באים אל ארץ כנען זאת הארץ אשר תפול לכם
בנחלה, מלמד שהראָה הקב"ה למשה כל מה שהי'
ועתיד להיות הראָה לו מדן עומד שמשון, וברק
בן אבינועם מנפתלי, וכן כל דור ודור
ודורשיו, דור ודור ושופטיו, דור ודור
ומנהיגיו, דור ודור ופושעיו, דור ודור
וצדיקיו, שנא' ויאמר ד' אליו זאת
הארץ אשר נשבעתי לאברהם ליצחק
ויעקב לאמר לזרעך אתננה,
הראיתיך בעיניך ע"כ.

מיין שטייגער איז ניט צו פרעגען קיינע קשיות. וואָרום, וואָס איז דער תועלת דערפון. מען נעהמט פסוקים און מען ברעכט, מאמרים—מען צורייסט און נאָכהער מאַטערען בויען, צוזאַמענ־שטעלען. ניט ברעך, ניט בוי, ניט רייס, ניט נעה. נאָר איין קליי־ניגקייט וועל איך נאָר אויפמערקזאַם מאַכען, וואָס דער מדרש כאַפּט נאָר אָן דיביידע „הראה לו מדן עומד שמשון", „וברק בן אבינועם מנפתלי", וואָס עפּעס די, וואָס פאַר אַ שייכות האָ־בען זיי איינער צום אַנדערען, אַז דווקא די צוויי דערמאָהנט ער אַז דער מדרש זאָגט ווייטער, ער האָט איהם דאָך ניט געוויזען נאָר זיי אַליין, „וכן כל דור ודור ודורשיו" וכו', וואָרום רע־כענט ער די ביידע ? ...

פריינדע, איך האָב איינינע מאָהל געשריעבען אין מיינע דרשות, שטאַרקע, אמת'ע קריטיקע אויף אונזערע מנהיגים, גראָדע פון די ניט פרומע פּרעזידענטען וועמען איך האָב געזאָגט דעם אמת,

וועלכען זיי אליין גיבען צו, זיי זיינען ניט אין כעס אויף מיר, און מאנכע, זאגען נאך אז מיר קומט קרעדיט, ווייל איך בין ניט קיין נושא פנים.

ווער זיינען גראדע יע אין כעס אביסעלע. אונזערע רבנים׳לאך, פון די וואס זיי ווערען אויסגערעכענט אין פרק „רעב של בצורת״ — רעב של „מהומה״, רעב של כליה, זיי זאגען, עס איז צו שטארק, מיר קענען דאס ניט זאגען, ווייל זיי ווילען זיך אונטער־לעקען, מען זאל זיי צרווארפען א ביינדעל. — סטייטשט, ווי קען מען עס זאגען אויף די בעאמטע און פרעזידענטען... אין כלל גיבען זיי צו, אז מען דארף און מען מוז האבען אייערע ספרים, אבער ווארום דעקט איהר דאך אזוי שטארק, אט די פיעלע פרע־זידענטען ? זאגען זיי מיר.

איך וויל ניט מאריך זיין אין דעם ענין, ווארום, גראדע אין דעם דרוש, וויל איך אנדערע סארטען פרעזידענטען און אזוי גרע־סערע אידישע פיהרער, כאטש זיי זיינען ניט קיין צדיקים, וויל איך זיי אויפהויבען און זיך צומאכען צו זיי און פיעלייכט זיי אויפהויבען אויף א גרויסע מדרגה. אבערווארט, ניט צו אלעמען, ניין, וועמען עס קומט דער פסק, דער וועט קריגען און ווער פון זיי איז ניט בערעכטיגט צו א פסק, וועט נאך ערקלעהרט ווערען אין א הויכע מדרגה. ניט אלע מאהל בין איך אזוי שלעכט, איך וויל דיעזען מאהל צו זיי ריידען א ביסעלע מילדער.

מיר האבען א סארט פון די היינטיגע פיהרער, מיטעלע און גרעסערע און גאר גרויסע, די וועלכע זיינען אוועק פון דער גאנ־צער אידישער טראדיציאן, כופרים, מומרים בכל התורה און דער־צו נאך, זיינען זיי פארביסענע אנטיסעמיטען, זיי קענען ניט קוקען אין די אויגען אן אמתען, וואהרען פרומען אידען. נאך מעהר, אויף א תלמיד חכם, דער לעצטער איז ביי זיי פאר־רעכענט פאר גאר קיין מענש ניט. זאל קומען ווער א תלמיד חכם, אן ארעמער און עפעס פארלאנגען, איז ביי זיי ערגער א סך דער תלמיד חכם, ווי אן עם הארץ. זיי האבען פיינט דעם ריכטיגען אידען, תכלית שנאה, פונקט ווי דער משורר הקדוש

זאגט „תכלית שנאה שנאתים לאויבים היו לי״. און דאך, אט די חברה, די וואס קענען ניט זעהן א אידען אין די אויגען, די נעהמען זיך גדולה פון די אידען. זיי הערשען אויף די אידען און פראקלאמירען זיך פאר אידישע פיהרער. די פוסטע זאנגען האלטען די קאפ אויפגעהויבען אויף די פולע זאנגען, וואס האלטען די קעפ זייערע ארונטער; פון די פוסטע פעסער איז דער קול גרעסער און זיי זיינען נאך בעטיטעלט מיט א פילאנטראפישען נאמען. זיי זיינען איבער דעם עם קדוש מיט'ן נאמען הערשער זיך געבענדיג. זיי, די, וואס האבען פיינט דעם אידען מיט זיין תורה צוזאמען און מיט זיין אלטען גלויבען. אויף זיי האב איך עם געשריעבען אין אלע מיינע ספרים. זיי האב איך אוועק־געגעבען דעם ריכטיגען גאב. איך האב שוין געמאכט א מיסטייק, דעם ריכטיגען גאב רוף איך עס. ווער איז גאר אין שטאנד צו שילדערען, וואס פאר א „תוכחה״ די משחיתים קומט. האסען דעם אידען און זוכען כבוד פון אידען; האבען פיינט די תורה און זוכען כבוד פון בני תורה. אט די, ווען זיי זעהן, אז איינער זאל אנזידלען דעם רב, שטעהען זיי און קוועלען. ווייל דאס איז זייער ריכטיגער פארגעניגען.

זיי, אט די, פרעג איך, אז דו האסט פיינט דעם אידען, וואס קריכסט דו צווישען אידען, צו ווערען נאך דערצו א פרעז־זידענט. אט דו טריפה'נער ביין, אז דו האסט פיינט די תורה און גאט און אלעס, וואס קריכסט דו? ווערען א פיהרער אונז אין ציון. פאר דיר איז דאך איין קדושה. ציון אדער מאסקווע, אזוי ווי יענע זיינען רודף אידישקייט און אזוי ווי יענע זיינען ארויסגעגאנגען אנטקעגען דעם בורא עולם און זיי ווילען איהם פארניכטען, אזוי ביסט דו. פרעג איך דיר, דו שעהנער מענש, וואו קריכסט דו, וואו פיהרסט דו אונז ,אזוי גראב ביזט דו, אז דו האסט קיין חומש אפילו ניט געלערענט! אז גאט האט אונז אנגעזאגט, איהר זאלט אין כנען קומענדיג, ניט נאכטהאן די גוים און אויב יא, וועט אייך אויסשפייען די לאנד. און אזוי איז עס טאקע געווען...

אלא ! וואס וועסט דו זאגען, דו גלויבסט ניט אין דער תורה. פרעג איך דיר, וואס גלויבסט דו אין ארץ־ישראל ? בע־סער ווי אין מעקסיקא ? אדער אוקראינע ? אלא ! דו גלויבסט טאקע ניט אין קדושת ארץ־ישראל און אין די תורה, נאר וואס דען, דאס איז עפעס א כבוד... אדער (טאקע גדולה), גאר פשוט, ביזנעס ? ניין, איך קען דיר ניט שווייגען.

עס איז דא נאך א סארט, אמת ניט קיין צדיקים זיינען זיי, אמת ניט בעסער ווי די ערשטע אין אידישקייט, און אין אלעס, זיינען זיי גלייכע צדיקים, אבער זיי זיינען איבערגעגעבען, פאר אלעס, וואס הייליג איז, ביי זיי איז ליעב דער איד און זיין אי־דישקייט, זיין גאט מיט זיין תורה, זיין לעבען און זיין טרא־דיציאן, זיינע מנהגים און זיינע הייליגע, מיט'ן גרעסטען רעס־פעקט פאר א תלמיד חכם, מיט'ן פולען רעספעקט פאר א מחבר און פאר אלעס וואס הייליג איז; זיי זיינען זיך מוסר נפש פאר קדושת הארץ, זאל מען אנריהרען א אידען, וועט ער ניט קר־קען אויף זיין לעבען, אויף זיינע ברידער, קוקט ער מיט זיינע אויגען, מיט אן אמת ליעבען בליק, ער איז אימער פארזארגט אויף די צרות און רדיפות, וואס אידען שטעהען אוים ; איז ער א פרעזידענט אין וועלכער עס איז שוהל, לעבט דער רב דארט גליקליך, ער גיט דעם רב כבוד, ניט דער רב איהם. — אמת, פרום איז ער ניט, איך האב צו איהם ניט, איך האב איהם ליעב, ווייל זיינע מעשים, דאס הייסט, די ליעבע פון זיין פאלק און צו אלעס וואס אידיש איז, מיט זיין מסירת נפש צום אידישען פאלק, אט די מעשים פארטהיידיגען זיין פרייהייט, ווייל עס קען זיין, ניין און נייניציג טהייל, איז ער ניט שולדיג אין זיינע מעשים, וואס ער איז ניט פרום, ער האט פיעלייכט באקומען אזא ערציהונג, אדער אנדערע אומשטענדען. איהם ליעב איך און ליעבען אלע, ווייל ער ליעבט אלעמען, איבערהויבט די „תלמידי חכמים", ער ליעבט די תורה און אין כלל איז ער זיך מוסר־נפש פאר'ן אידישען פאלק. וואס זאגט איהר ? פיעלייכט ניין אפשר ? עס קען ניט זיין, איהר זאלט ניט מסכים זיין צו מיר,

ווייל איהר פאַרשטעהט, פיעלייכט בעסער פאַר מיר. נאָר ליעבער רבי, טהייערער רבי, אויב איהר זייט ניט מסכים מיט מיר, נאָר איהר גלייכט דעם ערשטען אויך, זאָג איך אייך, אז איהר זייט נאָר אַ היפּאָקריט, אָדער איהר האָט דעם נאַטור פון עשו, איהר האָט מורא פאַר'ן טאַפּ לינדזען און פאַר דעם טאַפּ פאַרקויפט איהר אייער בכורה.

איהר געדענקט, וואָס איך האָב באַמערקט אין אָנפאַנג דרוש, (קוקט איין אין דעם מאמר), וואָרום איז דאָס, וואָס גאָט ברוך־הוא האָט געוויזען משה'ן — אַלע דורות און רעכענט נאָר „מדן עומד שמשון, וברק בן אבינועם מנפתלי", וואָס איז דאָס, וואָ־רום איז דאָס ? זיי ביידען נאָר ? אָט דאָס איז וואָס איך וויל אייך ערקלעהרען.

שמשון איז געווען אַ אידישער שופט, דאָס ווייסט איהר דאָך, פון שמשון'ס פרומקייט ווייס איך ניט אַזוי פיעל, אפשר ווייסט איהר, איך זאָג ניט חס ושלום, אַז ער איז ניט פרום געווען, איך זאָג אָבער ניט אַז יאָ, איך ווייס ניט, דאָס אַלעס, נאָר דאָס ווייס איך וואָס די חכמים זאָגען אויף איהם : שמשון הלך אחר עיניו (והי' רועה זונות), עפּעס ניט קיין גרויסקייט אויף איהם... עפּעס ניט אַזוי שעהן. איך גלויב ניט, אַז ער איז געוועזען אַזאַ צדיק...

אָבער דער אידישער כבוד איז איהם געוועזען גרויס, טהייער, ליעב אין זיינע אויגען, ער איז געוועזען אַ שופט מיט מסירת־נפש, אימער געשטעלט זיין לעבען אין געפאַהר פאַר זיינע ברי־דער ביז דעם לעצטען מאָמענט זיינעם. דער "תמות נפשי עם פלשתים", ראַכע פון די אידישע דריקער, מיט מיין לעבען צו־זאַמען וועל איך ראַכע נעהמען פון זיי.

דאַגעגען, מיינע טהייערע, „ברק בן אבינועם", איז געוועזען אַ צדיק תמים, (קוק איין אין ילקוט, שופטים, סימן מ"ב) ברק שמש את יהושע בן נון. דער ילקוט דערקלעהרט ווייטער ווי גרויס ברק איז געוועזען, אָבער איינשטעלען זיין לעבען פאַר אידען, ניט

פון ארט. „אם תלכי עמי והלכתי ואם לא״ וכו׳. אבער ברק גיב א קוק די אידישע לאגע, ניין, ניט פון ארט.

„ותשר דבורה וברק בן אבינועם״, ער איז דער טפל צו איהר. האט גאט ברוך־הוא געוויעזען צו משה׳ן, זעה! ברק איז א צדיק, אבער ער איז ניט איבערגעגעבען אזוי שטארק פאר אי־דען מיט מסירת נפש; שמשון, איז שוין גאר אנדערש, שמשון איז ניט אזוי גרוים, שמשון איז שוין א סארט מענש, וואס ער איז גאר א „הולך אחר עיניו״, נאך „נשים נכריות״ און איך שטעל דיר ביידען צוזאמען, ווייל איך וויל דיר ווייזען וואס איך האב ליעב, איך ליעב איהם — משה! דו זיי וויסען, אז ביי מיר איז גערעכענט „שמשון״, דער „הולך אחר עיניו״, ווי „ברק בן אבינועם״, דער גרויסער צדיק.

נו! יעצט וועט איהר צו מיר ניט האבען וואס איך זאג אימער און שרייב אלע מאהל אנטקעגען די היינטיגע בעאמטע און פיהרער פון דעם עם ישראל, וועלכע האסען א אידען, און טאמער איז ער א פרעזידענט וואו, איז דאס נאר צוליעב אדווערטייזמענטס, וואס דען דארף ער עס — נו זאל זיין צוליעב כבוד.—

פרשה דברים

(מדרש רבה) „כי גדול כים שברך מי ירפא לך,
מי שירפא שבר של ים ירפא גם שברך“.

עס איז פאַרהאַן אַ סך צרות אויף דער וועלט, די וועלכע קענען גאַנץ גרינג געהאָלפען ווערען, מיט דער נאַטור, זעהר גרינג, די צרות, וואָס געהען ניט אַרויס פון דער טבע, איז די טבע אַליין קען זיי היילען, דורך די „סמי רפואה הזמן“, אָבער עס איז אויך פאַרהאַן צרות, די וועלכע קענען ניט געהיילט ווערען מיט דער נאַטור, ווייל עס איז אַזעלכע צרות, וואָס עס טרעפט ניט אַלע טאָג, מיט דעם גאַנג פון דער נאַטור, נאָר דאָס איז אַזאַ מין צרה, וואָס עס טרעפט זעלטען, וואָס די נאַטור האָט עס ניט, דאַרום איז עס אוממעגליך צו געהיילט ווערען נאָר למעלה מדרך הטבע.

מיר אידען זיינען אויך אונטערוואָרפען אַלע צרות, וואָס די נאַטור גיט, און מיר ווערען געהיילט מיט דער נאַטור, אָבער דער־צו האָבען מיר מעהר יחוס צו באַקומען צרות, די וועלכע זיינען אויסער דער נאַטור, דאַן מוזען מיר שוין געהאָלפען ווערען למעלה „מדרך הטבע“, און גאָט ברוך־הוא טהוט עס פאַר אונז אימער און אימער, ווייל מיט דעם נאַטור, וועלכע גאָט האָט איינגע־אָרדענט, קען אונז ניט העלפען, דען ווען מיר האָבען צרות איז עס איבער דער נאַטור.

אונזער בית המקדש, מיט דעם חורבן האָרץ, מיט אַלע אונ־זערע צרות, די וועלכע מיר האָבען דאַן געהאַט, איז געוועזען ניט פון דער נאַטור, נאָר איבער דער נאַטור, ווי די חכמים האָבען עס פאַרשטאַנען : „שדא גירא למזרח — „נפל בירושלים“, וואו ער האָט דעם פייל געוואָרפען, איז עס אַלס געפאַלען אין ירושלים.

און "סתם" די אונגליקען, וואס עס איז פארגעקומען, איז ניט געווען מן הטבע, ווי דער מקונן שילדערט. דארום, מוז אונזער ישועה קומען ניט מן הטבע, נאר דער באשעפער אונזער, וועט אונז אליין ברענגען א ישועה. די אלע ארבייט פון מענשען איז גאר ניט, דאס איז נאר עטוואס צו פארבעסערען, מיט דער נא־טור, זאל אונז א ביסעלע לייכטער זיין. מיר טהארען ניט דענקען אויף איין וויילע, אז די איצטיגע טהועכץ איז אונזער ישועה, מיר דארפען טהאן, וואס מיר קענען, אבער מיר דארפען ניט דענקען, אז דאס איז די אמת'ע הילף, ביז דער עוויגער וועט אונז שיקען זיין הילף פון הימעל, למעלה מדרך הטבע.

ווען עס מאכט זיך אן אויסברוך פון ים — ער שטורעמט און שטורעמט, די כוואליעס שטארקען זיך, זיי פלייצען, זיי רייסען זיך ארוים פון זייער ברעג, די שיפען זינקען, מענשען טרינקען זיך, קען דען דער קעפטען אדער אנדערע היינטיגע חכמים עפעס טהאן און איינשטילען דעם ים? ניין, טויזענט מאהל ניין. נאר השם יתברך, ער קען, ער איז דער בעל הבית אויף דעם, ניט די נאטור.

דאס זאגט דער מקונן: „כי גדול כים שברך", דיין בראך איז גלייך צום ים, זיין בראך, איהר זייט ביידע גלייך. דארום זאגט דער „מדרש" „מי שירפא שבר של ים ירפא גם שברך", דעם ים, ווער קען העלפען זיין ברוך, נאר גאט אליין, מיט דער נא־טור קען קיינער ניט העלפען, די זעלבע דעם עם ישראל קען קיי־נער העלפען אויסער ער אליין...

(מדרש פליאה) כשבא משה רבינו ע"ה וראה תדשא הארץ דשא בכה וראה החורבן.

מען דארף געווים ניט פרעגען אויף דעם מדרש קיין פראגע, וואו עס שיקט זיך ניט, ווייל עס פארשטעהט זיך אין גאנצען ניט, אום צו פארשטעהן, וועל איך ברענגען נאך א מאמר המדרש:

„וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאוד,
(מדרש) והנה טוב מאד זה המות“.

דיזען מדרש האָבען איך שוין אַ מאָהל געשריעבען אין מיינע ספרים, איך געדענק אפילו ניט וואו, אין וועלכען ספר, דאָרום וועל איך דאָ מאַכען זעהר קורץ.

דער באַשעפער אונזערער, האָט אונז די שעהנע וועלטעלע בעשאַפען מיט כל טוב, אַלעס איז צו באַקומען, אַל־דאָס גוטס קען מען אין איהר געפינען, אָבער עס איז אויך דאָ צרות געגוג אויף דער וועלט, קראַנקהייטען מיט אַלע יסורים, טויט און ערגער ווי טויט, אָבער די מעהרערע קראַנקהייטען קומען פון צופיעל וואוילטאָג, ווי זיי באַשרייבען שוין, די קלוגע און די פּראָפעסאָרען, אַז מעהר ווי העלפט מענשען שטאַרבען פון צופיעל וואוילטאָג, איבערהויבט פון צופיעל עסען.

קראַנקהייטען מיט אַלע סאָרטען שרעקליכע וועהטאָגען קומען נאָר צוליעב וואוילטאָג און עסען, צופיעל פון אַלע תאוות זיך נאָכגעבענדיג. ווען גאָט ברוך־הוא האָט באַשאַפען די וועלט, האָט ער איהר איינגעאָרדענט מיט אַלעם גוטען, אָבער דער מענש דאַרף געניסען די גוטעס, מיט אַ מאָס, ניט נאָכגעבען זיך וואָס די אויג זעהט און די הארץ גלוסט, דאַן איז די וועלט גוט. „והנה טוב זה החיים“, לעבען פון דער וועלט, פון די גוטעס מיט דער מאָס, דאָס איז גוט, און דאָס גיט לעבען אָבער „טוב מאד“, זעהר גוט, אַז אַ מענש גיט נאָך דעם „מאד“ זעהר און זעהר זאָל זיין דער טוב, דאַן איז דאָס „זה המות“.

און אַזוי ווי עס איז דער „טוב מאד“ אַ סם המות פאַר'ן קערפּער, אַזוי איז אויך אַ סם פאַר דער „נשמה“. דער וואָס זוכט דעם „טוב מאד“ צו לעבען זעהר גוט, ביי דעם איז שוין די נשמה אַ טויטע, אינגאַנצען טויט. די ערשטע ליידט באַלד, די נשמה זיינע. דאָס דאַרף מען ניט פיעל אייך ערקלעהרען, איהר זעהט דאָס געגוג.

איבערהויבט אין אַמעריקאַ און אין אַלע פרייע לענדער, וואו מיר האָבען די מעגליכקייטען נאָכגעבען דעם „טוב מאד“, איז

שוין די נשמה טויט, אפילו אין די בתי מדרשים, זעהט איהר, ווי עס הערשט א טויטקייט, אפילו דארט, זעהט איהר ניט דעם אידישען גייסט שוועבען. דעם כבוד צו געבען פאר א באארד־אוו־דירעקטאר איז ניט פאר א שומר שבת און א תפילין־לעגער, נאר פאר א אידעלע, וואס איז מחלל שבת און אויך די גאנצע תורה.

ווי איך האב געזעהן אין א ספר, זאגט ער אן הלצה — אבער איך זאג, עס איז ניט קיין הלצה, נאר א טרויעריגער אמת אויף דעם פסוק, „ותחסרהו מעט מאלקים", ווען דו האסט איהם גע־מאכט פעליג עטוואס נאר פון גאטהייט דעם איז „וכבוד והדר תעטרהו", דעם רינגעלסט דו ארום שוין מיט כבוד, דער קריגט שוין א כבוד, מען קלייבט איהם אוים פאר עפעס. אבער ווען ער איז שוין אויסגעטהאן אינגאנצען פון אידישקייט, ניט „מעט"— נאר איננאנצען, דער ווערט שוין א פרעזידענט. וואס האט דאס גורם געווען צו אזא שריפת נשמה? דער נאכיאגען נאך דעם „טוב".

ווי קומט עס, פון וואנען איז געקומען דער שרעקליכער חורבן? ווער עס ווייסט, איז דאס געווארען, נאר צוליעב דעם „טוב מאד". זיי האבען נאכגעטאנצט אין אלע פארגעניגענד די ארומיגע אומות, און אזוי איז געקומען, אז זיי האבען געזוכט נאר זעהר און זעהר גוט צו לעבען. פון דעם טוב מאד איז גע־קומען דער מות.

פון צופיעל „טוב", דאס הייסט דער „מאד", איז געקומען דער חורבן און אלע צרות וואס מיר האבען געהאט און וואס מיר האבען פון דאן ביז היינטיגען טאג, קאלט אוןווארעם, איז נאר פון דעם „טוב מאד".

דארום, ווען משה רבינו עליו השלום, אז ער האט דער־זעהען, דעם „תדשא הארץ דשא", אז עס וועט זיין א וועלט מיט אל־דאס גוטס. אין דעם כלל, תדשא הארץ דשא, איז אלעם וואס די ערד גיט ארויס, אלעם גוטען, ווארום, אלעם איז פון אונזער מוטער־ערד, „בכה וראה החורבן", האט ער זיך צו־וויינט און באלד דערזעהען דעם חורבן. ער קען גוט זיינע אי־

דען. ער ווייסט גאנץ גוט, אז זיי האבען חשק צו אלעם און פיעלייכט באפען זיי אריין דעם „טוב מאד" — וועט דאס געווים ברענגען אויף זיי דעם חורבן.

„איכה ישבה בדד העיר רבתי עם היתה כאלמנה"!

ביי אלע צייטען, איז ירושלים פול מיט באזוכער. פון אלע נאציאנען, פון אלע לענדער, פאהרט מען אין ירושלים. די גרעסטע מענשען פון דער וועלט, קומען באטראכטען ירושלים, איבערהויבט אין דיעזע צייט, פון נאך דער באלפור דעקלאראציע, וואס מען זאגט... אז ארץ־ישראל איז שוין פאר א אידישע היימ־לאנד. און עס באזעצען זיך אין איהר זעהר פיעלע אידען. דאך קען ניט ארויף אויף'ן געדאנקען פון באוואוסטזיניגע מענשען, אז דאס איז שוין די אידישע ישועה. ניין, ניין, דאס הייסט נאך ניט קיין ישועה, כאטש עס וועט פארגרעסערט די אידישע איינוואנדערונג און באזוכער קומען אהין פון דער גאנצענער וועלט.

זאגט מען דען ניט קינות ביי דעם „כותל מערבי"? ... איז דען דאס א ישועה? וואס קומען אהין—שועלים קטנים מחבלי כרמים — איז דען דאס א ישועה? וואס אונזערע „מורים" זיי־נען געגאנגען און מחלל יום כפור געווען און בעפאר נאך א גרע־סערען זינד שבת שובה, מחלל שבת געווען, וואס ביז יעצט, אין דער גאנצער צייט פון גלות, איז געוועזען ירושלים הייליג, און מיר האבען זיך געטרייסט מיט דעם „אנכי" — „עמו אנכי בצרה" — אבער ביי אזעלכע חברה, לינקע, רעכטע, איז דאך געווים די שכינה איינגאנצען אבגעטראטען פון דארט.

„איכה ישבה בדד", באטראכט יעצט די לאגע פון די הייליגע אידען, וועלכע געפינען זיך דארט. זיי זיינען „גוזר תענית" אויף די צרות, דעם „גלות הנפש", וואס יעצט איז דארט... ווי אזוי נעבעך, מיט וואס פאר א צובראכענע הארץ, זיינען זיי נעבעך געזעסען און געזאגט קינות, נאך'ן יעצטיגען פארגאנגענעם „תשעה באב", מיט א צובראכענער געמיט, מעהר ווי אלע מאהל, ישראל און ירושלים זיצען נאך אליין און קלאגען יעדערער באזונדער אויף די אידישע צרות אין אלע לענדער און אויף דעם גלות הנפש פון

דער הייליגער לאַנד, וואָס עס ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ גרע־סער און גרעסער. קורץ דערפון „ישבה בדד" — העיר — כּמעט „רבתי עם" פון באַזוכער, פון פרעמדע און אייגענע, אָבער דאָך „ישבה" אויף דער ערד, כּמעט רבתי עם, באַזוכער פון דער גאַנצער וועלט, און דאָך, „היתה כּאלמנה".

„אני הגבר ראה עני בשבט עברתו,
אותי נהג ויולך חושך ולא אור"!

די מענשעלאַך, וואָס האָבען קיין פאַרשטאַנד, זיי זאָגען, אַז דאָס, וואָס אונז איז שלעכט איז נאָר, צוליעב דעם, ווייל די אומות העולם האָבען אונז ניט ליעב. זיי האַסען אונז. פאַר וואָס האַסען זיי אונז, ווייל מיר זיינען אָבגעזונדערט פון זיי; וואָס זיי עסען טהאָרען מיר ניט עסען; ווען זיי רוהען, רוהען מיר ניט; זיי, די אומות העולם האַסען אונז, ווייל מיר האַלטען די תורה און ווייל זיי האַסען אונז, דאַרום טהוען זיי אונז אָן אַלע געברענטע ליידען.

קומט אַהער חכמים, איך וועל אייך פרעגען: — אין אַמע־ריקאַ, זייט איהר אויך אָבגעזונדערט פון זיי? — דאַכט זיך, אַז ווען זיי רוהען, רוהט איהר; וואָס זיי עסען, עסט איהר; וואָס זיי טהוען, טהוט איהר, אפילו הייראַטהען, געהט איהר דאָך שוין אויך ניט נאָך דעם אידישען דין; וואָס זייערע פרויען הי־טען, היט איהר... קיין טהרת המשפחה, היט איהר ניט, נאָך מעהר פאַר זיי... אייערע שוהלען זיינען פונקט ווי זייערע, דעם זעלבען אויסזעהן אויטסייד, די זעלבע מנהגים, אינסייד; איי־ערע רבנים — פונקט געקליידעט אויטסייד, ווי זייערע, די זעלבע מנהגים, ווי זייערע — אינסייד; אַלע חגאות זייערע היט איהר אָב פינקטליך, נאָר ניט אונזערע, די קינדערשע נעמען — זייערע, נאָר ניט אונזערע?

חכמים! וואָרום האָט מען אונז דאָ פיינט? פיעלייכט וועט איהר זאָגען, צוליעב די פרומע, טאַקע? מאַכט זיך ניט נאַריש. ווער איז דאָ אין אַמעריקאַ, די פרומע, דער טאַטע מיט די מאַמען, אָבער די קינדער, טאָ ווער איז די מעהרע צאָהל?

חכמים ! איך ווייס איהר וועט ניט מסכים זיין, ווייל איהר קוקט ניט אויף דעם אמת. איהר ווילט ניט זאגען, אז יענער איז גערעכט, נאר איהר זייט גערעכט.

חכמים ! ווארום האט מען אונז פיינט אין אמעריקא, אין ענגלאנד, אין פראנקרייך א. ז. וו. ?

חכמים ! אז איהר וועט ניט מסכים זיין, וועלען מיר די קליינע צאהל, די הייפעלע עהרליכע פרומע אידען, ניט זאגען און שרייען, גזלנים, מערדער, איהר שלאגט אונז, צוליעב אייך שלאגט מען אונז, מען וויל ניט אריינלאזען אונז, ניט מעהר ווי צוליעב אייך, פיסטעל־קנאקער, האלד־אפ'ניקעס, רויבער, מערדער, פערד־שאמער א. ז. וו. — דאס וועט איהר אויך זאגען אויף אונז ? פרעג איך אייך, חכמים ! האט מען שוין געכאפט א האלד־אפ'ניק, מיט תפילין אין פאקעט ? האט מען שוין געקעטשט א רויבער מיט ציצית אויף זיין הארצען ? האט מען שוין געכאפט א מער־דער, וואס איז א ריכטיגער שומר שבת ?

חכמים ! וואס זאגט איהר ? אויב איהר ווייסט ניט, עס קען זיין, אז יא ! דאס הייסט, א פרומען אידען מיט א באָרד, מיט ציצית און תפילין, מיט שמירת שבת, מיט א פרק משניות, און זא ווייטער, קען זיין האט מען שוין אויך געכאפט, נאר איהר ווייסט ניט, טא שייגעץ איינער, פויל זיך ניט און לאמיר געהן אין פריזאן, אין סינג סינג און נאך פלעצער, — געהן בעטראכ־טען, ווער עס זיצט דארטען, טאקע פויל זיך ניט, פיעלייכט מיין חכם ! ווילסט דו מיט מיר ניט געהן, טא געה טאקע דארט אליין, ווייל פאר דיר פאסט דער ארט און באטראכט די אלע זאכען וואס איך האב אויסגערעכענט.

ניין, טשאטשקעדיגער חכם ! מען שלאגט נאר פאר צופיעל קריכען אין זייערע מנהגים, פאר אויסגלייכען זיך מיט זיי, דאן ווערט באשאפען דער „בעל עגלה" פון דער וועסט און דריי ק־ק־ק.—

ווער באשאפט זיי ? נאר דער רבונו של עולם, אונז צו דער־מאהנען, דזשייקעלע ! דו הייסט גאר יעקב א. ז. וו. עפענט אייער מח און באטראכט, וועט איהר זעהן, אז עס איז אזוי — דער

מענש מיט שכל פאַרשטעהט, אַז גאָט ברוך־הוא שיקט נאָר זיי אַלס דער רוט, דער שטעקען (פיעל מעהר מאריך צו זיין אין די רייד).

און דאָס זאָגט ירמיהו הנביא — „אני הגבר" איך פאַרשטעהע זעהר גוט, איך זעה און פאַרשטעה, מיין פיין און איך זעה, אַז דאָס איז אַלעס בשבט אברתו, מיט זיין רוט, ניט מיט שנאת העמים, זיי זיינען נאָר די שלוחים אויף דעם, אונז צו דער־מאַהנען, וואו מיר האַלטען. „אותי נהג ויולך", וואו ער האָט מיר געפיהרט, אפילו אין די ליכטיגע לענדער, וואו מען לאָזט אונז לעבען. עס איז געווען ליכטיג, ווערט עס „חושך" „ולא אור", דאָס איז נאָר אונז צו דערמאַהנען, „אותי נהג", ער איז דער מנהיג, אַז עס זאָל ווערען פון די ליכטיגע לאַנד, אמעריקאַ, חושך, „ולא אור", ווי עס איז געווען ביז יעצט. מען האָט מורא אריינ־צולאָזען אונז, ווייל פיעלע, פיעלע פון אונז ווילען די וועלט אי־בערקעהרען.

חכמים! ווען איהר זאָלט וועלען פאַרשטעהן, וואָלט טאַקע גוט זיין, וואָלט אפילו ווערען ליכטיג אין די לענדער, וואו עס איז געווען ביז איצט פינסטער.

פרשה ואתחנן

„עלה ראש הפסגה ושא עיניך ימה וכו' וראה בעיניך
כי לא תעבור את הירדן הזה. (מדרש) מפני מה
מת משה בחו״ל כדי שיעמדו מתים שבחו״ל.

איך וועל דא ערקלעהרען גאר פשוט א מאמר חז״ל, וואס עס איז אויבענאויף זעהר שווער. און מיט א קליינעם ציור איז עס פארשטענדליך.

אין (סנהדרין, צ״ב) „תנו רבנן בשעה שהפיל נבוכדנאצר הרשע את חנניה מישאל ועזריה לכבשן האש, ואמר אתוהו כמה רברבין ותמהוהי כמה תקיפין, מלכותיה מלכות עלם ושילטניה עד דר ודר וכו', שאלמלא בא מלאך וסטרו על פיו בקש לגנות כל שירות ותשבחות שאמר דוד בספר תהלים.״

איז דאס מעגליך, ווי קען דען דאס אפילו ארויפגעהן אויף דעם שכל פון מענשען, אז דער רשע מיט צוויי אדער דריי דבורים פון לויב צו גאט ברוך־הוא זאל ער גאר מגנה זיין און מבזה זיין די שירות ותשבחות פון דעם נעים זמירות ישראל, פון דעם געט־ליבען משורר, דער וועלכער איז אויפגעשטאנען אלע האלבע נאכט צו לויבען דעם באשעפער פון הימעל, מיט זיינע הייליגע לויב ? נאך מעהר, דער רשע האט דאך זיינע — גאר ניט געזאגט, נאר ער האט אין זיין שפראך איבערזעצט צוויי פסוקים פון ספר תהלים : „גדול ד' ומהולל מאד ולגדולתו אין חקר״ און דעם פסוק : „מלכותך מלכות כל עולמים וממשלתך בכל דור ודור״. אלזא, האט ער דאך גאר קיין איינענע ניט געזאגט, נאר ער האט דאס איבער־זעצט די צוויי פסוקים, טא מיט וואס קען דער רשע מגנה זיין כל שירות ותשבחות שאמר דוד ?

מיר פארשטעהען עס מיט א קליינעם ציור. אויב מען קאכט

אַן עסען זעהר גוט. מיט אַלערליי מיני בשמים און דער עסען איז אַזוי גוט געמאַכט, אַז מען קען עס אַפּילו אַרויפבּרענגען על שולחן מלכים; אָבער אויב מען זאָל דעם זעלבען עסען אריינ־טהאָן אין אַ שמוציגען טעלער, פול מיט שמוץ, וואָס עס איבּעלט אַפּילו צו קוקען אויף דעם, היתכן, אַז אימיצער וועט וועלען עסען דעם שמוציגען עסען.

דאָס זעלבע, דוד מלך ישראל, האָט פאַר אונז געמאַכט זיין היילינען תהלים, וועלכער איז מיט קדושה וטהרה געמאַכט גע־וואָרען, די טויזענדע כוונות האָט ער מכוון געווען אין יעדען וואָרט, מיט זיין רוח הקודש האָט ער עס באַשאַפען, יעדער וואָרט, עס איז זעהר אַ טהייערער מאכל, מיר זאָגען עס אין יעדער צייט, אין אַן „עת צרה" און אין אַ שמחה; אין דער וואָכען און „שבת" „ויום טוב" — געוויס קענען מיר ניט מכוון זיין די היילינע כוונות וואָס עס ליגט איינגעוויקעלט אין יעדען וואָרט, אָבער אַז מיר זאָגען עס, מיר נעהמען דעם טהייערען מאכל אין אונזער מויל, דאַרפען מיר כאָטש זעהן, אַז די מויל (דאָס איז דער טעלער), זאָל כאָטש אַ ריינער זיין; אַ מויל, וואָס איז ריין פון לצנות, רכילות, לשון הרע און סתם נבול־פּה, שמוציגע דבורים, אָדער אַ טריפה מויל פון טריפות, אָדער אַ מויל וואָס פערדיגט אַפּיקורסעם.

פיעלע אונזערע אָרטאָדאָקסישע אידען, וואָס זיי זאָגען, אַז זיי זיינען אונזערע פרומע אידעלאַך, וועט איהר זיי זעהן געהן הערען אַ רעדנער, וואָס ער איז געוויס אַ גרויסער אַפּיקורוס. זיי ווייסען עס און הערען און לעקען די פינגער, ווי די ווייבער זאָ־גען; עס קען זיין, אַז ער זאָגט טאַקע גוט, אָבער דאָס איז אַ טריפה מויל.

אונזערע גרעסטע אָרטהאָדאָקסישע קהלות נעהמען אַ חזן. און נאָך דערצו אויף „ימים נוראים", און זיי ווייסען, אַז ער איז אַ קל שבקלים, אַ טריפה'נער ביין, און זיי הערען איהם און קוועל־לען. „אַי! האָט ער געדאַוועננט"! — שוטה! וואָס קוועלסט דו? אַ טהייערער מאכל, די שירות ותשבחות, וואָס ער זאָגט; אַ טהייערער, זיסער געשמאַקער קאַפּיטעלע האָט ער געזונגען, אָבער

ער האָט דאָך דאָס אריינגעטהאָן אין אַ שמוציגען טעלער. ווען מיר וואָלטען האָבען דעם ריכטיגען חוש הריח, וואָלטען מיר דאָך הערען דעם פּאַסקודנעם ריח פון זיין מויל, דעם שמוציגען טעלער. צו־וואָס טהוען מיר דאָס, אַז עס איז דאָ ברוך־השם חזנים מיט ריינע טעלערם ?

עס זיינען ברוך השם דאָ רבנים, גאונים, צדיקים, יראים ושלמים. וואו קריכט איהר ? וואו געהט איהר ? וואָס זוכט איהר ? צו הערען „שירות ותשבחות שאָמר דוד" און נאָך אַזעל־כע פון שמוציגע מיילער. וואָס זיי אַליין מאַכען חוזק פון אייך, דאָן, ווען זיי נעהמען צו די עטליכע טאָלער... ?

איך פרעג אייך, טאַקע אייך, פרומע אידען. זייט איהר טאַקע פרום ? איך מוז אייך זאָגען דעם אמת, אַז איך צוויי־פעל אין אייך אינגאַנצען. איך האָב מורא צו זאָגען, אַז עס זיינען גאָר ניטאָ קיין פרומע, והא ראי', אַז איהר טהוט אַזעלכע מעשים, וואָס עס בעווייזט אייער אינסייד...

ווייסט איהר דען ניט, בעלי בתים פרומע, אַז דער אמת'ער אָרטהאָדאָקסישער רב, איז אַ תלמיד חכם און אַ פרומער און זיין מויל (דער טעלער) איז געווים אַ ריינער ; דאָס זעלבע, אַ ריכ־טיגען פרומען אידען נעהמען פאַר אַ חזן. אידען ! איך צווייפעל אין אייך אינגאַנצען.

איהר האָט געהערט, וואָס איך האָב געפרעגט אויף דעם מאמר, וועגען נבוכדנאצר : וואָרום האָט דער מלאך געדאַרפט קומען און אַ קלאַפּ געבען איהם אויף זיין מויל ? און אויב ניט חס־ושלום, וואָלט ער מגנה געוועזן כל שירות ותשבחות שאָמר „דוד מלך ישראל". מיט וואָס ? ער האָט דאָך נאָר איבערזעצט די צוויי פּסוקים. און אפילו ער זאָל הונדערטע שבחים זאָגען, זיי־נע אייגענע, ווי קומט ער, דער רשע, צו דוד מלך ישראל, פאַרשעהמען זיין תהלים ? נאָר דאָס איז גאָר פשוט, דיזעלבע, וואָס איך האָב אייך געזאָגט. אַזאַ טריפה'נע מויל, ווי דער „רשע" — קענט איהר פאַרשטעהן. ער האָט גענומען דעם טהייע־רען מאכל אין זיין טריפה'נעם טעלער. ער קען מיט זיין טעלער,

דאָס הייסט, זיין טריפה מויל פאַרשטינקען די הייליגע שירות ותשבחות, אַז עס גערט אַרויס פון זיין מויל. דאָס איז נאָך מעהר, ווען ער וואָלט זאָגען סתם אַ שבח צו דעם הימעלשען. נו מילא, נעהמט השם יתברך ניט צו, אָבער דו רשע, ווי קומסט דו צו נעהמען די הייליגע דבורים פון דעם געטליכען משורר אין דיין פאַסקודנעם טריפה'נעם מויל. ווען דער מלאך וואָלט איהם ניט אַ גוטען זעץ געגעבען אויף זיין טריפה'נעם מויל, וואָלט ער נאָך שירות ותשבחות שאָמר דוד, די הייליגע, גענומען אין זיין שמוציגען טעלער, וואָלט ער מגנה געוועזען כל שירות ותשבחות שאָמר דוד.

מיר האָבען יעצטיגע צייט אַזעלכענע טריפה טעלער אין די מאַסען, נאָר זיי ריידען. די ערשטע זאַך זאָגען זיי, אַז יעצט, ווען מיר זיינען אין גלות, דאַרפען מיר ניט האַלטען די מצוות התורה אָהן אַ לאַנד. וואָרום זאָלען מיר לעהרנען די אַלע זאַכען, וואָס אַנבאַלאַנגט צו דער לאַנד, (די זעלבע, אַז זיי קומען אין ארץ־ישראל האַלטען זיי אויך קיינע פון אַלע מצוות). שבת דאַרפען מיר ניט האַלטען, ווי לאַנג מיר האָבען קיין היים, אונזער אייגענע, ביי די אומות העולם קענען מיר ניט האַלטען שבת, עס געפאַלט אונז שווער. אַנדערע שפּרעכען זיך אויס, אַז משה רבינו וואָלט יעצט געוועזען, וואָלט ער אונז אַלעם מתיר געמאַכט, נאָך יעצטיגע אומשטענדען. זיי זאָגען, אַז דעם צווייטען טאָג יום טוב, דאַרף מען ניט האַלטען, ווייל אין ארץ־ישראל האַלט מען איין טאָג, נאָר, (די זעלבע איז אַז זיי קומען אין ארץ־ישראל האַלטען זיי דעם איין טאָג אויך ניט אַזוי ווי זיי האָבען ניט געהאַלטען אין חוץ לאָרץביידע טעג), ווייל וואָס זיי זאָגען איז גאָר ניט, ווייל עס געהט אַרויס פון אַ טריפה מויל.

דער נותן התורה, גאָט אַליין, האָט דאָך געזעהן, אַז די אידען וועלען ווערען פאַרטריבען פון זייער לאַנד און זיי וועלען זיין „נע ונד" קרוב צו צוויי טויזענד יאָהר, וועלען זיי זיך טראַכטען, אַזוי ווי זיי האָבען זייער לאַנד אָנגעוואָרען, האָבען זיי די תורה אויך אָנגעוואָרען און זיי זיינען ניט מחויב צו האַלטען די

תורה אין גלות. ווארום ? ווייל די מצוות התלויות בארץ האַ־
בען זיי דאך ניט. דאָס קענען מיר דאך ניט מקיים זיין, אזוי
ווי קרבנות א. ז. וו., אז עס איז בטל א מקצת, איז בטל אלע.

האט השם יתברך אונז געוויזען, אז עס איז ניט אזוי. דאָס
וועלען זיי אויך צוגעבען, אז משה רבינו איז געווען פאלקאָם
בתכלית השלימות, אלעס האט מקיים געווען משה ! ווען ער
וואָלט אריין אין ארץ־ישראל, וואָלטען זיי עס פיעלייכט געקענט
זאָגען, אז משה האט טאקע חס ושלום ניט געהאַלטען פון די
מצוות התלויות בארץ, ווען ער האט מקיים געווען זיי, ערשט
דאָן, ווען ער איז אריין אין דער היילינער לאַנד, דאָס זאָגען
וואָלט אויך געווען א גרויסער פארברעכען, אבער דאך וואָלטען זיי
געקענט כאטש זאָגען, אבער אז משה רבינו אליין איז ניט אריין
אין ארץ־ישראל, משה רבינו איז געבליבען אין דער מדבר, משה
רבינו אליין הייסט פארשטיינען דעם „מקושש עצים" אָהן א לאַנד,
האט מען מקיים געווען ? האט מען געהאַלטען ? שבת ? וואָס
זאָגט איהר ? אזוי נאריש וועט איהר זיך ניט מאַכען ? און סתם
זאָגען, אז משה רבינו האט ניט מקיים געוועזען, דאָס וועט נאָר
זאָגען א משוגע'נער.

משה ! זאָגט גאָט צו איהם, „עלה ראש הפסגה" געה ארויף
אויף דעם הויכען בארג אויבען, אויף דעם שפיץ בארג און גיב
א קוק ושא עיניך „ימה וצפונה" וכו' אין אלע זייטען, וואו איי־
דעלאך וועלען זיין אין גלות, און אז דו וועסט אריין אין ארץ־
ישראל" וועלען אנדערע נאראנים קענען דאך זאָגען, אז מען דארף
קיין תורה ניט האַלטען אין חוץ לארץ, אבער אז דו וועסט ניט
אריין, אזעלכע משוגעים וועלען זיין וועניג צו זאָגען, אז דו ביזט
ניט געווען בתכלית השלימות, אז דו וועסט עס באטראכטען,
וועסטו דו מסכים זיין, „כי לא תעבור את הירדן הזה", אז דו
דארפסט ניט אריינגעהן אין ארץ־ישראל, ווארום, ווי דען וועל־
לען זיי זאָגען, אז דו האסט ניט מקיים געווען די מצוות התלויות
בארץ אין חוץ לארץ, טא מיט וואָס האסט דו אזא זכות, דאָס
הייסט, מיט וואָס האסט דו זוכה געווען צו אזא גדולה.

קומט דער מדרש, און ניט עס די זעלבע צו ערקלעהרען אין א פאר ווערטער: „מפני מה מת משה בחוץ לארץ כדי שיעמדו מתים שבחוץ לארץ בזכותו"... פארוואס? ווארום און צוליעב וואס איז משה געשטארבען אין „חוץ לארץ" „כדי שיעמדו מתים שבחוץ לארץ", כדי זיי זאלען שטעהען אויף זייער באַ־שטאנד, די זעלבע וואלטען געשטארבען פון אידישקייט, (רשעים בחייהן נקראין מתים), ווייל „שבחוץ לארץ", זיי זיינען דאך אין חוץ לארץ, וואלטען זיי ניט געהאלטען די תורה, וועלען זיי דורך משה רבינו, זיין זכות קענען שטעהען, האלטען זיך, אז ניט וואלטען זיי מתים געווארען.

עס זיינען פארהאן יעצט אויך אזעלכע מתים, נאר דאס זיינען שוין אינגאנצען אהן שכל, פון זיי ריידען מיר ניט, זיי זיינען אפילו טהוער פאר אנדערע הייליגע צוועקען... אבער דאס איז דער טעלער פון נבוכדנצר הרשע... זיי וועלען א מאהל קריגען איבערן מויל און זיי וועלען בעסער ווערען...

פרשה ואתחנן

והיו הדברים האלה וגו׳ על לבבך (מדרש רבת, ריש איכה) אימתי המלכות גוזרת גזירה ומצלחת בזמן שמשליכין דברי תורה לארץ, שנאמר ותשלך אמת ארצה ועשתה והצליחה, וכיון שהשליכו דברי תורה לארץ התחיל מקונן עליהם איכה״.—

די היינטיגע זאגען, אמת טאקע, אז א מאהל, האט אונז די תורה געפיהרט אויפ׳ן גוטען וועג, אמת טאקע, אז א מאהל איז די תורה געוועזן אונז „מורה דרך״, אבער יעצטיגער צייט, קע־נען מיר מיט די תורה ניט עקזיסטירען, די צייטען האבען זיך געביטען, עס איז אן אנדער לעבען, עס איז ניטא די פריהער־דיגע צייטען, ווי קענען מיר זיך יעצט פיהרען מיט אזעלכע חוקים ומשפטים, וועלכע עס זיינען גוט געוועזען מיט טויזענדע יאהרען צוריק, קענען מיר דען פערגלייכען דעם פארצייטיגען לע־בען צום יעצטיגען לעבען ?

אין דער אמת איז, דאס די גאנצע כפירה, ווייל אונזער תורה איז ניט געגעבען געווארען פון מענשען, אלעס וואס עס איז דורך מענשען איז אזוי ווי די מענשען, האבען קיין קיום אויף עוויג, די מענשען, זייער נאטור און לעבען ווערט אנדערש, ווערט אויך אנדערש זייערע געזעצע, די תורה איז אבער געגעבען געווארען פון בורא אליין. אזוי ווי ער איז דער עוויגקייט אליין, אזוי איז די תורה. ער האט געוויס געקוקט יעדען דור, יעדער צייט, פאר איהם איז אנטפלעקט די גאנצע צייט, פריהערדיגע אזוי ווי יעצ־טיגע, יעצטיגע — אזוי ווי שפעטערדיגע אויף אימער און אימער. אלזא, האט ער פארשטאנען געוויס, אז די תורה קען געהאלטען ווערען, אין אלע צייטען.

אויף דעם זאָגען די חכמים : „כל הנשמות שעתידים להיות עמדו על הר סיני“. דער באַדייטונג דערפון איז גאָר פשוט, אַז דער רבונו של עולם האָט געוויזען ביי מתן תורה, אַז די תורה איז אויף עוויג, פאַר אַלע ציימען, פאַר אַלע דורות, פאַר פרי־הער, פאַר יעצט, פאַר שפּעטער. אַלע נשמות, די וועלכע עס זיינען שוין באַשאַפען געוואָרען, אין קערפּער אַראָפּגעלאָזען גע־וואָרען אויף דער וועלט און וועלכע זיינען היינט פאַרהאַן און וועלכע עס וועלען נאָך אַראָפּקומען אויף דער וועלט — זיי האָט גאָט ברוך־הוא געשטעלט ביי דעם באַרג סיני, צו זאָגען זיי : — זיי וויסען, אַז די תורה איז פאַר יעצט, ביי דעם מעמד הר סיני און פאַר שפּעטער און גאָר שפּעטער, ביז ענדע ; פאַר די נשמות, וואָס קומען אין די גופים אין ארץ־ישראל און אַזוי איז פאַר די, וועלכע קומען אין רוסלאַנד און אפילו פאַר אַמעריקאַנער שטעהט אַלע נשמות ביי דעם באַרג סיני, אַז זיי אַלע, זאָלען וויסען זיין, אַז די תורה קען מען ניט פּאַקען אין די צייט, דאָס הייסט, אַז נאָך דער צייט נאָך, ווי די צייט פאַדערט אַזוי זאָל מען אויס־טייטשען די תורה. ניין, ניין, נאָר די צייט, מוז מען צופּאַ־סען צו דער תורה.

„שלמה מלך ישראל“ האָט שוין לאַנג געזאָגט, ווי היינטיגע חברה רעדען, „לכל זמן“. צו אַלע זייערע תאוות זאָגען זיי, אַז די צייט ברענגט עס אַזוי צו טהאָן, „ועת לכל חפץ“ און די צייט איז גורם צו אַלע אונזערע פערלאַנגען, צו אַלע תאוות. זיי, די חברה, האָבען שוין זייערע תירוצים צו פאַרענטפערען זיך, אָנ־געגרייט זיינען זייערע תירוצים.

אויף דעם אָרט האָב איך געזעהן ערגעץ־וואו אין אַ ספר, אַ וואוילען ביאור אויף דעם מאמר החכם „כעס בחיק כסילים ינוח“. יעדער בעל הבית, זיינע נוצבאַרע כלים, האַלט ער לעבען זיך, דאָס וואָס ער האָט נויטיג אַמאָל צו נוצען האַלט ער דאָס ניט נאָהענט לעבען זיך. כלים, וואָס ער דאַרף נוצען נאָר אַ מאָל אין אַ יאָהר, האַלט ער דאָס אין סטייבעל, נויטיגערע האַלט ער עס אין הויז, נאָך נויטיגערע — אין דעם רום, וואו ער געפינט זיך;

נאָך נויטיגערע, אומגעפעהר, דער שרייבער—זיין פען ; דער שניידער — זיין נאָדעל האַלט עם מיט זיך אין פּאַקעט. דאָס־זעלבע, דער נאַר, דער שלעכטער, האַלט דעם כעס אַנגעגרייט אין זיין פּאַקעט, „כעס בחיק כסילים ינוח", ודו"ק. —

אזוי איז די היינטיגע חברה, זיי האָבען אין פּאַקעט אָנ־געגרייט זייערע פאַלשע תירוצים, ווי דער נאַר, דעם כעס זיי־נעם. וואָס זיי טהוען, זאָגען זיי, אַז די צייט איז זיי גורם און דאָס אַלעס, מעהר הערט מען ניט פון זיי.

אויף דעם אַרט האָבען איך געזעהן ווי זיי טייטשען דעם מאמר אין (ב"ב ט"ז) „מרגליות טובה היתה תלויה בווואָרו של אברהם אָבינו שכל חולה שהיה רואה אותה מיד נתרפא, וכיון שמת תלאָה בגלגלי החמה". אברהם אָבינו, זיין גוטסקייט איז געוועזען אָנ־געגרייט ביי איהם אימער אויף זיך, אַז מען האָט אברהם אָבינו געזעהען, האָט מען די גוטעם זיינע געזעהן. „מרגליות טובה", די טהייערע מעשים, די גוטעם זיינע, „היתה תלויה בצוואָרו של אברהם אָבינו, אויפ'ן האַלדז זיינעם האָט ער עם געטראָגען, אַלע האָבען עם געזעהן, זיין גוטסקייט צו דער וועלט, צו שפּייזען אַלע אָרעמע אָהן אויסנאַהם, האָט מען עם באַלד באמערקט ; יע־דער קראַנקער און חולי הנפש, אַז מען האָט געזעהן זיין גוטס־קייט צו יעדען מענשען, האָט זיך באַלד געקורירט פון זיין שלעכ־טען וועג. אַז ער האָט נעדאַרפט שטאַרבען האָט ער זיי אָנגע־וויזען אויף דער זון. איהר האָט נאָך אַ בעסערען לעהרער, ווי איך בין געוועזען, פון וועמען איהר קענט לעהרנען, אַז מען דאַרף זיין גוט צו יעדען, אָהן אויסנאַהם, און דאָס איז פון די זון טאַקע. זי שיינט צו אַלעמען, פאַר אַלעמען, פאַר פרום, ניט פרום, פאַר גוט, ניט גוט, אין כלל, פאַר אַלעמען, תלאָה בגלגל החמה... ודו"ק. —

נאָך אַ מאָהל, אַט אזוי ווי די גוטע מענשען, האָבען די גו־טעם לעבען זיך, אויף זיך, מיט זיך, אַט אזוי — די שלעכטע מענשען, האָבען אַלערליי שלעכטעס מיט זיך.

צוריק צו די פריהערדיגע רייד. די תורה מוז זיין צו יעדער

צייט. מען טהאר איהר ניט פאקען אין דער צייט, נאר די צייט מוז נאך דער תורה געהן. אנדערש טהאר מען ניט און ווען מיר ווארפען ניט אוועק די תורה אין יעדער צייט, אין די לענדער, וואו מיר געפינען זיך, דאן מאכט מען אויף אונז ניט קיין גזירות, צו פארשטערען די תורה, מיט די מצוות, אז זיי זעהען, אז מיר האלטען עס און מיר בייטען איהר ניט אוים פאר די פאר דאלאר, אדער פאר אונזערע תאוות.

אבער, ווען זיי זעהן, אז פאר אלע נארישקייטען ווארפען מיר אוועק די געזעצע פון דער תורה, דאן מאכט זיך גזירות צו מבטל זיין, ווארום, זיי זאגען, מיר זעהן דאך, אז אייער שבת זייט איהר מחלל צוליעב א פאר דאלאר, אדער פאר קיין געלט, נאר פאר שמוציגע תאוות און אט אזוי אלעס, וועלען מיר טאקע אייך צווינגען אוועק צו ווארפען נאך זאכען פון אייער תורה, וואס אונז געפעהלט ניט.

און דאס זאגט אונז די תורה הקדושה : „והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך" און אז די תורה הקדושה וועט זיין אימער מיט דיר, דו וועסט איהר האלטען טהייער, אז זי איז דיין נוצבארע זאך, דיין נוצבארע „כלי", אהן וועלכע דו קענסט זיך גאר ניט באגעהן איין רגע, און אז די רייד פון דער תורה, וועלכע איך פארזאג דיר, וועט זיין ביי דיר ליעב און טהייער, אז דו וועסט עס האלטען אויף דיין הארצען, זאגט דער מדרש, אז נאך א גוטעס וועט פון דיר ארויסקומען, אז די מלוכות וועלען דיר ניט מבטל זיין די תורה. אימתי המלכות גוזרת גזירה ומצלחת, ווען איז די מלכות גוזר א גזירה און זי איז מצליח, די גזירה האלט זיך, זיי קענען אויספיהרען ? איז דאס נאר „בזמן שמשליכין דברי תורה לארץ", שנאמר „ותשלך אמת ארצה ושעתה והצליחה"... פיעל מאהל האבען זיי גזירות געמאכט אויף אונז מבטל צו זיין מצוות, אבער זיי האבען קיין מאהל נישט מצליח געווען, זיי האבען ניט אויסגעפיהרט, אבער, אז מיר ווארפען אליין פיעלע אוועק, דאן פיהרען זיי אוים. וכיון שהשליכה דברי תורה לארץ התחיל מקונן עליהם איכה...

נאך א מאָהל, אז והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך, ווי מיר האָבען געשריבען, וועט אויך זיין געווים דער ושננתם לבניך ודברתם בם אימער, שטענדיג לעבען דיר, בשבתך בביתך, מיט דיר, „ובלכתך בדרך" מיט דיר „ובשכבך ובקומך" מיט דיר.

פרשה ואתחנן

(מדרש) כתבתי עליך שאתה חכם, שנאמר חכם לב יקח מצות ואתה מבקש לכנס לארץ".

ווען די אידען און משה רבינו זיינען ארויסגעגאנגען פון מצרים און אלע אידען האבען מקיים געווען די מצוה צו לייען געלט, גאלד און זילבער פון די מצריים, זיינען זיי אויך געוועזען זעהר ביזי, אבער משה האט ניט געוואלט לייהען, כאטש איהם וואלט מען מעהר געגעבען ווי יעדען איינעם פון די אידען, ווייל מען פאר־שטעהט אליין, אז מען וואלט איהם געגעבען, ווי גרויס משה איז געוועזען ביי זיי אין די אויגען, געווים וואלטען זיי איהם מעהר געליהען ווי די אנדערע, נאר דאך האט משה זיך פארנומען מיט די עצמות יוסף, מקיים צו זיין די שבועה, וואס ער האט באַ־שווארען די אידען, קענען מיר לעהרנען דערפון, ווי גרויס עס איז א מצוה מקיים צו זיין, אפילו מיליאנען מיליארדען געלט איז ניט גערעכענט אזוי ווי איין מצוה. ווי די חכמים זאגען אין ערש־טען פרק פון מסכת סוטה : „חכם לב יקח מצות, שכל ישראל נתעסקו בביזה והוא עסק בעצמות יוסף — דעריבער האבען זיי געזאגט אויף משה, אז ער ווערט גערופען דער חכם לב יקח מצות".

אבער ! עס קען געזאגט ווערען פארקעהרט אויך אויף משה, אז ער האט דאס גאר ניט געמיינט פון מצוה וועגען, נאר ער האט געוואלט ארויסנעהמען מיט זיך די ביינער פון יוסף הצדיק צו ליגען לעבען איהם, זייט ביי זייט, ווייל דאס איז א גרויסע מעלה פאר א מענשען, אזוי ווי מיר געפינען אין (מלכים ב' י"ג) וישליכו את האיש בקבר אלישע ויחי וכו' און אויך יעקב אבינו

האָט געגעבען אַ „כרי כסף“ און גאָלד צו עשו פאַר דעם חלק פון דער מערה, שנאמר „אשר כריתי לי“.

נאָר משה רבינו האָט שוין לאַנג געוואוסט, אַז ער וועט ניט אַריינקומען אין ארץ־ישראל, „עתה תראה ולא במלחמת ל״א מלכים“.

נאָך אַ מאמר חז״ל, „ויהי בשלח“ — מי צוח וי, משה צוח שלא יכנס לארץ. יעצט, אַז משה וואָלט אַריינגעגאַנגען אין ארץ־ישראל, וואָלט ניט געווען קיין בעוויז אויף חבוב המצוות, איז דאָך ניט שייך איהם צו רופען חכם לב יקח מצות. איז עס פאַר־שטענדליך יעצט דער מדרש, גאָר פשוט.

פרשה עקב

והיה עקב תשמעון את המשפטים האלה ושמרתם ועשיתם אותם ושמר ד"א לך את הברית ואת החסד וגו' ואהבך וברכך והרבך וברך פרי בטנך ופרי אדמתך דגנך ותרושך וגו' ברוך תהי' מכל העמים וגומר

עס איז אַ גרויסער וואונדער, נאָך די רייד פון די חכמים וואָס זיי דרשה'ענען אויף די פּאָר לעצטע ווערטער פון די פריי־הערדיגע פּרשה, די ענדע פון ואתחנן, „אשר אָנכי מצוך היום לעשותם", זאָגען די חכמים, „היום לעשותם ומחר לקבל שכרם". טאָ ווי אזוי איז עס באַלד סותר דער אָנפאַנג פון עקב, וואָס עס פאַנגט זיך אָן מיט שכר עולם הזה. קוקט גוט איין אין די עטליכע פסוקים פון אָנפאַנג עקב, וועט איהר זעהן, אז עס איז דורך מיט שכר עולם הזה?

מיר ווייסען שוין זעהר גוט, דעם אידישען נאַטור, פון עוויג אָן, האָט ער נעבעך אַ שוואַכען מאָגען. ווי ער באַקומט עטליכע דאָלאַר, ווי ער ווערט רייך און ווער רעדט נאָך פון פרייהייט, ווערט ער באַלד אַן אַנדער מענש, מען דערקענט איהם שוין ניט, ער איז שוין ניט מעהר דערזעלבער איד.

עס געפעהלט מיר יעצט צו ברענגען דעם טרויעריגען צחות, וועלכען איך האָב שוין געשריבען אין מיין ספר „דגל יהודה", אויף דעם מאמר „נגיד שמיה אבד שמיה" — בעפאָר יאַנקעל לאַ־טוטניק, איז געוואָרען רייך, אַז ער איז נאָך געוועזען אונטער־דריקט, האָט מען איהם גערופען ר' יאַנקעל, דער פרומער, ר' יאַנ־קעל דער חסיד, ר' יאַנקעל דער עהרליכער איד, ר' יאַנקעל דער גוטער איד. ווי גאָט ברוך־הוא, האָט איהם אריבערגעבראַכט

אין דער פריהער לאנד און עס איז איהם אוועקגעגאנגען גוט. יאנקעל איז שוין א בעל מטופל פון א הונדערט טויזענט דאלאר. יאנקעל הייסט שוין מיט זיין נאמען דזשייק. יאנקעל איז שוין מעהר ניט דער פרומער איד, אוים חסיד, „נגיד שמיה“, קוים האט ער באקומען דעם נאמען „נגיד“, „אבד שמיה“, איז שוין פארלארען זיין פריהערדיגער נאמען.

אז השם יתברך זעהט אז פיעלע פון די ריכטיגע אידען ווע־לען אראפגעהן פון דעם ריכטיגען וועג צוליעב זייער גוטעס, האט ער רחמנות און גיט זיי ניט קיין רייכקייט אום ניט צו קאליע מאכען זיי. דאס איז דער גרעסטער רחמנות, וואס מען קען אויף זיי האבען.

זיי גיט ער נאר אויף דורכצוקומען קוים צו מאכען א לע־בען, מיט מאטערנעס, מיט שוויים, און דאס איז דער ריכ־טיגער חסד, וואס השם יתברך טהוט מיט זיי, ביי זיי איז ריכ־טיג „היום לעשותם ולמחר לקבל שכרם“.

און ווען השם יתברך וויים, אז ער וועט ניט אראפגעהן פון וועג, ער וועט זיין, דערזעלבער יאנקעל, לאזט ער איהם ניט זיך מוטשענען און ער באקומט פון השם יתברך אויך דא א גוטען געצאהלט, אום עס זאל איהם זיין גוט איןביידע וועלטען.

ואתחנן לאזט זיך אוים מיט די ווערטער : „אשר אנכי מצוך היום לעשותם, און די חכמים זאגען דערויף, „היום לעשותם ולמחר לקבל שכרן, איז פאר די יעניגע וואס ער וויל זיי ניט טרויען די וועלט אויך, צו האבען עולם הזה, כדי זיי זאלען ניט אנווע־רען זייער „עולם הבא“. פאר זיי איז „למחר לקבל שכרם“. אבער דער אנפאנג פון „עקב“ רעדט זיך פון אזעלכע וואס זיי זיינען אזוי פעסט אין אידישקייט, אז זיי וועלען בלייבען אידען אין וואוילטאג אויך, זיי זשאלעוועט ניט דער טאטע אין הימעל, דער גוטער פאטער, ביידע וועלטען.

טאקע, „אשר אנכי מצוך היום לעשותם“, און דא וועסט דו ניט קריגען, טאקי גאר ניט — אז „והי' עקב תשמעון“, אז

איך זעה, דאָס ביי דער ענדע, אַז איהר וועט זיין גוט, ווי עס זאָל אייך זיין גוט, אָדער שלעכט, איז ביז צום ענדע פון אייער לעבען „תשמעון", וועט איהר הערען „ושמרתם ועשיתם אותם", דאַן „ושמר ד' לך את הברית ואת החסד וגו', ואהבך וברכך וגו'," „ברוך תהי' מכל העמים" וגו' וגו'.

עס האָט מיר איינער געפרעגט אַזאַ סאָרט פראַגע אויף די רייד: — רבי לעבען! עס האַלט דאָך ניט אוים אייערע רייד. איהר זאָגט, אַז גאָט ברוך־הוא גיט איהם ניט קיין רייכקייט, צו־ליעב דעם אלם טובה, ער זאָל ניט אראָפּגעהן פון וועג. איז דאָך אַ פראַגע, וואָרום, זעהען מיר, אַז ער גיט דאָך רייכקייט, און זיי ווערען טאַקע אוים אידען און אוים מענשען אפילו; זיי ווע־רען אַן זייער גאַנצע מענשקייט. איז עס דען ניט אַ פראַגע, האָט ער געפינישט זיינע רייד?

— מיין ליעבער איד, היינטיגע צייט, זעהען מיר שוין אַזעל־כע, וואָס האָבען קיין פּעני אין פּאָקעט, וועלכע זיינען ריכ־טיגע שלעפּערם און מוטשעגען זיך אויף דער וועלט מיט אָרעמ־קייט און קראַנקהייט, און זיי זיינען עובר אויף „כל התורה". זיי לייקענען אין דעם באַשעפער אַליין און זיי זיינען שוין אויף עוויג פאַרלאָרען. גראַדע אַזאַ קינד, וואָס ער איז שוין אַנטזאָגט פון אַלע פראָפעסאָרען, איהם גיט מען שוין אַלעם עסען, אַז זאָ־ווי־זאָ וועט ער דאָך שוין ניט לעבען, זאָל ער כאָטש ניט ליי־דען די קורצע צייט פון זיין לעבען.

דער עוויגער, אונזערער, דער גוטער פאָטער, ער זעהט, אַז ער איז שוין פאַרלאָרען, זיין קינד, טאָ וואָרום זאָל ער איהם לאָזען זיך פּלאָגען דאָ אויף דער וועלט אויך, גיט ער איהם רייכ־קייט; געה פרעס און זויף, זאָל דיר כאָטש זיין גוט אָט דאָ, אויף דער פאַלשער וועלטעלע.

אָבער דער קינד, וואָס איז קראַנק און ער וועט געזונד ווערען, נאָר מען דאַרף איהם יעצט געבען ביטערע מעדיצין, נעהמט דער

גוטער פאָטער און גיט איהם אליין די ביטערע מעדיציןָ, וועלכע דער קינד דענקט, אז דער פאָטער איז איהם א שונא. דער רבונו של עולם, דאָס זעלבע, טהוט מיט אונז, נאָר מיט אונזער קורצען שכל, פארשטעהען מיר ניט און ווילען ניט פארשטעהען דעם אמת.

לימים נוראים

א׳

אויף דעם פלאַץ פון פרשה ראה, וועל איך געבען פאַר מיינע לעזער איינינע קורצע דרשות פאַר ימים נוראים, ווייל שבת, פרשה ראה בענטשט מען ראש חודש אלול, און די קורצע דרשות וועט מעהר נוצבאַר זיין ווי דרושים אויף דער פרשה.

(מדרש אמור) „אדם הראשון נברא בראש השנה ונידון בראש השנה, אָמר הקדוש ברוך הוא, אַתה סימן לבניך כשם שאתה יצאת לפני בדימוס ביום הזה כן בניך יהיו נידונין לפני ויצאו בדימוס.

„ראש השנה“ איז דער גרענעץ, וואָס איז „מפסיק“ פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָהר צו דעם נייעם יאָהר און מיר ווייסען ניט, אויף וואָס דאַרפען מיר זיך פרעהען, אויב פאַר די פאַרגאַנגענהייט צו דאַנקען דעם באַשעפער, ווייל מיר האָבען געמאַכט אַ סיום אויף אַ יאָהר, וועלכען מיר האָבען אָבגעלעבט, אָדער דער יום טוב איז, פאַר דעם צוקונפטיגען יאָהר ?

דער אמת איז, וואָס דאַרפען מיר זיך פרעהען מיט די פערגאַנגענהייט, וואָס עס איז אַוועק, איז אַוועק, מיר מאַכען דעם הייליגען „יום טוב“, „ראש השנה“, נאָר פאַר דער צוקונפט. וואָס האָבען מיר דען צו טהאָן מיט דעם פאַרגאַנגענעם יאָהר ? מיר דאַרפען נאָר זעהען, צו פיקסען זיך, צו פאַרריכטען זיך, צו בעסערען זיך, אַז דעם יאָהר זאָלען מיר בעסער זיין ווי דעם פערגאַנגענעם יאָהר ; מיר דאַרפען פאַרריכטען די אַלע פעה־לערען, וואָס מיר זיינען בעגאַנגען אין דעם פערגאַנגענעם יאָהר, און

טאקע דערום איז דער גאַנצער יום טוב ראש השנה, נאָר בעסער צו ווערען פון היינט אָן און ווייטער.

און דאָס מיינט דער מדרש: „אָדם הראשון נברא בראש השנה ונידון בראש השנה". צו וואָס דער מדרש דערצעהלט עס און וואָס פאַר אַ מוסר עס איז פאַרהאַן דערביי פאַרשטעהט מען ניט, אָבער נאָך אונזערע רייד נאָך, איז פאַסענד, אַז מיר זאָלען ווי־סען דערפון, אַז אָדם איז באַשאַפען געוואָרען געוואָרען ראש השנה און זיין משפט איז געוועזען „ראש השנה", ווייל מיר זאָלען דער־פון פאַרשטעהן, אַז אַזוי ווי אָדם, אַז ער איז באַשאַפען געוואָ־רען, היינט, ראש השנה, האָט דאָך גאָר קיין עבר ניט, ער ווייסט ניט און האָט ניט קיין פאַרגאַנגענהייט, נאָר דעם יעצט און פון היינט אָן דאַרף ער גוט זיין, דאָס זעלבע, מיר. מיט דעם היינט קענען מיר פאַרריכטען דעם עבר און פון היינט אָן, דאַר־פען מיר גוט זיין, און אַזוי רופט זיך טאַקע דער יום טוב „ראש השנה" — די התחלה און דער אָנפאַנג און זאָ ווייטער — נאָר גוטעס צו טהאָן. —

ב'

(מדרש וירא) אָמר הקדוש ברוך הוא לאברהם אָבינו כשאני דן את בניך בראש השנה יהיו תוקעין בשופר של איל—ומהו השופר? אָמר לו חזור לאחוריך, מיד וישא אברהם את עיניו וירא והנה איל, וכו'.

מיין שטייגער איז, קיינע פראַגען צו פרעגען, נאָר וואו עס איז פאַרהאַן זעהר פיעל צו פרעגען, פרעג איך נאָר איינע, די וועלכע עס איז מיר נויטיג מעהר צו דעם דרוש.

גאָט האָט געזאָגט צו אברהם אָבינו, ווען איך וועל משפט'ען דיינע קינדער אום ראש השנה, זאָלען זיי בלאָזען מיט אַ שופר. זאָגט אברהם צו גאָט און וואָס איז דער שופר? זאָגט גאָט צו

איהם. קעהר זיך אום אהינטער. באלד האט אברהם דערזעהן דעם „איל".

ווי אזוי האט אברהם ניט געוואוסט, וואס עס איז דער שופר? און אויב טאקע ער האט ניט געוואוסט, נו, טא וואס איז אז ער האט איהם געוויזען דעם „איל", וואס פון זיינע הערנער ווערט געמאכט דער שופר? און דעם לשון „חזור לאחוריך"?

ווייל ימים נוראים איז די צייט פון מוסר און אפילו די, וועל־כע וואס דעם גאנצען יאהר זאגען זיי ניט קיין מוסר, ווייל עס פאסט ניט זיי, די היינטיגע רע־בנים צו מוסר זאגען, און טאקע אזוי, ווי קען ער זאגען מוסר יענעם, אז ער אליין איז אזא סארט וואס „מכף רגל ועד ראש אין בו מתום", ווי אזוי זאל ער זאגען מוסר? נאך דאך, „ימים נוראים" פארמאכט ער די אוי־גען און זאגט דאך א ביסעלע. —

אויך די הערער, נאך מיין פראקטיקע, ווי איך האב אין דער לאנגער, גרויסער צייט, וואס איך בין געשטאנען אויף דער פלאטפארם, געזעהן פאר מיינע ברידער, האב איך אויסגעפונען, אז אפילו גאר די יונגע, ווילען הערען עפעס א ריכטיגען ווארט, אין דיעזער צייט, מוסר, דרוש.

דארום וועל איך שרייבען דא דרוש „על דרך המוסר".

דער געטליכער משורר זאגט, „שוא לכם משכימי קום" — על דרך הדרוש והמוסר האב איך געזאגט א מאהל, נעמליך: זייט וויסען, אז אין די טעג דארף יעדערער בעסער ווערען, ער דארף עטוואס פארריכטען, דאס וואס ער האט ניט גוטעס געטהאן א גאנצען יאהר און פיעלייכט נאך שלעכטעס אויך, און ווי אזוי מען דארף זיך פיקסען און מיט וואס זיך צו פיקסען, דארף מען ניט געהן זוכען אין די ספרים גאנץ ווייט, און די וואס פאר־שטעהען ניט און ווייסען ניט פון די ספרים, האבען אויבען־אויף די לעהרע אין זייער מחזור, ווען זיי זאגען: „ותשובה" „ותפילה" „וצדקה" מעבירין את רוע הגזירה". אויבען זעהען זיי, אויף די דריי ווערטער ותשובה—ותפילה—וצדקה, דריי קליינע ווערטערלאך, אויף ותשובה „צום" — און אויף ותפילה — „קול"—

און אויף צדקה — „ממון". — זאָגען די חכמי המוסר, אז יעדער וואָרט פון די אויבערשטע דריי ווערטער האָט דעם זעלבען צאָהל. „צום", איז הונדערט זעקס און דרייסיג, דאָס זעלבע „קול" און דאָס זעלבע „ממון". —

די דריי זיינען איין צאָהל „צום", „קול", „ממון", צו ווייזען, אז זיי זיינען אַלע גלייך, איינער איז ניט גרעסער פאַר די צווייטע, מען קען זיך ניט אויסקלייבען איינע אָדער צוויי פון זיי, דאָס הייסט, איינער וועט זאָגען, וואָס דאַרף איך תשובה טהאָן און וואָס דאַרף איך תפילה טהאָן, איך קען נעהמען איינע פון זיי, אומגעפעהר „ממון", איך וועל געלט געבען, און דאָס וועט מיר מכפר זיין, דאָס וועלען זאָגען די „בעלי צדקה", די פּזרנים. — די קאַרגע וועלען זיך אויסקלייבען תפילה טהאָן, שרייען „חי וקים", אָבער שרייען מיט כחות און זיך גוט פאַרקרימען אויך, אָבער ממון וועלען זיי לאָזען פאַר די „פּזרנים", זיי זאָלען געבען און צום—פאַר די אַלטע, זאָלען זיי פאַסטען אָבער ניט מיר. די פרומע אידעלאַך וועלען זיך אויסקלייבעןביידע זאַכען, צום און קול, פאַסטען און זאָגען, אָבער געלט — ניט פון אָרט.

דאָרום זיינען אַלע דריי גלייך אין צאָהל, אום צו ווייזען, אז איינע איז ניט העכער פאַר דער אַנדערער, און מען מוז אַלע דריי טהאָן, טאַקע „צום", פאַסטען און טאַקע „קול", דאַוונען און נעווים דערצו „ממון" — און ניט איבערלאָזען תשובה, וואָס דאָס איז צום פאַסטען פאַר די אָרעמע אַלטע... ווי די תורה זאָגט: „מפני שיבה תקום" — תקום מאַכט תענית, קול, וממון — „מפני שיבה", פאַר דיין עלטער קומט, בעפאָר דו ביסט אַלט, „ת' ק' ו' ם' " דאַרפסט דו אויפשטעהן, מיט וואָס דאַרפסט דו זיך פיקסען, טאַקע „ת'ק'ו'ם' ", וואָס דאָס מאַכט, תענית, קול, וממון — דאָס דאַרפען אויך די יונגע, ניט די אַלטע אַליין. דאָס דאַרפען אויך די פּזרנים, און דאָס דאַרפען אויך, די דאַוונער, די קאַרגע, אַלע דריי צוזאַמען.

אפילו די מעהרערע צאָהל, ראש השנה און יום כפור טהוען זיי צוויי זאַכען מיט אַמאָהל, דאָס איז נעמליך, קול און ממון—

ניבען געלט און דאווגען און זאגען אפילו מחזור אויך און תשובה טהוען זיי ניט. טויג עס ניט אזוי גוט. און דאס איז ניט אינ־גאנצען, דער עיקר איז תשובה — פאסטען און בעטען גאט ער זאל מכפר זיין די זינד וואס מען האט געטהאן און טאקע בעסער ווערען אויף להבא.

דער געטליכער משורר זאגט : „שוא לכם משכימי קום מאחרי שבת", פאלש, פאלש און נאך אמאהל פאלש, איז צו אייך חברה, וואס איהר קלויבט זיך אוים אפילו צוויי פון די דריי. מילא פון איינע רעדט מען גאר ניט, אפילו די יעניגע, וואס קלויבען זיך אוים צוויי און „מן הסתם", וועלכע צוויי, קול—ממון, אבער תשובה ניט. „שוא לכם", פאלש צו אייך „משכימי", די וואס פעדערען צו מקיים זיין „קום", דאס הייסט קול וממון און „מאחרי" וואס פארשפעטיגען זיי „שבת", תשובה טהאן. פאלש, פאלש, פאלש, אלע דריי דארפען זיין, מען דארף צום — מען דארף קול — און מען מוז האבען ממון.

עס איז אבער אויך פארהאן ליידער, נאך א כיתה, די וועל־כע זיינען פויל אין די אלע דריי זאכען, נעמליך : תשובה, תפילה, קול, ווייל זיי זאגען זייער זיגעלע זאגעלע, וואס עס ווערט שוין ניט גוט הערענדיג, דאס מיר זיינען, זאגען זיי, פארטגעשריטענע (דאס איז פארווערטס געהען זיי) און די אלע זאבאבאנעס, דאס איז אלטע, אלטע, פארשימעלטע צערעמאניעס. מיר, „בני־הנעורים" (פיסטעל־קנאקער) טהוען ניט זאכען, וואס דאס איז פון אמאל. מיר קענען ניט קוקען אויף די יעניגע, וואס טהוען עס.

וואו איהר טרעפט עפעס א חברה־מאן, וואס איז שוין לאנג, לאנג אבגעשטארבען פון אידישקייט, הערט איהר איהם דאס רייד־דען. קומט אהער, מיינע טהייערע, איך מוז מיט אייך עפעס רעדען, אבער וויכטיגעס. זאגט מיר, ווער איז געוועזען פיינער פון אייך, דער עלטערער „ריקווערטס"־געהער, צי די אינגערע „פארווערטס"־געהער ? ... זאגט מיר, ווער האט געווארפען באמ־בעס, אייער טאטע צי אייער זיידע ? ווער האט געקנאקט מיט'ן פיסטעל, אייער עלטער־זיידע, אדער גאר די באבע ? אפילו די

מאמע — אויך ניט, אזוי דענק איך. זאָגט, האָט דער ריקווערטס־געהער, דאָס איז אייער טאַטע אָדער אייער זיידע, אוועקגעוואָרפען אייער באָבען, געלאָזט איהר אַן עגונה? איך דענק, אַז אפילו אייער טאַטע, האָט דאָס ניט געטהאָן צו אייער מאַמען. זאָגט מיר, טהייערער פאָרווערטס־געהער, האָט אייער באָבע פאַר־פיהרט אַ ליעבע מיט איהר באָרדער און אַנטלאָפען מיט איהם און איבערגעלאָזט אַ מאַן מיט פיער קינדער? איך דענק אייער מאַמע, וואָס איז גאָר נאָהענט צו אייך שוין, האָט דאָס אויך ניט גע־טהאָן, און נאָך מעהר וואונדער איבער וואונדער, אפילו גאָר די אַלטע, קרוב שוין פיער טויזענט יאָהר, האָבען דאָס אויך ניט געטהאָן. כאַפּט אַן גאָר אַ יונגען בחור, אַ שעהנעם, גאָר, גאָר אַ שעהנעם, יוסף אין מצרים... און פון איהם האָבען זיך אַלע געלעהרענט אזוי צו טהאָן.

איך וויל ניט מיט אייך, פאָרטגעשריטענע, צופיעל מאריך זיין. איהר משוגעים, איהר זייט דאָך ווילדע מענשעלאַך. איהר זאָגט, אַז איהר זייט קלינער פאַר די וואָס קוקען ריקווערטס. איהר! אויב איהר זאָגט עס, זייט איהר ווילדע, ווילדע ברואים. זעהט ווי היינטיגע וועלטעלע איז, זעהט אפילו פון די „אומות העולם", די וואָס זיינען פאָרטגעשריטענע, ווי זיינען זיי...? איהר ווייסט עס, נאָר מיט וועמען איז דאָ צו ריידען, אַז איהר מיינט ניט דער אמת און איהר וועט ניט צוגעבען, אַז ביי אייך, דער אמת, איז ניטאָ.

פאַר אייך וועל איך זאָגען, דעם ערשטען מאמר פון דעם אָנפאַנג דרוש, מיט אַ קורצע הקדמה.

די תורה האָט געהייסען, ראש השנה בלאָזען שופר, צו אונ־זער ניי־יאָהר, זאָל מען אַ ביסעלע שפּיעלען מיוזיק. איך זאָג אייך באַשטימט, אַז אפילו אין יענע צייטען, איז אויך געוועזען בעסערע און שעהנערע מיוזיק און פשיטא דפשיטא, היינטיגע צייטען איז געוויס, געווים פאראַן בעסערע מיוזיק ווי אַ שופר, וואָרום האָט גאָט ברוך־הוא געהייסען דווקא בלאָזען שופר?

פון דעם אליין פארשטעהען מיר, אז עס איז אונז פאר־באטען די נייע זאכען, ניט די פארטגעשריטענע טהוען גוט, נאר די ריקווערטס־געהער טהוען גוט. גאט ברוך־הוא זאגט צו אברהם אבינו: „כשאני דן את בניך בראש השנה יהיו תוקעין בשופר" זאלען זיי בלאזען מיט א שופר, ווען איך וועל זיי נעהמען צום דין, ראש השנה, פאר זייערע מעשים, זאלען זיי מיט א שופר, פאר מיר שפיעלען. א"ל „ומהו השופר", וואס איז דען דער שופר בעסער פאר שעהנערע און בעסערע מיוזיק כלים. א"ל „חזור לאחוריך" אברהם, דער שופר ווייזט, אז גאט אליין ווייסט גע־ווים, אז עס איז דא א סך בעסערע און שעהנערע אינסטרומענ־טען, נאר דאס ווייז איך דיר נאר, אז דווקא זאל מען בלאזען מיט'ן שופר, כדי איהר זאלט וויסען, אז די פארטגעשריטענע טהוען ניט גוט. מען דארף בעסער געהן צו די אלטע וועג „חזור לאחוריך", קעהר זיך אום א הינטער, אימער צוריק, די פרי־הערדיגע טהוער, אבער ניט מיט די פארטגעשריטענע, נאר חזור לאחוריך.

ג'

„אבותינו חטאו ואינם ואנחנו עוונותיהם סבלנו."

מיר זיינען נאר פיינע מענשען, אזוי ווייזט עס אויס און אונזערע עלטערען זיינען נאר חם ושלום קיין פיינע ניט געוועזען, זיי האבען געזינדיגט און זיי זיינען שוין לאנג ניטא און מיר נע־בעך, מוזען טראגען אדער ליידען פאר זייערע זינד.

האב איך געזעהן אין ספרים, ווי זיי גיבען עס ריכטיג צו דערקלעהרען, אז עס איז פונקט פארקעהרט, ווי מיר דענקען. „חטא, איז „שוגג", אומגערען; „עון", איז „מזיד", דאס וואס מען טהוט מיט גערען. פארשטעהען מיר גאנץ גוט, אז עס איז נאר א גרויסער אונטערשייד, א ווייטער אונטערשייד, פון חטא, וואס דאס איז אומגערען, ווי דוד האט געזאגט: „משגיאות מי יבין", ביז די עבירה במזיד, וואס מען טהוט גערען.

„אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא“, דארום זאגען מיר טאקע, „אבותינו חטאו“, אונזערע עלטערען האבען געזינ־דיגט, א חטא, א אומגערעכט, וואס אהן דעם איז דאך אומ־מעגליך. עס קען ניט זיין, אז אפילו דער גרעסטער צדיק, זאל ניט האבען קיין חטא... האבען אונזערע עלטערען אויך אמאהל עובר געווען אויף אן „עבירה“ אומגערעכט, אבער „ואינם“, זיי זייי־נען, די זינד הייסט עס, ניט געבליבען. זיי האבען באלד תשובה געטהאן. ניטא דער חטא — „ואנחנו עוונותיהם סבלנו“. אבער מיר, דאס וואס ביי זיי האט געהייסען א זינד במזיד, און זיי האבען עס קיין מאהל ניט עובר געווען די עבירות במזיד, אויף זיי טהוען מיר אויך קיין תשובה ניט.

ווי שלמה מלך ישראל האט געזאגט : „מקום המשפט שמה הרשע“, אפילו ראש השנה, יום כפור, אין דעם פלאץ, וואו עס איז דער משפט, דער יום הדין, אט דארט, אין שוהל, טהוט מען ערשט גרויסע עבירות, מחלוקת צוליעב א זיץ־פלאץ און נאך אזעלכע, וואס איך וויל ניט רעכענען יעצט, איך האב עס שוין גערעכענט אויף אן אנדער פלאץ.

פרשה ראה

דרוש לצדקה

נתן תתן לו ולא ירע לבבך בתתך לו שבגלל הדבר הזה
יברכך ד׳ אלקיך בכל מעשיך ובכל משלח ידיך

ודרשו חז״ל (שבת קנ״א) תניא רבי אלעזר הקפר אומר, לעולם יבקש אָדם רחמים על מדה זו, שאם הוא לא בא בא בנו, ואם בנו לא בא, בן בנו בא, שנאמר כי בגלל הדבר הזה. תנא דבי רבי ישמעאל גלגל הוא שחוזר בעולם, וכו׳. (עוד שם), אָמר לה רבי חייא לדביתהו, כי אתא עניא אקדים ליה ריפתא, כי היכי דלקדמי לבניך, אָמר ליה מילט קא לייטת להו, אָמר קרא כתיב כי בגלל הדבר הזה, ותנא דבי רבי ישמעאל גלגל הוא שחוזר בעולם (ע״ש).

ניט פרעגענדיג קיין קשיות, מוז מען דאָך זיך אָבשטעלען ביי דעם ענין און דאָך פרעגען אויף דעם גאַנצען מאמר, אפילו זיי נעהמען דאָס פון פסוק, אָבער דאָך איז אַ פראַגע אויף דעם פסוק אַליין, איז דאָס, דער שכר פאַר צדקה, וואָס דאָס איז די גרעסטע מצוה, אַזאַ גרויסע מצוה, וואָס איז בין אָדם לחבירו, און דערצו איז ער מקיים די מצות הבורא, אַלעם ענדע זאָגט ר׳ אלעזר הקפר, „לעולם יבקש אָדם רחמים על מדה זו, שאם הוא לא בא, אויב אפילו ער איז ניט געקומען דערצו צו נעהמען „צדקה״, וועט זיין קינד נעהמען, אויב ניט זיין קינד, וועט זיין אייניקעל דער־צו קומען צו נעהמען צדקה. נאָך מעהר איז דאָ שווער, וואָס ר׳ חייא זאָגט צו זיין פרוי, טראָג אַרויס פאַר די אָרעמע לייט זייער עסען אַנטקעגען זיי, טהו די מצות צדקה מיט זריזות, און דער־פאַר, מיין טהייערע ,וועסט דו קריגען שכר, אַז מען זאָל אויך אַנט־

קעגען טראָגען דיינע קינדער, אַז זיי וועלען דאַרפען נעהמען צדקה. זעהר אַ שעהנעם שכר, וועט זי האָבען, ווי ער זאָגט איהר צו, און געדעכט איז זי געווען, מיט איהר פראַגע, סטייטש! זאָגט זי צו איהם, דו שילסט דאָך גאָר? ענטפערט ער איהר, אַ פּסוק שטעהט אַזוי געשריבען, כי בגלל הדבר הזה יברכך ד׳, דען דאָס איז אַ גלגל החוזר בעולם.

וואונדער איבער וואונדער! מיט וואָס האָט ר׳ חייא גענענט־פערט זיין פרוי. איז דאָס טאַקע אַן אַנטוואָרט? די פראַגע איז דאָך אויף דעם פּלאַץ? און דער פּסוק גופא איז דאָך טאַקע זעהר שווער, נאָך ר׳ חייא, זיין דרש, וואָרום אין פּסוק שטעהט, „כי בגלל הדבר הזה יברכך ד׳ בכל מעשיך ובכל משלח ידיך“. בענטשט דער פּסוק יעדען איינעם, ווער עס גיט צדקה, אַז צוליעב דער זאַך, וואָס דו גיסט צדקה, וועט גאָט ברוך־הוא דיר בענשען אין אַלע דיינע אַרבייט און אין אַלעס, אין וואָס דו וועסט זיך נאָר באַשעפ־טיגען, צום ענדע זאָגט ער צו איהר, גיעב צדקה, טראָג אַנטקעגען, כדי מען זאָל צו דיינע קינדער אויך אַרויסטראָגען אַנטקעגען.

איז דאָס ניט א וואונדער?

אַלע ספרי דרוש און מוסר ספרים און אַלע ספרי מקובלים זאָ־גען, אַז פון יעדער מצוה, וואָס אַ מענש טהוט, ווערט באַשאַפען אַ מלאך. פאַרשטעהט מען זעהר גוט, אַז ווען דער וואָס טהוט די מצוה, אויב ער טהוט עס מיט שמחה, מיט זריזות, ווערט באַ־שאַפען אַ מלאך, אַ גוטער, אַ געזונטער, אַ שטאַרקער, מיט אַ גוף און מיט אַ נשמה. אָבער דער יעניגער, וואָס טהוט אַ מצוה, אָהן חשק, אָט אַזוי — סתם, ער טהוט, ווערט בעשאַפען אַזאַ סאָרט מלאך, וואָס ער האָט נאָר אַ גוף, אָבער ניט קיין נשמה.

און־אַזוי איז עס אויך מיט דער מצות צדקה. דאָס רוב רייכע לייטע גיבען צדקה, ניט מיט שמחה, נאָר ער גיט, ווייל עס פּאַסט ניט, אָדער גאָר איבער געוואלד. אַלזאָ, איז אַזוי — די גבירים, מיט זייער צדקה בעשאַפען מלאכים, נאָר גופים, אָבער אָהן נשמות.

דאַגעגן, די אָרעמע לייט, זייער חשק צו געבן צדקה, איז אומנאַטירליך, זיי זאָגן אימער, ווען מיר וואָלטען געהאַט צו געבן, וואָלטען מיר געגעבען מיט דער גרעסטער שמחה, איז דארום זייער ווילען און מחשבה צו געבען זעהר פיעל און מיט חשק. און דער רבונו של עולם איז מצרף מחשבה טובה למעשה, דארום, וואָס פאַר א מלאך ווערט באַשאַפען פון זייער צדקה, וואָס איז נאָר א גוטע מחשבה, אָבער ניט קיין מעשה. ווערט באַ־שאַפען א מלאך, א ריינע נשמה, אָבער אָהן א קערפער, ניטאָ קיין קערפער, נאָר נשמה...

דער רבונו של עולם האָט רחמנות אויף יעדען מענשען, וואָס טהוט ער? מאַכט ער דעם גביר פאַר אַן אָרעמאַן און יעצט וויל ער מיט זיין מחשבה געבען, אַזוי ווי אַלע אָרעמע לייט, באַשאַפט ער יעצט צום מלאך א נשמה, איז יעצט זיין מלאך א גאַנצער — א גוף מיט א נשמה.

דער אָרעמאַן, וואָס האָט געגעבען מיט זיין מחשבה, אָבער ער האָט דאָך ניט געגעבען, האָט ער דאָך באַשאַפען א מלאך, נאָר א נשמה, מאַכט ער איהם פאַר א גביר, און דער שטיינער פון א גביר איז דאָך, ניט צו ווילען געבען, און ער גיט דאָך איבער געוואַלד, באַשאַפט ער יעצט א גוף צו זיין מלאך.

דארום זאָגט אַן די תורה הקדושה, „נתן תתן לו", דו זאָלסט צום אָרעמאַן געבען מיט חשק, „ולא ירע לבבך בתתך לו", עס זאָל דיר ניט פאַרדריסען, וואָס דו גיסט, נאָר מיט שמחה זאָלסט דו געבען, דאַן אַז דו וועסט אַזוי טהאָן, זאָלסט דו וויסען, אַז „כי בגלל הדבר הזה יברכך ד'" וכו', און דו וועסט ניט דאַרפען ווערען אָרעם, ווי מיר האָבען געשריבען, אויב דו וועסט ניט געבען מיט חשק, דאַן איז „כי לא יחדל אביון מקרב הארץ", וועט אימער זיין אָרעמע לייט, פון די גבירים וועט ווערען אָרעמע שלעפערס.

און דאָס דרשה'ענען די חכמים: „לעולם יבקש אדם רחמים על מדה זו" — אימער זאָל ער גאָט בעטען, אַז זיין הארץ זאָל זיין גוט, און ער זאָל געבען מיט חשק, אויב ער גיט ניט מיט

חשק און אויב אפילו „שאם הוא לא בא“, ער איז ניט געקומען דערצו, אז ער זאל נעהמען צדקה, ווייל ער דארף פינישען זיין מלאך אינגאנצען, און ער שטארבט רייך, וועט זיין קינד זיין א שלעפער, אדער זיין אייניקעל, און ער וועט דערענדיגען זיין מלאך.

און דאס איז די זעלבע, וואס ר' חייא זאגט צו זיין פרוי: „כי אתי עניא אקדים ליה ריפתא“, ווערסט דו דערפאר קיין מאהל ניט ארעם ווערען, און טאמער וועלען דיינע קינדער ניט געבען מיט חשק, ווייל זיי וועלען דאן זיין רייך, ווייל זיי וועלען ניט דארפען דיין מלאך, און רייכע ווילען דאך ניט געבען, וועלען זיי דאך מוזען ווערען ארעם, זאלען זיי באטש האבען דעם בענעפיט, אז מען וועט פאר זיי ארויסטראגען אנטקעגען עסען.

מען קען לעהרנען פון דעם מאמר א גוטען מוסר ווי אזוי מען דארף צדקה געבען.

פרשה שופטים

אשימה עלי מלך וגו׳ —

דער מדרש ברענגט דעם פסוק פון שמואל א׳ פסוק ח׳— ויאמרו אליו הנה אתה זקנת שימה לנו מלך לשפטנו ככל הגוים, וירע הדבר בעיני שמואל כאשר אמרו תנה לנו מלך לשפטינו, ויאמר ד׳ אל שמואל שמע בקול העם לכל אשר יאמרו אליך, כי לא אותך מאסו כי אם אותי מאסו.

גיט צו פארשטעהן, וואס האט שמואל הנביא אזוי פאר־דראסען ? די תורה האט דאך געזאגט אזוי, אויב זיי ווילען א קעניג, זאלען זיי אויסקלייבען א קעניג נאר „מקרב אחיך", און זיי האבען אזוי געזאגט צו שמואל הנביא ?

דא שפיגעלט זיך אב, דער יעצטיגער „מצב הרבנות". עס איז אונז יעצט באוואוסט, פון די פיהרונג פון אונזערע שוהלען, ווי זיי פיהרען זיך מיט די רבנים. אט אזוי איז דאן, אין יענער צייט, פון די שופטים אויך געוועזען אמאל און יעצט איז דאס אומעטום.

אן ארטהאדאקסישע שוהל האט א רב, און אין אמעריקא, איז דאך באוואוסט וואס א רב דארף טהאן אין זיין שוהל. ער דארף רעדען שבת בעפאר מוסף, שבת בייטאג און זונטאג אויך, דעם צווייטען טאג שבת פון גלות, דער זונטאג, וואס אלע סטאפען פון דער ארבייט. דערצו דארף דער רב אויך קומען זאגען אויף יעדע שמחה, ביי א חופה, וואו דער חזן איז דער גאנצער קנא־קער, נאר דעם רב דארף מען האבען צו האלטען א דרוש ביי

דער סעודה, ביי א ברית און א הספר, ביי א מעמבער, איבער־הויבט נאך א בעאמטען.

און געווים זאגט דער רב גוט, ווייל ווי ער זאל קיין דרשן ניט זיין, דאך זעהט ער צופריעדענצושטעלען זיינע „בעלי בתים" און געקומענע הערער. אבער די בעלי בתים, איבערהויבט די הויכע, הויכע בעאמטע, גלייכען ניט דעם רב, ווי דער שטייגער עמי־הארצים, הויבט מען אן ביי יעדען מיטינג צו פארברענגען, מען זאל נעמען א רב, וואס קען ענגליש, און ער זאל רעדען אין ענגליש, ווען די יוגענט פארשטעהן.

זיי ווייסען אליין, אז עס איז פאלש, זיי ווייסען, אז דער ענגלישער רבי — וועט ריידען פאר א פוסטע שוהל, ווייל דער יוגענט איז דאך שבת אין די שפעטער און אין ביזנעס און אפילו אויב אייניגע יונגע בחורים זיינען ניט פארנומען, האבען זיי אויך קיין צייט ניט צו קומען אין שוהל, און טאמער קומען אייניגע יונגע, פארשטעהען זיי, וואס פאר א אידישקייט עס קען אייגפלאנצען דער דאזיגער רבי, ווייל ער אליין איז דאך אהן א בארד, אהן פיאות, אהן ציצית, אהן תפילין און פיעלייכט שטילערהייט סמוקט ער אום שבת.

נאר דאס איז מעשה שטן, אט אזוי וועלט אינגאנצען בעגראבען די אידישקייט, זוכען זיי א קרבן, ער זאל דאס מאכען שנעל, אבער שנעל, וואס שנעל זאל זיין, און אין דער ארטהאדאקסישער פרומער שוהל, שטעהט יעצט, אויף דעם פלאטפארם, אויף דעם הייליגען פלאץ, וואו עס איז געשטאנען, א איד, א תלמיד חכם, א „בקי בש"ס ופוסקים, א איד א „ירא שמים" — וואס אפילו ניט ווילענדיג פון די בעלי בתים האט ער דאך משפיע געווען אויף זיי קדושה וטהרה. יעצט שטעהט דער שטן דארט, אומגעקעהרט מיט דעם אחור צום ארון הקודש (ביי איהם איז דער פנים אויך די זעלבע), מיט א שווארצען פראק, ברייטע ארבעל, ווי דער גלח שטעהט צו זיין עבודה. ער שרייט, וואו איז די יוגענט ? (און שטילערהייד ענטפערט א איד, זיי זיינען אין שאפ).

וואָרום וויל מען דווקא אזא רבי ? פאַר וואָס וויל מען ניט דעם תלמיד חכם ? ווייסען זיי דען ניט, אז ער, דער חברה־מאַן, וואָס שפּיעלט מיט זיי צוזאַמען אַ פּינאַקעל, אז ער וועט ניט פרימער מאַכען זיי ? זיי ווייסען, נאָר מען וויל נאָכ־טאַנצען די גוים — נאָר, וואָס די גוים טהוען, דאָס איז ליעב, און וואָס היילינ איז ביי אונז פון איינינע טויזענטע יאָהר, דאָס איז אין זייערע אויגען מיאוס, און נאָר וואָס די אומות העולם טהוען, דאָס ווייסען זיי צו פאַרגעטערען.

און אין זייערע אויגען איז דער אַלטער רב, אַן אַבגעלעבטער איד, ער טויג גאָר ניט צו קיין וועלטליכע זאַכען און מען וואַרפט אַרויס דעם אַלטען רב, ווי אַן אַבגעקלאַפּטע הושענה.

דעם אַלטען רב האָט מען געגעבען פופצעהן דאָלאַר אַ וואָך, און דאָס פלעגט ניט זיין, מען פלעגט איהם אימער בלייבען שול־דיג, און זיי פלעגען נעבעך אַרומגעהען פאַרטראַכטע מענשען און קלעהרען, וואו זאָל מען נעהמען, פון וואַנען זאָל מען קריי־גען די שכירות, די פופצעהן דאָלאַר פאַר'ן רב ? יעצט צאָהלט מען פיער טויזענט דאָלאַר אַ יאָהר, אַכציג דאָלאַר אַ וואָך און עס איז שוין דאָ.

נאָר אויסצופיהרען, אַז מען דאַרף זיין „ככל הגוים" — שמואל איז ערשט נאָך קיין צוויי און פופציג יאָהר ניט אַלט, שמואל זאָגט זיי אומזיסטע דרשות, שמואל פאָהרט אַרום מיט זיין אייגענע קיך אפילו, שמואל וויל ניט פון זיי קיין שום הנאה האָבען, שמואל געפעהלט זיי ניט, שמואל הנביא — דער געטליכער פערזאָן, מיט זיין געטליכען אויסזעהן, טויג ניט פאַר זיי, אין די שופטים־צייטען, וואָס „כל הישר בעיניו יעשה", פונקט ווי יעצט.

קומט מען צו דעם געטליכען מאַן, און מען זאָגט צו איהם. ויאמרו אל שמואל „אתה זקנת", דו ביסט דאָך אַלט, דאָס מיי־נען זיי ניט אין יאָהרען איז ער אַלט, נאָר זיין פיהרונג, איז אַן אַלט־מאָדישער, ער געהט ווי אַ תלמיד חכם דאַרף געהן. ער פיהרט זיך ווי אַ תלמיד חכם דאַרף זיך פיהרען. ער רעדט הייליגע

רייד און ריכטינע רייד און שטאַרקע מוסר. ער זאָגט די פעהלער־ען פון זיי אַלעמען. ער גרינדעט ישיבות. ער הייסט לעהרנען.

איז דאָס ביי זיי אַלט־מאָדיש, אַזאַ אַלטע זאַך, ווי פון אברהם אָבינו אָן. „אתה זקנת", דיין פיהרונג איז אַלט. מיר דאַרפען אַ פיהרער, נאָר אַן אַנדער סאָרט, אַזאַ סאָרט „ככל הגוים", ווי אַלע געצענדיענער, מיט אַזאַ הילוך, און אין אַלע זיינע װעגען זאָל ער זיין, ווי אַ גוי — ריידען אין דער גוי'אישער שפּראַך, זאָל זיך אַנטהאָן ווי אַ גוי — זאָל זיין ריכטיג, ווי אַ גוי — מען זאָל איהם ניט דערקענען, אַז ער איז נאָר אַ איד.

„וירע הדבר בעיני שמואל", שמואל'ן ווערט נישט גוט, הע־רענדיג אַזעלכע דבורים, איהם, דעם צדיק אויסבייטען פאַר אַ גוי — איהם, דעם רב, וואָס האָט אָפּגעהאָרעוועט יאָהרען, — טעג ניט געגעסען, נעכט — ניט געשלאָפען, ביז ער איז געוואָרען, דאָס וואָס ער אזי יעצט. איהם, בייט מען אויס פאַר אַזאַ פויער. זיין הייליגע שפּראַך, וואָס איז געטליך, בייט מען אויס פאַר ענגליש. זיין ש"ס — פאַר שעקספּיער ; זיינע פּוסקים — פאַר פּוסטע פראַזען פון אַלע ביכער. ביטער ווערט דעם רב, פינסטער ווערט זיין פאַמיליע, „וירע הדבר בעיני שמואל", די ווערטער „לשפטינו ככל הגוים".

זאָגט גאָט צו שמואל, שמואל — מיין טהייערער קינד, שמואל מיין ליעבלינג, שמואל, וואָס דו ביסט הייליג, פון פאַר דיין געבאָרען אפילו ; שמואל, מיט דיין הייליגען יחוס ; שמואל, וואָס דו האָסט אַזאַ שעהנעם טאַטען און אַזאַ טהייערע מאַמען, וואָס זי האָט דיר באַלד ווי דו ביסט געבאָרען געוואָרען, אַוועק־געגעבען אין גאָטעס הויז ; שמואל, איך וויים דיין הייליגקייט, זאָל דיר ניט פאַרדריסען. דו מיינסט, אַז זיי ווילען נעהמען אַן ענגלישען גוי — פאַר אַ מנהיג, איז דאָס, ווייל זיי האָבען דיר פאַר'מיאוס'ט? — ניין, ניט דיר, אמת דער ציעל־ברעט ביסט דו דעם רב טרעפט דער קויל. אָבער איך וועל דיר ניט פאַרלאָזען. זיי מיינען ניט דיר אַליין, נאָר מיר, מיינען זיי, „כי אותי מאסו", דען מיר האָבען זיי פאַרהאַסט, די תורה מיינע האָבען זיי פיינט,

מיינע מצות גלייכען זיי נים. אָט די אָרטהאָדאָקסישע חברה, זיי ווילען קיין אידען נים זיין, דאָרום ווילען זיי נים דעם רב, וואָס ער פיהרט זיי אין דעם אידישען וועג. אָבער זאָגען זאָלסט דו זיי, אז דער גוי וועט זיי בדלות שטעלען, זיי וועלען צום סוף פאַרקויפען זייער שוהל אויך. האָב אַ טרייסט שמואל, אז אונז ביידען האָבען זיי נים ליעב. —

פרשה תבא

דרוש לצדקה

(ספרי) ושמחת בכל הטוב, אין טוב אלא תורה,
לפיכך הזהיר משה עשר תעשר

יעדער איד, איז פארפליכטעט צו דעם אָנזאָג „והגית בו יומם ולילה". אָבער דאָס איז דאָך אַן אוממעגליכע זאַך, ווי וואָלט די וועלט קענען עקזיסטירען ? ווי וואָלט דער איד, אין אַלגע־מיין געקענט לעבען, אַז אַלע זאָלען מקיים זיין דעם אויבענדער־מאָהנטען פסוק ? און דארום, טאַקע, האָט די תורה געזאָגט: „שמח זבולון בצאתך ויששכר באהליך", פרעה זיך זבולון, ווען דו געהסט צו ביזנעס און פון דיין פראָפיט שטיצט דו דיין ברו־דער יששכר.

פרעה זיך זבולון, אַז דו לעבסט פון דיין אייגענע פאַר־האַרעוועטע, דו דאַרפסט ניט אָנקומען צו „בעלי בתים", אַז זיי זאָלען פאַר דיר מנדר זיין „אַ דאָלאַר בעבור הרב". —

פרעה זיך, זבולון, דו ביסט דער גליקליכסטער פון אַלע דיינע ברידער. יאַ! זבולון, דו ביסט גליקליך. אָבער ווען ? אַז „ויששכר באהליך", אַז אין דיינע בתי־מדרשים זיצען תלמידי־חכמים און לעהרנען און זיי זיינען זיך מפרנס, פון דיינע, וואָס דו גיסט זיי.

„שמח זבולון", אַז אַלע „תלמוד תורות" איז דיינע. דו זבולון, לעבסט פון דיינע אייגענע, און דו, זבולון לעהרענסט טאָג און נאַכט; „שמח זבולון בצאתך", אַז דיין בצאתך, ווען דו געהסט צו דער אַרבייט, אין ביזנעס, איז דיין לעהרנען, זיצט דו אַ גאַנ־צען טאָג און לעהרענסט; פרעה זיך זבולון, פרעה זיך, דו האָסט

די עולם הזה און דו וועסט האָבען עולם הבא. יששכר קען זיך ניט פרעהען, ער האָט ניט קיין עולם הזה, און פון איהם נעהמט מען צו, א העלפט פון זיין עולם הבא, און מען גיט דיר אוועק.

פרעה זיך, זבולון, שמח זבולון בצאתך, אז ויששכר באהליך, אויב ניט, דאָס הייסט, אז דו ביסט א מפרנס דיין ברודער יששכר, דו עפענסט דיין האַנד און גיסט, אָבער אויב ניט, בין איך דיר, זבולון גאָר קיין „בעל מקנא" מיט דיין רייכקייט. ניין, דיין רייכ־קייט מאַכט דיר אומגליקליך. זבולון, דו ביסט גליקליך, ווען אז יששכר באהליך!

די תורה האָט אָנגעזאָגט, „ושמחת בכל הטוב", דו זאָלסט זיך פרעהען מיט דער גאַנצער האָב און גוטס, וואָס גאָט האָט דיר געגעבען, ווען קענסט דו זיך פרעהען, אזוי ווי מיר האָבען גערעדט, אז דו שטיצט די תורה, אָבער אז ניט, איז אז אַך און וועה צו דיין פאַרמעגען.

דאָרום זאָגט דער ספרי, אין טוב, עס קען ניט הייסען גוט, סיידען, דו זבולון, אז דו לעהרענסט, און ביסט מקיים דיין לעהרנען. די תורה האָט אָנגעזאָגט אויך, אז והגית בו יומם ולילה. קענסט דו דען דאָס מקיים זיין? דו דאַרפסט דאָך ארבייטען. און דער תלמיד חכם קען דאָך אויך ניט אויסקומען מיט דעם „והגית", אז ער האָט ניט פון וואַנען צו לעבען.

אַלזאָ! זבולון, „ושמחת בכל הטוב", אָבער אין טוב אלא תורה, דו מוזט לעהרנען, דו מוזט מקיים זיין „והגית", איז אין טוב אלא תורה, דו קענסט דאָך עס אָבער ניט בעווייזען, דאָרום, לפיכך הזהיר משה „עשר תעשר".

זבולון, גיעב מעשר, זבולון, שטיץ די תורה, דאַן וועסט דו קענען זיך פרעהען בכל הטוב. —

מאמרי חז״ל.

בשעה שמת משה רבנו אמרו העליונים צדקת ד׳ עשה ומשפטיו עם ישראל, והתחתונים אמרו, תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב.

מיינע טייערע, וויעדער אמאהל, מוז איך רעדען צו אייך וועגען אונזער נאטור, וואס מיר האבען פון דער צייט זינט מיר זיינען א פאלק, שוין זייענדיג אין מצרים האבען מיר ארויסגעוויזען די נאטור, בעפאר דעם ערשטען „הבה נתחכמה״ — און דאן האט מען נאך געדיינקט אין מצרים, פון אונזער אבשטאמונג, מען האט נאך מיט אונז גערעכענט זיך, ווי מיט בירגער, צוליב דעם אלטען יעקב, איבערהויפט צוליב יוסף׳ן, וואס ער האט גליקליך געמאכט די לאנד מצרים, געשפייזט זי אין דעם הונגער, און רייך געמאכט דאס לאנד, אז אלע גאלד און זילבער פון אלע לענדער איז געבליבען ביי זיי —

און אין יענער צייט, ווען אונז איז גוט געווען, האבען מיר אוועקגעווארפען די פיהרונג פון אונזערע עלטערען, און זיך גענומען צום לאזען וואהלגעהן. אלע פערגעניגענדע פלעצער זיינען גע־ווארען פול מיט זיי, „ותמלא הארץ אותם״, עס איז נים געבליבען א פלאץ אין יענע פלעצער פאר די מצרים. וואו די רייכע גענעראל־שע איז געגאנגען איז געווען פארנומען מיט פלטיאל פאמיליע, אדער שלומיאל, און אנדערע. זיי האבען אזוי פיעל זיך גערוקט אין זייערע פארגעניגענס פלעצער, אז וואו זיי זיינען געגאנגען האט מען זיי געזאגט, אז דער פלאץ איז פארנומען פון די „בני יעקב״.

און דאס האט גורם געווען דעם „הבה נתחכמה״ — און אזוי איז מיט די אידעלאך ביז יעצט. וואו מען לאזט זיי לעבען, וואו זיי

קענען שעפּען די אטמאָספערע, וואו עס איז נאָר פּאַר זיי פריי צו לעבען, ווי אַלע גלייך, דאָ איז דער „וישמן ישורון ויבעט".

דאָס זעלבע יעצט אין דיזען לאַנד, אין דעם לאַנד, וואו מיר האָבען ביז אַ קורצע צייט צוריק ניט געוואוסט פון קיין גלות, אין דיעזען לאַנד, ווי נאָר איינער ארבייט זיך ארויף, אַזוי איז באַלד אראָפּגעוואָרפען פון זיך אַלע הייליגקייט, און מען הויבט שוין אָן פיהרען אַ ניט־אידישען לעבען, דעם נאָמען פאַרביטען אויף זייערע, דעם שבת פאַרשוועכט, די תפלין ליגען און שימלען, קיין „טהרת המשפחה" — נאָר אַלעס וואָס ביי די אומות העולם, דאָס איז ביי זיי טייער. די איסט סיידער אידעלאַך, דער אָרעמער קלאַס און די סתם אידען, וואָס זיינען שוין ביי די קינדער און ווארטען שוין אויף זייער לעצטען טאָג, אַז די זיינען די שוהל־מענשען און ווען ניט דער אָרעמער קלאַס וואָלט מען שוין אין אמעריקא אין קיין שוהל קיין מנין ניט געהאַט.

וואהנען פאַסט איהם שוין ניט דאונטאון, ער מופט אריבער, דער אַלרייטניק, אַפּטאון — און דאָרט איז ער שוין איין אנדער סאָרט מענש אין גאַנצען. אַ איד, וואָס איז יעצט גאָר ניט קיין איד און ניט קיין גוי — און אַז מען פרעגט איהם: „און תורת משה"? — זאָגט ער, וואָס איז משה! געווים איז ער געוועזן אַ קלוגער מענש, און מן הסתם אַ גוטער אויך, אַ פיינער מאַן איז ער געווים געוועזן, אַ קלוגער אויך, אָבער תורה מן השמים דורך משה, דאָס לאָזט זיך ניט גלויבען.

נו, ווי געפעלט ער אייך, דער נייער אויפגעקומענער מיסטער? ער גלויבט נאָר, אַז משה איז געווען אַ פיינער מאַן, אַ באַפרייער פון דעם יאָך פון מצרים, ער האָט גוטעס געטהאָן דעם אידישען פאָלק, אָבער מעהר גלויבט ער ניט.

רעדט מיט די אידעלאַך, וואָס זיינען נאָך ניט פון די אַלרייטניקעס, וואָס געהן נאָך אין שוהל אריין, וואָס האַלטען נאָך שבת, וועלען זיי אייך פאַרגעטערען משה רבנו, אַז ער איז דער נותן התורה, וואָס ג—ט ב"ה האָט געגעבען צו איהם. ביי די ערשטע איז שוין משה אַ געשטאָרבענער, משה איז שוין ניטאָ ביי זיי אלס לעבעדיגער, פון זיי

איז שוין אבגערעדט, ווי איך האב געשריבען אין פריהערדיגע העפ־טען פון „די בימה“ אויף דעם מאמר התנא „ערב שבת בין השמשות נברא קברו של משה“. ד. ה. אין קורצען, דעם שבת וואס משה רבנו האט אונז געגעבען אין מצרים נאך, און נאכהער אין מרה, און ביי קבלת התורה, אז מיר האלטען זיין מתנה טובה, און מיר גלויבען אין זיין שבת, דאן לעבט משה ביי אונז, אבער ערב שבת, ווער עס נעהמט ניט צו דעם שבת, ווער עס נעהמט ניט אן דעם שבת צו רוהען, ביי דעם איז ערשט משה׳ס קבר בעשאפען . . .

ביי די אידלאך, וועלכע האלטען דעם שבת, ביי זיי איז משה א לעבעדיגער, נאר ביי יענע איז ער געשטארבען און זיי בעשאפען פרייטאג פארנאכט זיין קבר, ערב שבת בין השמשות נברא קברו של משה . . .

אין דעם זינען דיינק איך, אז דאס קען זיין דער געדאנק פון דעם מאמר, „בשעה שמת משה אמרו העליונים צדקת ד׳ עשה ומשפטיו עם ישראל, והתחתונים אמרו תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב“.

די עליונים, די רייכע, פון די הויכע ווינדעס, ווי מען דריקט זיך אויס אויף זיי, ווי זיי ווערען עליונים, „אפטאונער יהודים“ פארלירען זיי זייער אידישקייט און איבערהויפט דעם „שבת קודש“ און דאן קען מען זאגען „בשעה שמת משה רבנו“, פון דער צייט, וואס ביי דעם אידען שטארבט אב אונזער „משה רבנו“, אונזער געליבטער נביא, וואס אויף איהם ווערט געזאגט „פה אל פה אדבר בו“, און פון דער צייט, וואס ביי דעם חברה׳מאן שטארבט אב „משה רבנו“, און אז איהר רעדט פון איהם, ד. ה. פון „משה רבנו“, זאגט דער גע־שטארבענער איד (ניט משה איז געשטארבען ביי אונז, מיר ווילען עס ניט זאגען, נאר ביי איהם, ווייל ער איז א געשטארבענער, רשעים בחייהן קרויים מתים), יא, איך זאג אייך, אז משה איז געוועזן א פיינער מאן, אזא סארט ווי אייבראהאם לינקאלין להא״ה — אמת איך גיב צו, זאגט ער, דער קנאקער, „צדקת ד׳ עשה ומשפטיו עם ישראל“, ער האט געגוג גוטעס געטהאן פאר אידען . . .

„והתחתונים" די וואס זיינען נאך ניט אין די הויכע ווינדעס, די וואס זיינען נאך ארעם, און זיי וואהנען נאך דאונטאון, „אמרו" זיי האבען געזאגט, ווען איהר האט נאר זיי געפרעגט, „תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב" — זיי פארגעטערען משה'ן, וויל ער איז דער גרויסער נביא, דער הייליגער מלאך אלקים, דער נותן התורה לעמו ישראל. (דעם דרוש קען מען מאריך זיין, יעדער נאך זיין טאלאנט).

(מדרש)

„מפני מה מת משה בחוץ לארץ, כדי שיעמדו מתים שבח"ל"

ווארום איז משה געשטארבען אין חוץ לארץ? אום די מתים פון חוץ לארץ זאלען אויפשטעהן. ד. ה. „תחית המתים". אזוי איז דער פשט, און דער אמת. — אבער אונזערע חכמים, וואס זיי האבען גע־זאגט א ווארט איז אין דעם אנגעוואונקען נאך און נאך געדאנקען, וואס מען קען עפעס לערנען. אמת איך בין ניט דער יעניגער, וואס זאל קענען זאגען, אז איך קען צו טרעפען זייערע הויכע געדאנקען. אבער דאס איז אויך אמת, און יעדער וועט צו געבען, אז איך הענג ניט אן אין זייערע רייד, עפעס וואס איז געגען אונזער אמונה, געגען אונזער תורה, געגען אונזער רעליגיאן, אויב איך טרעף ניט זייערע געדאנקען, אבער איך טו ניט געגען זייער ווילען, וואס זיי האבען פארלאנגט פון אונז.

איך האב שוין אמאהל געשריבען אויף די שטיקעל רש"י, וואס ער זאגט אין פ' בהר, אויף דעם פסוק „וידבר ד' אל משה בהר סיני לאמר", פרעגט רש"י מה ענין שמטה אצל הר סיני, לומר לך, מה שמטה נאמרו כללתיה ופרטיה בהר סיני אף כל המצות כללתיהם ופרטיהם בהר סיני", וועל איך קיין קשיות ניט פרעגען, נאר איך וועל עס פשוט פאר טייטשען, ווי איך דיינק.

די גאנצע יוגענד בייזאהע פון דער היינטיגער צייט זאגט, אז די מצות, וואס משה רבנו האט געגעבען איז נאר אין דער צייט, וואס מיר האבען געהאט אונזער לאנד, דאן האט מען עס גערארפט האבען,

אבער אז מיר זיינען אהן א לאנד, אהן א „מלוכה", מיר זיינען צוזייט און צושפרייט אין דער גאנצער וועלט, אין דיזער צייט דארפען מיר ניט האלטען די מצות, דארפען מיר ניט לערנען די מצות התלויות בארץ, זא ווי קרבנות א. א. וו. וואו האט מען אונז אבער אנגעזאגט אויף די מצות? דוקא אין דעם מדבר, ווען מיר האבען ניט געהאט קיין לאנד, געגאנגען ביז די קניע אין זאמד, גענעבעטינט אונטערן פרייען הימעל.

דארט אין דעם מדבר האט מען אונז אנגעזאגט די מצות השמטה. דאכט זיך, ווען וואלט מען געדארפט אנזאגען פון שמטה, ווען מיר האבען געקראגען דאס לאנד, טא ווארום טאקע האט מען אונז אנגע־זאגט אין דעם מדבר, ביי דעם בארג סיני פון מצות שמטה? „מה ענין שמטה אצל הר סיני? ווי קומט דער „ענין" פון „שמטה" ביי דעם בארג סיני, דאס האט מען געדארפט אנזאגען אין „ארץ ישראל" ניט אז מען דארף ארומגעהן ביז פערציג יאהר אין אזא „מדבר שממה". — ?

ענטפערט רש"י הקדוש, דאס לערנט אונז, „מה שמטה נאמרו כללתיה וכו' אצל הר סיני" אזוי — ווי שמטה, וואס דאס איז ניט נויטיג אין דעם מדבר, ווען מען שטעהט „אצל הר סיני" דאך איז נאמרו אצל הר סיני, דאס באווייזט, אז אלע מצות, אזוי ווי שמטה, וואס דאס איז ניט נויטיג יעצט דאך מוז מען לערנען און מקיים זיין וואס מען קען, און אז מען קען ניט מקיים זיין דארף מען לערנען, איז אזוי ווי מען איז מקיים, אזוי איז כל המצות, וויפיעל מיר האבען אלע מצות קען מען דען יעצט מקיים זיין אהן א לאנד, אהן אלעס, נאמרו בהר סיני מקיים צו זיין, ודו"ק.

זיי די חברה היינטיגע צו לערנען, אז אלע וואס מען קען יעצט היטען, ווי שבת און זא ווייטער, אזוי דארף מען אלעם היטען אפילו אין דעם מדבר, אין יעצטיגען מדבר ציה, אהן תורה, אהן יראה, אהן אמונה.

אזוי זיינען דא פיעלע, וואס זיי זאגען, אז „משה רבנו" האט נאר אונז אנגעזאגט דא אלע מצות צו היטען זיי נאר אין דער לאנד, אבער ניט אין חוץ לארץ, ווען משה וואלט אליין אריינגעגאנגען אין „ארץ

ישראל" וואלט מען עס געקענט פּיליכט, פּיליכט זאָגען, אַז דאָרט האָט משה מקיים געווען אַלע מצות, אָבער אַז אליין האָט ער גע־וואוסט, אַז ער וועט ניט אריינגעהן אין ארץ ישראל נאָך בעפאָר די אידען זיינען ארויסגעגאנגען פון מצרים, „עתה תראה" אבל לא תראה במלחמת ל"א מלכים און דאָך האָט משה אַנגעזאָגט שמטה, און אַלע מצות, פאַר חלול שבת האָט מען באלד פאַרשטיינט אַ מענשען פאַר זיין מחלל שבת זיין, און זאָ ווייטער, אַלע מצות האָט מען מקיים געווען איידער מען איז אריין אין ארץ ישראל.

„מ"מ מת משה בחוץ לארץ", ווארום איז משה ניט אריינגעגאנ־גען אין ארץ ישראל, און ער איז געשטאָרבען אין חוץ לארץ, נאָר צו ווייזען די שלעכטע, ד. ה. די רשעים, וואָס זיי ווערען אָנגערופען מתים אפילו ביי זייער לעבען, זיי צו ווייזען, אַז אַלע מצות מוז מען מקיים זיין, אפילו אין אַ לאַנד, „כדי שיעמדו" זיי זאָלען שטילען די היינטיגע חברה, זיי זאָלען האָבען אַ קיום דאָך אויף דער וועלט דאָך האַלטען זיי עפּעס, רעדען — רעדען זיי אַ סך, „קבר פתוח גרונם" אָבער דאָך האַלטען זיי נאָך עפּעס, וואָס עס איז שוין אוועק געגאַנגען אזא לאַנגע צייט, שוין די פיערטע טויזענד יאָהר — און דאָך האַלט מען זיך נאָך מיט דער תורה, מיט די מצות, כדי שיעמדו מתים שבחוץ לארץ, עס זאָל זיין קענען זיי אַ בעוויז פון משה רבנו, אַז ער איז אליין ניט אריין אין ארץ ישראל, ווי מיר האָבען געשריבען.

„וכבר תי' רבי יושב ודורש, שילדה אשה אחת במצרים
ששים רבוא — זו יוכבד ששקול משה כנגד כל ישראל"
שנ"א אז ישיר משה ובנ"י (ילקוט)

פריינדע, איך מוז אייך זאָגען, אַ ביסעלע מוסר, האָט מיר נאָר קיין פאַראיבעל ניט, איהר פרומע אידען, אייך מוז מען זאָגען, ווע־מען דען זאָל איך זאָגען, איך זעה דאָך נאָר אייך, זיי זעה איך דאָך נאָר איינמאָל אַ יאָהר, און וואָס קען איך זיי דאָן זאָגען, און וואָס וועט העלפען, אַז איך וועל זיי זאָגען, אָבער אייך צדיקים, פרומע אידען, (צו דערליידען אפילו אייער פרומקייט), איך וועל אייך פרע־גען זייט איהר טאַקע פרום? האָט נאָר קיין פאַראיבעל ניט, ווערט

ניט אין כעס, זייט איהר פרום? דערמיט, וואס איהר טראגט ניט קיין הענקעצע אום שבת? (איך לאך ח"ו ניט פון אייך, איך מיין ניט ח"ו אז עס איז ניט גוט אזוי) איך מוז אייך זאגען, אז איהר זייט ניט פרום! וועט איהר דאך פרעגען ווארום?

וועל איך אייך טאקע זאגען, אט דארום, ווייל יעדער ווארום? האט א דארום! דארום אז איהר טראגט ניט שבת, זייט איהר פיי־נע מענשען, ווען איהר מיינט עס אמת. אבער אז איהר זייט בלאפער, איהר מיינט ניט דעם אמת, נאר עס פאסט אייך אזוי, והא ראי' — ווען איהר וואלט עס געמיינט, ווען איהר וואלט שבת געהאלטען טייער, אויף אן אמת, וואלט איהר ניט געהייסען נאך טראגען אייער טלית מיט דעם סדור, מיט די ספעקס, מיט די שמעק טאבאק אין שוהל אריין. וועמען הייסט איהר דאס? ניט א געבוירענעם גוי, נאר אייער פערצעהן יאהריגען גוי — אייער תכשיט, אייער גן עדן (נייז, גהינם טראגער אדער שלעפער) פיהרער, פאר אייך איז שבת אסור צו טראגען און פאר איהם איז מותר? טאטע צדיק, ווייסטו וואס דו ווערסט גערופען דערמיט, „ירבעם בן נבט" דו מאכסט זינ־דיגען דיינע קינדער.

טאטע זיסער, ליבער צדיק, אז עס רעגענט האלסטו ניט קיין אמברעלע, ווייל ער איז מוקצה און עפענען איז „בונה" פארמאכען איז „סותר", דו ביסט גערעכט, איך וואלט דיר געוואונשען אלדאס גוטס דערפאר, פרעג איך דיר היפאקריט, ביסטו דען דאס ניט? יא, מיין פריינד דו ביסט עס, (זאג אויף מיר וואס דו ווילסט, מיר ארט ניט, אז אזא היפאקריט וועט אויף מיר זאגען אפילו שעלטען) מיין טייערער, איך הער דאך, און זעה דאך, גז"ד — אז דו געהסט אין שוהל אריין, אין א וואלקענדיגען שבת, באווארענסט דו זיך פריהער און דו זאגסט אן דיין טאכטער, אזא טאכטער „שהגיע פרקה להנשא" — הער קיידי וואס איך בעט דיר, איך געה יעצט אין שוהל, און עס איז וואלקענדיג, קען דאך זיין, אז עס וועט רעגענען, זאלסטו, אלזא, אז דו וועסט זעהן, ארום עלף אזייגער, וואס עס איז די צייט, צו געהן פון שוהל, און עס וועט רעגענען פילייכט, זאלסטו צוגעהן צום שוהל

מיט דעם אמברעלע. וואס זאגסטו טאטע זיסער, ביזטו א צדיק, מיט דעם וואס דו טראגסט דעם אמברעלע ניט, אדער דו ביסט...

איך גלויב, אז דו ביסט שוין אזוי פארדארבען, אז דו וועסט נאך דעם עסען זיך נעהמען צו די זמירות און דו וועסט זאגען השומר שבת הבן עם הבת. וואס זאגסטו מיין טייערע, בין איך גערעכט, אז דו ביסט א בלאפער! וואלט ניט בעסער געווען, אז דו זאלסט אין שוהל ניט געהן צעהן יאהר, איידער ווייזען דעם קינד, אז דו טארסט ניט מחלל שבת זיין, נאר זי אדער דיין זוהן מעג, פאר זיי איז מותר, נאר פאר דיר איז אסור.

איך פרעג אייך ביידען, טאטע, מאמע, אז אייער איינגעלע איז אלט פינף יאהר, בעט איהר ביידע ביי גאט, אז איהר זאלט שוין זוכה זיין, ער זאל שוין ווערען זעקס יאהר, מען זאל איהם שוין צו נעהמען אין „סקלה הויז" איך מיין אין סקוהל, אום איהר זאלט שוין פטור ווערען פון אזא חברה'מאן א גאנצען טאג, נאר בעפאר גאט ב"ה גיט אייך צו דערלעבען דעם יאהר פון אזא זכות, היילט איהר זיך צו, און איהר כאפט אריין נאך מיט א יאהר בעפאר, און איהר גיט איהם אוועק כאטש אין קינדער גארדען, און איהר קוועלט אן, אז אייער טרעמפעלע קומט צוגעהן און זינגט א סאנג, וואס עס קען זיין, אז דאס איז א קריסמעס סאנג... און פון אייער אלטע טראדיציאן, די שעהנע רעליגיאן, דעם פילאזאפישען גלויבען, דעם ריינעם גלויבען פון דעם גוטען פאטריארך, „אברהם אבינו" פון דעם דיינקט איהר נאך גארניט, אז מען דארף שוין אנהויבען מיט איהם שטודירען, גע־בען איהם א חדר כאטש אויף א האלבע שטונדע א טאג, דאס טהוט איהר ניט, נאר ווען דערמאנט איהר זיך, אז ער ווערט ניין אדער צעהן יאהר, און דאן בלייבט שוין פאר אייך וועהניג צייט. ביז 13 יאהר בלייבט ביי אייך, אז מען דארף איהם דאך טאקע פיעל ניט לערנען אידישקייט, נאר דעם מפטיר... נו, גענוג פאר אייך, נאר וואס זאגט איהר טייערע, איז דאס ריכטיג?

זייט איהר פרום, דארפט איהר נאכהער פאראיבעל האבען, אז אייער טאכטעריל וואס האט אייך דעם אמברעלע געטראגען צום שוהל שבת, אז וועט נאכהער זיך אויסקלייבען איהר חתן, און ניט

פרעגען ביי אייך און זי וועט אפילו אייך ניט דערציילען ווער ער איז... און זי וועט קומען צו אייך און זאָגען גיט מיר מזל טוב, איך האָב געהייראַטה...

וועט איהר קענען עפּעס זאָגען אייער זוהנעלע, וואָס האָט אייך געטראָגען דעם סדור מיט דעם טלית אין שוהל, אַז ער וועט סמוקען אום שבת?

וועט איהר קענען פאַראיבעל האָבען אויף אייער קינד, וואָס איהר האָט איהם נאָר אויסגעלערענט דעם מפטיר, אַז ער וועט אפילו ניט קענען קדיש זאָגען נאָך אייך? נו, זייט איהר פרומע אָדער ניט. ניין, עס איז אַ בלאָף.

איך וועל אייך זאָגען, אויב איהר האָט קינדער אָדער ניט, אויב מען רופט זיי קינדער אָדער ניט, האָבען האָט איהר קינדער, אָבער מען רופט זיי ניט קינדער, רבי האָט געזאָגט אין אַ דרוש, אַז איין פרוי אין מצרים האָט געהאַט זעקס מאָהל הונדערט טויזענד קינדער, און דאָס איז משה, וועלכע די גליקליכע יוכבד האָט געהאַט. ער איז אָבגעוואויגען קעגען אַלע אידען, ד. ה. ער איז אַליין אזוי גרויס, ווי אַלע אידען צוזאַמען זיינען.

די קאַץ האָט אַמאָהל געזאָגט צו די לייבעכע דו האַלסט זיך גרויס, מען רופט דיר די קעניגין פון אַלע חיה׳ס פון וואַלד, האַלט זיך ניט אזוי גרויס, איך בין פיעל וויכטיגער פאַר דיר, איך האָב אויף אַמאָל זעקס קינדער און דו האָסט נאָר איינעם.

אמת! זאָגט די לייבעכע, ריכטיג ביזטו, דו האָסט זעקס אויף אַמאָהל, אָבער דאָס זיינען קעצעלעך, אויך מיר אַ ווערדע, האָב אפילו צוועלף, איז דאָס אַלץ קעצעלעך, אָבער איך האָב איינעם אָבער אַ לייב...

די קינדער זיינען קעצעלעך יעצטיגע, און פאַרשטייט אליין, יוכבד! האָט אַ לייב, וואָס איז אָבגעוואויגען אנטקעגען אַלע אידען...

ציצים, פרחים ומשלים.

רע"ד

ער דארף נאר דעם רעכענונג.

א באי איז אין א גראסערי סטאר אריין און געפרעגט, זאגט מיר מיסטער איהר האט צוקער. ווי פיעל איז דער פרייז פאר זעקס פייפערס, ער האט איהם געזאגט, דער באי שרייבט, גוט זאגט דער באי יעצט דארף איך פינף פונט פוטער, פינף און צוואנציג פונט פאטייטעס, צעהן פונט קרויט, צוועלף פונט עפעל, זעקס קווארט מילך, יעצט רעכענט אויף צוזאמען, זאגט איהם דער באי — דער גראסערימאן האט אויף גערעכענט און איהם געוויזען, אז עס באטרעפט אכט טאלער מיט זעכציג סענט.

וואו זאל איך עס צו שיקען, פרעגט ער איהם ? ניין, זאגט דער באי, איהר דארפט עס ניט שיקען, איך נעהם עס גארניט, איך האב נאר דאס געוואלט וויסען דעם רעכענונג און די אונטערשטע שורה, ווייל דאס איז מיין סקוהל לעסאן, און איז ארויסגעלאפען.

מיינע טייערע, איהר קומט מיר הערען, ווייל אליין האט איהר נאר קיין מאהל קיין צייט ניט צו בארעכענען זיך וואו איהר האלט אין חשבון. איך מאך פאר אייך דעם חשבון. איך זאג אייך אימער דעם שכר פון דער מצוה דעם עונש פון דער עבירה, איהר הערט מיר אויס זייער גערן, איהר זיצט ביז דער לעצטער מינוט, און אז עס קומט די אונטערשטע שורה, געהט איהר אוועק, און די סחורה לאזט איהר מיר איבער. איהר נעהמט גארניט מיט זיך, איהר זייט זייער צופרידען, וואס איהר ווייסט דעם רעכענונג און דאס אלעס.

רע"ה

מאכען זיך א נאמען.

איך האב שוין בייגעוואוינט אזעלכע, וואס האבען גארניט געהאט קיין נאמען, האבען זיי זיך ערווארבען א נאמען אין די

שוהלען אדער תלמוד תורות דערמיט, וואס זיי האבען רודף געווען זייער רב אדער דרשן, וואס ער האט א נאמען. דאס זעהן מיר אלע טאג.

רע״ו

ביי אונז איז ערשט תשעה באב, און ביי די ראדיקאלען איז שוין נאך שמחת תורה. (זיי האבען שוין לאנג זיך אבגעפרעהט מיט דער תורה).

רע״ז

חתן תורה — חתן בראשית.

שמחת תורה, רופט מען אויף בעפאר חתן תורה, — און נאכ־דעם חתן בראשית — „בראשית״ איז פילאזאפיע, קלערען פון בריאת העולם, די חכמה פון דער בריאה, דערפון איז צו פארשטעהן, אז עם איז דא א באשעפער, אבער פילאזאפיע אהן דער תורה איז א געפאהר. מען קען אלעם מיט דעם שכל ניט דערגרעהן, און דער שכל איז אמאהל אויך גאנץ קרום. דרום לייענט מען בעפאר „חתן תורה״ און אז עם איז דא תורה, איז א מצוה צו שטודירען דעם יודענטהום, פילאזאפיע, חתן־תורה — נאכהער חתן בראשית.

רע״ח

רבנים — חזנים.

אמאהל פלעגט א רב זאגען און חזן פלעגט זינגען. היינט זאגט מען האט אונזער רב געזונגען אין זיין דרוש, גאר א מחיה. און אויף דעם חזן זאגט מען, האט ער געזאגט הלל. איז גאר פארקעהרט דער רב זינגט, דער חזן זאגט. דארום האבען זיי ביידע צו זינגען און צו זאגען...

רע״ט

א גוטע ערפינדונג.

די חכמים האבען געפונען א מיטעל, אז די אפיקורסים זאלען ניט קענען עסען „תשעה באב״, — האבען זיי געמאכט, אז מען זאל תשעה באב אין דער פריה ניט לייגען קיין תפלין...

ר״פ

דער קארגער.

וואס הייסט א קארגער, א מענש, וואס גזל'ט זיך אליין. ער איז שלעכט פאר זיך און גוט פאר יורשים...

רפ״א

אמעריקאנער עבברים.

די עבברים אין אמעריקא זיינען קלאר דעם „שלחן ערוך" פיעל מעהר ווי די אמעריקאנער מעמבערס, ווייל זיי האבען איהם אין גאנ־צען אינסייד, זיי פרעסען איהם אויף.

רפ״ב

א חילוק.

אדם הראשון האט געגעסען פון עץ הדעת צו באקומען דעת, און מיר בייטען אוים אונזער דעת פאר עסען...

רפ״ג

א חילוק.

אברהם אבינו האט זיין זוהן יצחק געפיהרט צום קוילענען פאר א קרבן און האט איהם ניט געקוילעט, דערמאנט מען אלע טאג אין דאווענען, איין מאהל א יאהר אין קריאת התורה „ראש השנה" און פיעלע פארגיסען טרערען דערביי —

אצינד קוילענען אב א סך עלטערען זייערע קינדער, מיט זייער נארישע ערציהונג, און אימיצער זאל דאס נאר א טרער לאזען. דרשנים, רבנים האלטען דרשות פון דער עקדת יצחק, איבערהויפט „ראש השנה" — וואו זיינען אונזערע דרשנים צו רעדען און זאגען וועגען די „עקדת דזשייקעלע, מייקעלע, פייקעלע, בעסעלע, דארעלע און קיידעלע".

רפ״ד

דער קארגער.

קארגע זיינען געגליכען צו ספאנדזשעס, וועלכע נעהמען אריין א סך און גיבען גארניט ארוים, סיידען מען קוועטשט זיי. —

רפ"ה

אַ גוטע ברכה.

אַ רייכער מאַן איז פאַרביינגאַנגען אַן אָרעמאַן, וואָס איז גע־שטאַנען אויף אַ קאָרנער און געבעטען אַ נדבה. גראָדע איז דער רייכער פון די סאָרט גוטע מענשען געווען, אַן אמת'ער נדבן. ער האָט געהערט דעם שרייען פון אָרעמאַן, שיינקט אַ נדבה, האָט ער זיך באַלד געכאַפּט צום פּאַקעט און האָט קיין קלענערע געלד ניט גע־פונען, ווי צוויי דאָלאַר.

מיסטער גיט מיר אַ דאָלאַר מיט פינף און זיבעציג סענט און נאָט אייך די צוויי דאָלאַר. דער אָרעמאַן האָט געזוכט און ניט גע־פונען אַזוי פיעל געלד. זאָגט דער גביר צו איהם, ווייסט איהר וואָס, נאָט אייך די צוויי דאָלאַר און איך וועל אַמאָהל דאָ פאַרביינגעהן וועט איהר מיר געבען די טשיינדזש. דער אָרעמאַן האָט צוגענומען און געזאָגט צום גביר, געזונד און לעבען זאָל אייך השי"ת געבען, איהר זאָלט ניט וויסען פון קיין קראַנקהייט, ביז איך וועל אייך אָבגעבען די טשיינדזש...

רפ"ו

חכמת המסכן.

דער חכם מכל אדם זאָגט, „חכמת המסכן בזויה", מען קען זאָגען, אַז דאָס מיינט, אַז די גרעסטע „חכמה" פון דעם אָרעמאַן איז, אַז ער זאָל זיך מאַכען בזויה'דיק — אפילו ווען ער איז אַן אנשטענדי־גער מענש, ווארום אַז ער וועט זאָגען דאָ אין אמעריקא, דאָס פּאַסט צו טהאָן דאָס ניט, שטייץ, ווי פּאַסט עָס מיר צו פּעדלען מיט אַ פּושקאַרד און דאָס גלייכען, דאַן איז ער אומגליקליך. אָבער ווען ער שעמט זיך ניט, אבי נאָר פאַרדינען, נאָר כשר, וועט ער שוין מאַכען אַ לעבען. „חכמת המסכן" די גרעסטע חכמה פון אָרעמען מענשען, איז — בזויה, צו מאַכען זיך בזויה'דיק.

רפ"ז

מזל

ווארף אריין א מזל'דינגען אין ים, וועט ער ארויס שווימען מיט א פיש אין מויל. —

רפ"ח

בר מינן.

איז אזעלכער, וואס איהם פעהלט דער חוש צו פיהלען ווי גליק־ליך ער איז. —

רפ"ט

וואס איז דער חילוק —

פון איין אטאמאביל צו א פראסטען וואגען. דער חילוק איז, א פראסטען וואגען שלעפט דער פערד דעם וואגען, און איין אטא־מאביל, שלעפט דעם פערד. —

ר"צ

"ואהבת לרעך — כמוך".

די תורה האט אנגעזאגט ליעב דעם צווייטען ווי זיך. די קארגע גבירים זיינען עס זעהר מקיים, זיי ליעבען ווי זיך דעם צווייטען, דעם ווען זיי זעהן אין שפיגעל, ווען זיי שטעהן ביי איהם. —

רצ"א

ליגען זאגען.

עס איז דא א טאג נאר אויף זאגען ליגען (ערשטען אפריל), פאר וואס קלייבט מען ניט אויס א טאג, אין וועלכען צו זאגען אמת — כאטש איין מאהל א יאהר. —

רצ"ב

די חכמים און די רייכע.

מען האט געפרעגט ביי א חכם, ווער איז מעהר געאכטעט די חכמים אדער די רייכע?

האט דער חכם געענטפערט: די חכמים זיינען מעהר גע־עהרט.

האט איהם יענער געפרעגט: מיר זעהען דאך אז די חכמים געהען ביי די רייכע און די רייכע געהען ניט ביי די חכמים?

— יא! — האט דער חכם געענטפערט! געהט דען דער קראנ־קער צום דאקטאר אדער דער דאקטאר געהט צום קראנקען?

רצ"ג.

פאר'ן דאווענען.

א פרומען אידען קען טרעפען, אז אמאל זאל ער עסען פאר'ן דאווענען, אבער היינטיגע קען ניט טרעפען אזא זאך, אז ער זאל עסען פאר'ן דאווענען, ווייל זיי דאווענען ניט.

רצ"ד.

א גוט ווארט פון א רב.

א בר־מצוה אינגעל האט געזאגט זיין דרוש אין ענגליש. פון עלטערען דור וואס האבען זיך דארטען געפונען האט קיינער ניט פארשטאנען. פרעגען זיי ביי דעם רב: רבי, וואס זאגט ער?

„ווארום פארשטעהט איהר ניט וואס ער זאגט? איך וויים וואס ער זאגט. ער זאגט זיך אפ פון אידישקייט!...

רצ"ה.

א מגיד און א דאקטאר.

די מוסר־ספרים גלייכען צו דעם מגיד צו א דאקטאר. דער ערשטער קורירט דעם גייסט, דער צווייטער — דעם קערפער. נאר איין קליינער אונטערשייד איז פאראן צווישען זיי ביידען: אז דער דאקטאר זאגט וויינט מען, און אז דער מגיד זאגט אפ קוועלט מען פאר שמחה...

רצ"ו.

דער צונג.

דער צונג איז א שווערד, וואס ווערט קיינמאל ניט פאר־ראסטעט.

רצ"ז.

די צוויי הענט.

דער מענש האט צוויי הענט, כדי ער זאל טהיילען מיט איינער, וואס ער באקומט מיט דער צווייטער...

רצ"ח.

וואס דו טראכטסט.

דערצעהל ניט פאר קיינעם דאס וואס דו טראכטסט — דען פיליכט קענסטו עס ניט טהון, וועסטו בלייבען א ליגנער.

רצ"ט.

איבערווארטען.

אז מען קען ניט איבערווארטען דאס שלעכטע, קען מען דאס גוטע ניט דערלעבען.

ש.

דער אונגליק.

אז דער אונגליק דארף אימיצען טרעפען, טרעפט ער איהם אפילו אויף דעם גלייכען וועג.

ש"א.

וואסער קיור.

די ערשטע וואסער קיור איז געווען דער מבול און זי האט מעהר געטויטעט ווי געהיילט.

ש"ב.

קלוג.

קלוג איז דער וואס ווייס צו קומען אין דער רעכטער צייט. נאך קליגער איז דער וואס ווייס אוועקצוגעהן אין דער רעכטער צייט.

ש"ג.

דער טראפען.

דער טראפען לעכערט דעם שטיין, ניט דורך קראפט, נאר דורך זיין אפטען פאלען.

ש"ד.

די עלטער.

די עלטער איז פאר אונוויסענדע ווינטער, פאר געלערנטע שניט צייט.

ש"ה.

גנבים.

פאראן גנבים וואס ווערען פון די געזעצען ניט באשטראפט, באטש זיי רויבען אוועק ביים מענשען דאס טייערסטע: די צייט...

ש"ו.

בלומען.

רייניג דיין פעלד פון מיסטיגע גרעזער און די שמעקעדיגע בלומען וועלען שוין אליין ארויס וואקסען...

ש"ז.

שלעכטע זיטען.

זיך אבגעוועהנען פון שלעכטע זיטען איז לייכטער היינט ווי מארגען.

ש"ח.

זעלבסט זיך באזיעגען.

זיך זעלבסט באזיעגען איז דער שעהנסטער זיעג. זיך זעלבסט באקעמפען איז דער שעהנסטער קאמף.

ש"ט.

די געלד.

געלד איז פאר קלוגע א מיטעל, פאר נארען א צוועק...

ש"י.

ניט באדויערען.

דעם אונגליקליכען מענשען דארף מען ניט באדויערען, נאר העלפען.

שי"א.

פריי דענקער.

מאנכע רופען זיך פריי דענקער. פריי איז ריכטיג, דענקער איז פאלש.

שי"ב.

בילדונג.

דערווארצעל פון בילדונג איז ביטער. אבער די פרוכטען פון בילדונג זיינען זיס.

שי"ג.

דער שקר.

די חכמים זאגען שקר אין לו רגלים. דער שקר האט קיין פיס. און אין דער היינטיגער וועלט זיינען פאראן א סאך, גאר א סאך, וואס באלאנגען צו דער חברה צער בעלי חיים... דארום טראגען זיי דעם שקר אויף די הענט און פיהרען איהם אין אויטאמאביל.

שי״ד.

דענק אַלע מאָל.

דענק אַלע מאָל וואָס דו טהוסט, אָבער טהו ניט אַלע מאָל וואָס דו דענקסט.

שט״ו.

דעם מענשענ׳ס לעבען.

דעם מענשענ׳ס לעבען איז גלייך צו אַ קינדערשפּיעל. אַ גאַנצען טאָג שפּיעלט זיך דאָס קינד מיט אַלערליי שפּיעלצַלאַד, אָבער ווען עס קומט דער אָווענט, ווערט עס מיעד דאָס קינד, לאָזט אַלעס איבער און אַליין געהט עס שלאָפען...

שט״ז.

ווי געפעלט אייך דער שלעפער?

אַז עכטער אָרטאָדאָקס, פאַר׳ן שלאָף לייענט ער קריאת שמע (געוועהנליך עסט ער בעפאָר סאָפּער), האָט ער ביידע זאַכען. דעם מאַגען שטעלט ער צופרידען, אויך זיין נשמה. אַזעלכער וואָס איז ניט פרום — אָבער ער האָט וואָס צו עסען — ער עסט אָב סאָפּער, דעם שטעלט ער צופרידען, אָבער די נשמה ניט. אַז אַרימאַן אַ פרומער עסט ניט קיין סאָפּער, אָבער ער לייענט קריאת שמע, שטעלט ער כאָטש צופרידען זיין נשמה מיט אַ קריאת שמע. אָבער אַז אַרימאַן ניט קיין פרומער עסט ניט קיין סאָפּער, דער מאַגען האָט קרחת און די נשמה האָט אַ קרענק, אַז אַך און וועה איז צו איהם...

שט״ז.

די גוטע מענשען.

די גוטע מענשען לערנען פון די שלעכטע מעהר ווי די שלעכטע פון די גוטע...